STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01951

FORMEN IN BREN

M. Hosid

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. חָסיד

פאָרמען אין ברען

דערציילונגען

הילע געצייכנט פון ש. בעזפראָזוואני

ווילנע — 1937

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

M. Chosid — „Formen in Bren"
Zakłady Graficzne inż. G. Kleckina, Wilno, Kwaszelna 23

וו י נ ע ר י ש

אין ווין, אויף דער מאַריאַ=טערעזאַ=בריק איבערן דונאַי, האָט אויף אַן אַלטער ציִ=האַרמאָניקע געשפּילט דעם אָפּגענוצעוועטן ראַדעצקי=מאַרש אַ בלינדער בעטלער. פּאַרוועבט האָט ער אין מאַרש אַרײַן אַן אָפּגעבליאַקעוועטע ווירטסהויז=פּאָפּורי, פון איר אַריבער אויף אַ צעצויגענעם ווינער=וואַלס, פּאַרכאַפּט, אין אימפּעט, אַן אַלטפרענקישן ביליקן שאַנסאָן און אַ פריילעכן היידן=מענועט, איינוועגס אויך אָפּגעפּאַרטיקט אַ שפּאָגל=נײַעם ראַפּינירטן גאַסן=שלאַגער, ביז ער האָט זיך ווידער דערשלאָגן צום געוויינלעכן ראַדעצקי=מאַרש. און אַזוי אַ קײַלעכדיקן טאָג. פּאַרנאַכט האָט ער אָנגעלאָדן זײַן אינסטרומענט אויף זיך, אויסגעליידיקט פונעם ליגנדיקן היטל די אָנגעוואָרפענע נדבה=גרייצערס, מיט אַ גענעטער האַנט אָפּגעוויגן זייער ווערט — און אײַלנדיק, ווי נאָך אַ שווערן יריד, זיך געלאָזט אַהיים, מיט אַ נאָך צעזשומעטער האַרמאָניקע, אין דער צופאַלנדיקער נאַכט אַרײַן.

צומאָרגנס איז ער ווידער אַרויס אויף זײַן שטעל, ווי טאָג אײַן, טאָג אויס. צי ס'האָט אַ מעטאַלענער גלאַנץ פון אַ פרילינג=זון געשפּילט מיט די בלוילעכע פאַלדן פון דעם דורכזיכטיקן דונאַי=קאַנאַל, צי ס'האָט אַ דעצעמבער=שניי געפּאַטשט אין די באַקן און אַן אײַז=קריע אַרומגעשווומען אויף די פאַרשלייעמטע קאַלעמוטנע וואַסערן — אים איז עס ניט אָנגעגאַנגען. ער האָט צוליב זײַן אייגענעם קומען וועגן אָפּגעשפּילט דעם זעלבן מאַרש, ווי כסדר, דערנאָך פּינקטלעך אויסגעפירט אַלע נומערן פון זײַן שטענדיקן רעפּערטואַר און געענדיקט מיטן מאַרש, כדי צו קענען רויִק אַהיימגיין. האָט ער געמעגט זײַן זיכער, אַז ער וועט שוין

דעם טאָג מער קיין נדבות ניט קריגן, אָדער, פאַרקערט, ער האָט צומאָל געמעגט האָבן זײַן בעסטן טאָג אויך אָן דעם שפּילן, — עס קער זיך ניט אָן, — זײַנס האָט ער געמוזט בשלימות אָפּגעבן. דערבײַ איז אים קיין חילוק ניט געווען, צי גייט עמעצער דורך און הערט אַ פּאָר טענער, צי איז גאָר קיין נפש אויף אַ רפואה ניט צו געפינען אַרום און אַרום מײַלן־ווײַט, און נאָר די שווערע בריק־אַרקאַדן הערן זיך אײַן מיט זייערע שטאָלענע אויערן אין זײַן מוזיק, — שפּילן האָט ער אַלצאיינס געשפּילט.

נאָר זעלטן־ווער האָט געקענט אין זײַן ניגון דערטאַפּן עפּעס אַ נײַעם ניואַנס, אַ וועלכע־ס'ניט־איז אָפּווײַכונג פונעם סקאַרבאָוון גאַנג. נאָר זעלטן־ווער האָט געקענט אין אַ ביטערער זאַווערוכע דערהערן אַ פאַרקלעמטן זיפץ אין פרייליכן מענועט— און אפשר האָט זיך עס אים אויך נאָר אויסגעדוכט. און נאָר זעלטן־ווער פון די, וואָס זײַנען מאַסנווײַז פרילינג־צײַט אַרויס פון די פעריפעריע־לעכער און נאָרעס און זיך געלאָזט מיט בלייכע אויסגעדערטע פּנימער שעפּן אַ ביסעלע וואַרעמקייט בײַם נאָענטן ליבן קיי (אַ פּלאַץ בײַם דונאַי), האָבן געגלויבט, אַז די מאַרצאָווע פוילע ווינטעלעך צעפּלאַטערן אינעם בעטלערס שפּילן עפּעס אַ מאָדנעם פאַרבענקטן, קיינמאָל נאָך ניט געהערטן טאָן, — אָבער, משמעות, אַז ס'האָט זיך זיי נאָר געחלומט, ווײַל אין דער אמתן האָט ער געטרײַ און פּינקטלעך אויסגעפירט זײַן אַרבעט, אַזוי געטרײַ און אַזוי פּינקטלעך, ווי די ווינער יעקעס האָבן אים טאָג־טעגלעך אָפּגעטראָגן זייער נדבה־שטײַער, אים, זייער ווינער בעטלער, דער בריקס־צירונג.

נאָר איינמאָל אין יאָר האָט זיך דער בעטלער דערלויבט צו פאַלשעווען, אין פאָלקס־קאַרנאַוואַל. פון פרימאָרגנס אָן האָבן זיך שוין אין דעם טאָג אָנגעהויבן וואַנדערונגען פון פרייליכע געזעמלען איבער די ברייטע ליכטיקע שטראָזן. די קאַרוזעלן אין פּראַטער האָבן זיך צעלאָזט מיט צאַפּלדיק־פרישע מעלאָדיעס, און באַלאָנען ווי ראַקעטן זײַנען אַרומגעפלויגן אין די בלאַסלעכע לופטן און זיך פאַרוועט אין פליען מיטן ריזן־ראָד, וואָס האָט געגליטשט זײַנע הוידעלקעס איבער הימלישע הייכן. פון די

רינג־גאַסן און ראָגן האָבן זיך אַרויסגעשאַרט די עלטסטע, יאָדער־דיקסטע עסטרײַכער, אַלע געשניטענע שובערט־קעפּ, און אין טראַכטן, ווי פּאַר פראַנץ־יאָזעפס צייטן, מיט אַ בלייכער פּאַר־חלומטקייט אויף די קרענקלעכע פּנימער, זיך אויסגעשטעלט בײַ די פּאָרענטשעס פונעם דונאַי און געקוקט אין די באַזונענע ווײַטן אַרײַן, ווו ס'האָט געווימלט פון געפּוצטע ווײַבער מיט בלומיקע קרינאָלינעס גלײַך אויף אַן אַלטמאָדישן גאָבעלין.

און דעמאָלט האָט זיך ערשט אַרויסגעשטעלט, אַז העט־העט אינעם האָריזאָנט שוואַרצט דער געדיכטער ווינער־וואַלד, וואָס געוויינלעכע פאַסאַנטן פון אַ גאַנץ יאָר טוען אים כמעט קיינמאָל ניט באַמערקן, אין אַז ערגעץ אויף אַ משופּעדיק בערגל ווײַסט זיך, פאַרשניטן אין חלל אַרײַן, דער קאַבענצל־האָטעל, די אַמאָליקע פּראַכטפולע קייזער־רעזידענץ אויסער דער שטאָט. און ווין האָט זיך צעשפּרייט פאַרן אויג און אויסגעשטרעקט אירע גלידער, ווי אַן אויפגעוועקטער בער נאָך אַ בייזן ווינטער, און איבער אירע בעטאָן־געפלאַסטערטע שאָסייען האָבן זיך געקאַטשעט גומענע רעדער פון אַלטמאָדישע קאַרעטעס און פאַרלוירן געוואָרן אין די טונקעלע ווינקלען פון גרינציגער אַלייען. און דעמאָלט האָבן די האַרמאָניקע־לעכעלעך ניט געטריפט קיין טענער, נאָר זוניקע מעטאַל־ספּלאַוון, מעלאָדישע ספּיראַלן, אויפגעווירענע אין דער צעכוואַליעטער אַטמאָספער. און דעם בעטלערס שוואַרצע ברילן האָבן אַזש אָנגעהויבן פינקלען, ווי ס'וואָלטן זעענדיקע וועלטן דורך זייערע גלעזלעך געקוקט.

און דערמיט האָט זיך אויך אָנגעהויבן די גרויסע מזיגה. ווײַל אָט זײַנען אָנגעקומען די האַרציקע ווינער גאַסן־מיידלעך, די נדיבותדיקע שאָפערן און קעלנער, וואָס האָבן הײַנט געהאַט זייער פרײַען טאָג, און פון זייער האַנט איז דאָס היטל בײַם שפּילער גיך פול געוואָרן איבערן ווערך. און ווי פּאַראַיאָרן, ווי אַלע יאָר האָט דער בעטלער לכבוד זייער קומען וועגן אויפ־געעפנט זײַן פוטליאַר און אַרויסגענומען זײַן אַלט פאַרפראַשעט אָנגעפּיקעט פידעלע און אויסגעצויבערט דערפון זײַן יום־טובדיקע מעלאָדיע: „טרינק, טרינק, ברודערל, טרינק!“ — און בײַ די

ווערטער: „לאָז די זאָרגן פאַרבײַ" — איז ער, ווי זײַן שטייגער איז געווען, אַזוי אַרויס פון די כּלים, אַז ער האָט אַוועקגעלייגט זײַן אינסטרומענט, פאַרשלאָסן דעם גאַנצן רעמענעגט זײַנעם, אַוועקגעמאַכט מיט ביטול דעם פּדיון: ער איז מוחל דער וועלט די נדבות אירע. און ער אַליין האָט גענומען ס׳שטעקעלע זײַנס אונטערן אָרעם, און דעם דאַרן קאַפּעלוש אויפן שפּיץ קאָפּ, מעשה ווינער „גיגערל" (פּאַצעט, פּראַנט) און זיך געלאָזט מיטן שטראָם איבערן קאָרסאָ פּראַנק און פרײַ.

פון אַלע זײַטן האָבן אים געגרייכט ברייטע שלום־עליכמס:

— „כ׳האָב דעם כּבוד, הער דאָקטאָר! מײַן הויכאַכטונג, הער דירעקטאָר! קאָמפּלימענטן, הער — — ט־ע־ק־טאָר!"

און צוויי שיינע ווינער „פּופּערלס" (אַ צונאָמען פאַר מיידלעך: טעקלעך) האָבן זיך אָנגעהאַנגען אין זײַנע אָרעמס און אים חניפהדיק אַרײַנגעשמייכלט אין פּנים אַרײַן: „איר פאַר־ברענגט הײַנט מיט אונדז, הער קאַפּעלמײַסטער?" און ס׳איז אים אַזש וואַרעם געוואָרן פון די הייס־בלוטיקע צוגעלאָזטע מיידלעך און ער האָט פאַר גרויס אויפגעלייגטקייט אָנגענומען פולע הויפנס מינץ פון די קעשענעס און זיי צעשאָטן אין די היטלעך פון די נאָך פאַרבליבענע בעטלער, מיט דעם זעלבן זשעסט און מאַניער, ווי ס׳האָבן זײַנע קונדן אים אַרײַנגעשאָטן יאָרן נאָכאַנאַנד. און די מיידלעך האָבן דערבײַ געהאַלטן אין איין גוגערן און זיך פּאַטשען צו אים און אַלע ווײַלע אויסגעקראַצט ערגעץ ווו אַ בײַעם אָרעמאַן:

— „יעזוס, מאַריאַ, יאָזעף! אָט דעם האָבן מיר, נעבעך, פאַרטיילט, אָט דעם האָבן מיר אינגאַנצן פאַרקוקט. אָ ווײ!"

ביז ער איז מיט זיי אַרײַן אין אַ ווירטסהויז. ס׳האָט זיך דאָרט געטאָן קאָפּ אויף קאָפּ. ממש הימל עפן זיך. אָבער פאַר אים איז, ווי אַלע יאָר, רעזערווירט געווען אַ טישעלע אין ווינקל, פאַר אים און פאַר צוויי דאַמען — פּונקט ווי תּמיד און ווי כּסדר, איז דער קעלנער צו און זיך פאַרבייגט אין דרײַען, פרעגנדיק: „וואָס באַשטעלן פאַר די דאַמען?" — כאָטש ס׳איז נאָך פון פאַראַיאָרן פעסט געווען באַשטימט און באַשטעלט דרײַ

פּאָרציעס גולאַש (ראָסל־פלייש) און אַ ביר פאַר יעדן. דערנאָך, אויפגעלייגטערהייט, האָט דער בעטלער אויף אַ חידוש ווידער באַשטעלט צו גולאַשן פאַר יעדן און ביר און דאָס זעלבע אויף איבעראַיאָר, און גלייך נאָכדעם האָט זיך לעבן זיי אָפּגעשטעלט אַן אַלטער הויזירער און מיט אַ רחמנות־פּנימל געבעטן: „קויפט עפּעס פאַר די דאַמען”, און די מיידלעך זיינען ווי אויפגעשפּרונגען: „האָט איר ניט עפּעס אַ נייס, אַ חריפותדיקס?” און האָבן לאַנג געזוכט אַן אָריגינעל שפּילעכל אין זיין קויש, ביז איינע פון זיי האָט אַנטדעקט אַ קליין גרין טיראָלער היטעלע מיט אַ פעדער און אַ האָן אין דער זייט, און די צווייטע, נאָך אַ גרעסערע איבערקלייבערין, האָט געזוכט פאַר זיך טאַקע עפּעס אַן עקסטרע פיין צאַצקעלע און געפונען גאָר אַ שפּאָגל־נייע מציאה — אַ קליין גרין טיראָלער היטעלע מיט אַ פעדער און מיט אַ האָן אין דער זייט. און די ערשטע האָט אָנגעמאָסטן איר היטעלע און די צווייטע האָט אויף איר קוקנדיק געלאַכט, דערנאָך האָט זי אָנגעטאָן איר היטעלע און די ערשטע האָט שיר ניט געפּלאַצט פאַר געלעכטער, ביז זיי זיינען געפאַלן אויף אַ פרישער המצאה און זיך געביטן מיט זייערע שפּילעכער, זיי אָנגעמאָסטן און ווידער געלאַכט, און אויף זיי קוקנדיק האָבן די געסט, דער הויזירער און אַפילו דער קעלנער זיך געהאַלטן ביי די זייטן. און אַלע דאַמען פון די אַרומיקע טישלעך האָבן זיך אַזש מתקנא געווען אין די צוויי און זיך אויך געלאָזט קויפן די אייגענע היטעלעך, אָבער דער הויזירער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט שוין גאָרניט פון דער סחורה, פּונקט ווי ס'האָט אים פאַראַיאָרן ניט געסטאַיעט, און ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט באַדויערן: „אַ שאָד, וואָס כ'האָב פריער ניט פאָרויסגעזען, אַז עס וועלן זיין אַזויפיל בעלנטעס פאַר דעם אַרטיקל”.

און דערנאָך, העט שפּעט אין אָוונט, ווען ס'איז געקומען די צייט צום צאָלן, איז דער בעטלער אַזוי צעפּלאַמט און צעקאָכט געוואָרן, אַז ער האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס גאַנצע קליינגעלט, וואָס ער האָט פאַרמאָגט נאָך, עס אַ שאָט געטאָן דעם קעלנער טרינקגעלט און נאָר איין קליין מטבעלע האָט ער זיך איבער־

געלאָזט פֿאַר אַן אָריגינעלן צוועק, ווי פֿאַראַיאָרן, און האָט מיט זײַנע דאַמען פֿאַרלאָזט דאָס לאָקאַל, אונטער אַ שטורעם פֿון אָפּשיידס־לידער, אויסגעשרייען און צערעמאָניע־מאַרשן, וואָס מ׳האָט לכּבוד אים אָפּגעשפּילט.

און אין דרויסן האָט דער אָוונט זיך בלוטיק אָפּגעזעצט אויפֿן אילומינירטן ראָטהויז, און אינעם פֿראַטער האָט זיך געטראָגן אַן אומענדלעכער „אַך" פֿון באַוווּנדערונג, און דעם בעטלערס באַגלייטערינס האָבן צעענפּט פֿאַרליבטע סענטימענטאַל־פֿײַכטע אויגן און געשעפּטשעט מיט אַ הויך פֿון טרויער אין קול: „אָט אַזוי, פֿאַרלאָזט איר אונדז שוין טאַקע, הער דאָקטאָר? צו אַלט זײַנען מיר, הייסט עס, פֿאַר אײַך? אָ, איר, די אייביקע מיידכן־יעגער" —

און זיי האָבן דערבײַ, האַלב־איראָניש האַלב־פֿאַרדריסלעך, געשמייכלט. און ער האָט זיך דערפֿילט פֿריקרע און גענומען פֿאַרענטפֿערן פֿאַר זיי: „אַלט איז שוין דער הער דאָקטאָר, אַלט, מײַנע „פּופּערלעך". נישט צו מאַכן, ס׳איז שוין צײַט פֿאַר אים אין בעט אַרײַן, יע, יע".

און די דאַמען האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל פֿון פּרעטענזיעס: „אַ שאָד, וואָס מיר האָבן דאָס פֿריער ניט געוווּסט. באַדאַרפֿט אין דער צײַט עס אונדז מעלדן. אָבער שיין איז עס דאָך געווען, ניט אמת?"

— „און געמיטלעך, ווי נאָר דער ווינער קען" — און בײַ די ווערטער האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן און ער האָט זיך דערנאָך געלאָזט זײַן וועג, ווי אַן אַלטער פֿירשט בײַם באַזוכן אייגענע פּאָסעסיעס, און אויפֿן וועג האָבן זיך אים נאָכגענומען אַלע די, וואָס האָבן הײַנט, אין דעם איינציקן שפּע־טאָג זייערן, פֿאַרדינט אַזויפֿיל טרינקגעלט, אַז ס׳וועט זיי גענוג זײַן אויפֿן גאַנצן יאָר אומצוקערן דעם חוב צו די זעלבע. פֿון וועלכע זיי האָבן עס געקראָגן. און ער האָט זיך בײַ זיי נאָכ־געפֿרעגט: „נו, וואָס האָט אײַך דער הײַנט געבראַכט?" — כאָטש ער איז שוין פֿון פֿריער זיכער געווען, אַז דאָס זעלבע ווי

פאַראיאָרן, ווי פאַר צוויי יאָרן, ווי שטענדיק. און זיי האָבן אים גוטברודעריש אָנגענומען ביים אָרעם און זיך געפּרוווט פאַרשלעפּן אים אין אַ גאָענטן שענק אַרײַן, צו פאַרזוכן דאָרט אַ גלעזל הײַעריקן ווײַן. אָבער אים איז ניט אָנגעשטאַנען שוין פון איצט אָן גלײַך נעמען זיך טרינקען אויף אַ פרעמדנס חשבון, האָט ער זיך געבּרעקלט, געווערט, געבעטן בײַ זיי — נאָר דער סוף האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ער האָט זיך אַהיימגעשלעפּט העט שפּעטער, מָלֵא און גאָר אויפן אויפגעלייגטן פאַרנעם, מיט אַ שיכּור לידל אין מויל.

און האַרט פאַר זײַן מקום־מנוחה האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אין דעם טיוואָלי־באַלאַגאַן מיטן „וואַטשמאַן" (אַ פיגור פאַר לוסט־שלעגער), וואָס איז געשטאַנען אַזוי נעבעכדיק און זיך געבעטן ממש, מ'זאָל אים דערלאַנגען אַ פּאָר פּליאַסק איבער זײַנע אָנגעמאַליעוועטע קוקלע־בעקלעך, און דער באַלאַגאַנשטשיק, דער אייגנטימער, האָט געהאַלטן אין איין שרײַען: „אײַלט אײַך צו, מײַנע דאַמען און מײַנע הערן, מיר שליסן, מיר שליסן", און דערזעענדיק אים, דעם בעטלער, האָט ער היימיש אַ רוף געטאָן: „הער דאָקטאָר, אויף אײַך האָבן מיר עס טאַקע גראָד געוואַרט, עס פעלט נאָך נאָר אײַער גרײַצער צום סך־הכּל".

און ער האָט אַרויסגענומען זײַן מטבעלע, וואָס ער האָט עס בכּיוון פאַר דעם תּכלית־וועגן פריער באַהאַלטן, און עס אָפּגעגעבן דעם אייגנטימער, דערנאָך שטומערהייט אַרומגענומען דעם „וואַטשמאַן", גוטמוטיק געגלעט זײַנע ווייכע, פאַרביקע בעקלעך און אים אַראָפּגעלאָזט צוויי פּעטשלעך אויף זײַן פּנים מיט אַ פאָטערלעך שמייכעלע.

ערשט ווײַט איבער חצות האָט דער באַלאַגאַנשטשיק אים אַוועקגעפירט פונעם אָרט, וווּ ער איז שטייענדיקערהייט אײַנ־געשלאָפן, און צוברענגענדיק אים צו זײַן רו־אָרט, אַ זאָג געטאָן: „באַצאָלט האָט איר נאָר פאַר איין פּאַטש, הער דאָקטאָר, ס'בלײַבט פון אײַך אַזוי־אַרום אַ חובֿל אויף איבעראַיאָר. גו־ט־טע נאַכט־ט"!

און צומאָרגנס האָט אויף דער מאַריאַ־טערעזאַ־בריק איבערן דונאַי, אויף אַן אַלטער צי־האַרמאָניקע געשפּילט דעם אָפּגענוצעוועטן

ראַדעצקי=מאַרש דער בלינדער בעטלער, און ווי תמיד האָט דער שכנותדיקער אָרעמאַן, איידער ער נעמט איבער זײַן פּאָסטן, דורכגייענדיק, אים אַרײַנגעוואָרפן דעם ערשטן גרײַצער אויף אַ פּעטשאַטעק.

.1932

אַ ק ר ע נ י צ ע

דער זומער האָט שוין געהאַט אַ קענטיקן רוק געטאָן זיך צום תמוז צו, צו דעם ריַיפן און שווערן תמוז, מיט אַ טרוקענער זעט פון הויך=אויפגעגאַנגענע זאַנגען און האָריק=געפלאָכטענע פּאַפּישויעס. קליאָן=ביימער האָבן אָנגעהויבן אויסביַיטן זייער פרילינגדיקע קופער=רויטקייט אויף מאַט=גרין ביז העל=געל. בערעזעס און טאָפּאָלן האָבן שווער דערצויגן אַן אָטעם פון צעפּאַליעטן אײן=סוף און אונטן האָט נאָר ווו=ס'ניט=איז אַ פאַרשפּעטיקט קאַרשן=בוימל אַראָפּגעלאָזט אַ טרוקן איַינגעשרומפּענע קאַרש און אַ פאַרלוירענע מאַלינע האָט איַינגעדאַרט אין אַ געדיכטן קוסט.

ס'איז געגאַן צום סעזאָן פון טרויבן און קאַווענעס. די דאָרשט האָט געבראָכן אַ זאַפטיק=רויטער אַרבוז און אַ טעלער טונקל=פאַרביקער מוסט. אין דער שטויביקער היץ איז געהאַנגען אַ פאַרחלשטער געשריי פון פויערים, וואָס האָבן אָנגעטריבן זייערע בהמות איבער ליימענע וועגן און געאיַילט אין אַ דאָרף אַריַין אָנצוכלעפּטשען זיך מיטן שאַרפן ציין=ברעכנדיקן קוואַלוואַסער. אין שטעטל איז געווען אַ רענדל אַ טרונק.

אין דער ציַיט האָט שליאָמע אַרענדאַר מיט די אייגענע הענט אַרויסגעצויגן דאָס ערשטע קעסעלע פון דער ניַיאויסגעגראָבענער קרעניצע און האָט געגעבן די שכנים צו פאַרזוכן און מבינות זאָגן.

די קרעניצע האָט ער געגראָבן ביַי זיך אויף דער פּאָדווירע. דריַי באַשטעלטע פויערים פון דאָרף האָבן פאַר אַ טאָפּ בראַנפן און פינפערלעך דערצו אים אָפּגעטאָן די אַרבעט, אַרומגעצוימט

די קרעניצע מיט פּליטעס שטיינער און פון אויבן געשטעלט אַ דעכל, ווי ס'געהער צו זײַן.

שליאָמע אַרענדאַר האָט פון דעם טאָג אָן אַ שם באַקומען אין שטעטל מיט זײַן וואַסער. יידן האָבן גענומען עולה־רגל זײַן צו דער קרעניצע, טאָג ווי נאַכט, מיט קעסלען, קריגלעך, שעפּע־לעך, אַמאָל אַפילו מיט אַ פּשוט אָקעלע און ביז אַהיים האָט מען עס שווער דערטראָגן. פון אַלע אָפּיצינעס איז מען געלאָפן מיט גלעזער אָפּשעפּן צו ביסלעך, פאַרזוכן אַ לעק מיט אַ לעפּעלע אײַנגעמאַכטס דערצו. מען שפּילט זיך עס עפּעס מיט שליאָמע אַרענדאַרס וואַסער! און ווי ס'געשיקט זיך, האָבן בײַ דער קרעניצע ניט פאַרפעלט קיין אומגליקן. קעסלען זײַנען אַרײַן אין וואַסער אַרײַן, שטריק האָבן זיך אָפּגעריסן אינמיטן דערינען און מ'האָט דערנאָך געדאַרפט מיט האַטשיקעס זיי אַרויסשלעפּן און ספּעציאַליסטן זײַנען אָפּגעשטאַנען טעג און געקלויצעט דעם גרונט און געזוכט צו פאַרטשעפּען אַן אויערל. דאָס רוב איז ניט געגאַנגען מער אין קעסל, ווי אין דער אַמביציע: ס'טײַטש, פאַר־וואָס זאָל מען עס לאָזן דעם רוח? אַוודאי איז פון די אַלע קלויצענישן דאָס וואַסער קאַלעמוטנע געוואָרן, זאַמדיק.

מ'האָט אָפּט געמוזט רייניקן דעם קוואַל, צעמעמען די שטיינער און די הוצאות זײַנען געוואַקסן אויף שליאָמעס חשבון. ער האָט ווייניק גליקן געכאַפּט בײַ דער קרעניצע. אָבער אַזאַ טבע האָט ער שוין געהאַט: ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן קיין אַנדער וואַסער פאַר קיין געלט. זײַן גומען איז געווען אַ דאַר־פּישער, אַ מבין אויף פּליסיקס, און דערפאַר טאַקע האָט ער זיך אויסגעהיט פון אַלע חולאתן, וואָס אַ האַלב שטעטל האָט אויף זיי געקרענקט. זאַמד און שטיינער אין דער גאַל און געשוואָלענע פיס, אַפילו פון צרעתן אויבן לײַב און אַנדערע מיחושן האָט אים דער אייבערשטער אויסגעזאָרגט און אַלץ בזכות דעם ריינעם טרונק.

און טאַקע דערפאַר האָט ער גענומען אויף זיך די קלאָפּאָטן, געמאַכט זײַן הויף פאַר אַ רשות־הרבים און זיך געלאָזט קאָסטן איבער דער מאָס, כאָטש געווען איז ער פונעם געמיינעם גראַד.

געקומען איז ער אין שטעטל אַרײַן ערשט ניט לאַנג און מיטגעבראַכט מיט זיך זײַן אַרענדאַרישע נשמה. אין דאָרף איז ער געווען אַן אײַנגעפונדעוועטער מכּמה יאָרן, פון דור=דורות, און געלאָזט דאָרט טיפע וואָרצלען. ביז אין איין מגיפה=טאָג האָט זיך זײַן ערשט ווײַב אָפּגעטראָגן און ס׳האָט אָנגעטראָגן ווידער אַ שלימזל פון ערגעץ=ווו, אַ שטעטלדיקע בעדערקע. פאַרפּלאָנטערט האָט זיך די בעדערקע מיט עפּעס אַן ערל, נאָר דערנאָך איז זי פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן צו אים אין איינעם אַ פלאָען ווינטער און זיך אַזוי אַרײַנגערוקט אין די בײַנער אַרײַן, אַז ער איז צו ביסלעך צוגעוויינט געוואָרן צו איר און האָט בעל=כּרחו געשטעלט מיט איר אַ שטילע חופּה. אַן אַלמנס חופּה איז דאָך סײַ=ווי=סײַ אָן צערעמאָניעס. וואָס האָט ער דערבײַ אײַנגעשטעלט?

ס׳הייסט, דערנאָך האָט ער יאָ דערפילט, וואָס ער האָט אײַנגעשטעלט, נאָר ס׳איז שוין געווען ווי דער ערל זאָגט: „פּישי פּראָפּאַלאַ" (שרײַב, אַז ס׳איז פאַרפאַלן). זי האָט אים געהאַט מיט וואָס צו נעמען און אויך דעם זון פון דער ערשטער. איז ווײַס וועש יעדן שבת צו דער מינוט אין בעט אַרײַן, איז אַ ריין ביטל און אַז מ׳דאַרף איז אָנזייפן אַ פּלייצע, ניט געמינעט זיך, פאַרקאַטשעט די אַרבל און מ׳זאָל עס געווען צוויי מאָל דערמאָנען — אָסור. און אַזוי לויט דער ריי. תּחילת אים, דעם באַלעבאָס די אַלטע בײנער צעריבן און אָפּגעצאָגן, דערנאָך אים אַרויסגעפּטרט, איז דעם זון, זיך ניט צערעמאָניעט מיט אים, אַרײַנגעשטופּט אין וואַסער אַרײַן און גלײַך באַשוירן. ווו קריגט מען דען אַנדערש אין דאָרף אַ שערער? שפּעטער די נעגל אָפּגעשניטן, פאַרקעמט בײדע מאַנסבילן און אַפילו די שנור אויך געמאַכט פאַר אַ מענטשן. אַז מען שמועסט: געווען אַ בעדערקע, איז דאָך ניט שייך.

זי האָט פון זיי דעם „גוי" אַראָפּגעטריבן. אַן אַנדער פּנים גאָר באַקומען. נאָר ס׳איז אים ניט אײַנגעפאַלן, וווה׳ן זי צילט דערמיט. ערשט שפּעטער, ווען ער האָט זיך געכאַפּט, איז שוין געווען לאַנג נאָך אַלעמען. אײַ, וואָלט זי אים געווען פריער

אַ פּיפּס טאָן אַפילו, אַז זי קערעוועט אין שטעטל אַרײַן, וואָלט ער זי געמאַכט מיט דער בלאָטע. אָבער אַצינד, אַז ער איז שוין אויך אָפּגעווייַנט געוואָרן פון דאָרפישן שטייגער, האָט אים שוין פאַרפעלט מיט וואָס זיך צו ראַנגלען אַקעגן איר. און אין איין שיינעם פרימאָרגן איז ער אַריבער אין שטעטל אַרײַן.

אַ שטעטל איז בבחינת אַ גיהנום אויף דער וועלט. און שליאָמע אַרענדאַר האָט עס גוט געוווּסט. אַחוץ דעם האָט ער ניט פאַרגעסן, אַז ער האָט אויף זיך אַ בן אורצע און אַ שפּרינצע פאַר אַ שנור. פון דער בעדערקע אָפּגעזען. עס פאַרשטייט זיך, אַז מיט אַזאַ רעמענענט האָט ער פון אַ שטעטל באַדאַרפט וויַיכן אויף צען מיַיל, נאָר אַז ס'איז באַשערט אָפּצוקומען, האָט ער געוואָלט כאָטשבע אין אַ זיַיטל, העט אין אַן עק פאַררוקט, ווו ס'איז פאָלג מיך אַ גאַנג פון לצים, רכילותניקעס און ביַיטל־שניַידער.

און ער האָט זיך פאַרקליבן אויף דער קלויסטער־גאַס, דאָרט, ווו שטעטל און דאָרף פּנימען זיך אָן. גראָד קריכן אויס אינדערמיט די לעצטע גאַסן, ניט ווי אין געדיכטן מאַרק, ווו צען היַיזער האָבן איין היטל אויף זיך און אַ בשותּפותדיקע פּריזבע. זיַין היַיזל איז געשטאַנען אַ מהלך וויַיט פון דעם שכן, אין דער זיַיט איז אויך געווען אַן אָרט צו פאַרזייען אַ פּאָר טשעטוועריקעס קאַרטאָפּל און באָבעס, צו האָבן אַן אייגן אוגער־קעלע ביַי דער שטוב און אַ פּריש ציבלקעלע. מען איז דאָך, ניט צום פאַרזינדיקן, אַ ישובניק — און אַ ישובניק, זאָגט די וועלט, האָט אַ פאַרשאַרטן שלונג.

זיַין געסל איז געווען אַ מין דאָרף להבדיל. אַז מען עפנט אַ פענצטער קיין מזרח־זיַיט, הערט מען פון דער גוייִשער קוזניע דעם האָפּערדיקן קלאַנג פון שמיד, אַ הירזשען פון אַ יונג לאָשעקל און אַ פויגל טוט זיך אַ שאַרף דאָס צינגל אין שנאָבל און פאַרגייט זיך. אַ ווינט טראָגט זיך אָן פון דאָרף רוי־ערדיק און פאַרשלאָפן. אָבער וויפיל פליַיס טריַיבט עס אָן אויף אים. אַפילו אין בעסטן מיט פון שבת, ווי נאָר עס טוט אַ וויג זיך אַ פירהענגל און אַ לופטער דורך, גליַיך שטייט ער אויף, שליאָמע, כאַפּט דעם סערדעט אויף זיך און פאַרבלאָנדזשעט אין

סעדל אַרײַן. כאָטש אַרבעטן לאָזט עס אים ניט, איז ער זיך מתיר נדר און טוט ווי־ניט־ווי אַ גלעט אַ יונג בוימל און אַ פֿאַרגלײַך אַ קאָרטש, אָדער ער טרינקט אָן אַ קו און אַ קיצל דאָס קעלבל.

פֿון זײַן מערב־זײַט פֿענצטער האָט ער שוין ווײניקער הנאה. דאָס דרימלט אונטערן שאָטן פֿון פּוליווריק, אַ שטעטלדיקער תּבֿואה־סוחר האַלט דאָרט זײַן לאַגער, פֿון דאָרט ציט זיך אַ גנאָי־ריח און אַ יידיש וואַרמעס, אַ פּאַסאָליע און קאַשע־יויך איז כּסדר צעגאָסן אויף די טרעפּ און אַמאָל עפּעס נאָך ערגערס.

דערפֿאַר איז אין דרום־זײַט ניט קיין מאַנגל אין נגידים. דאָס געסל איז אייגנטלעך כּמעט אַ נגידיש, אײַנגעטונקט אין יחוס. די גבֿירים האָבן אַ סבֿרא אויך ליב — וואָס ווײַטער פֿון אייגענע. גלײַך לעבן אים, טויער בײַ טויער, איז דאָס סאַמע זעמל־מעל, ר׳ אַבֿרהם ניסיס. אַ ייד אין די יאָרן, מיט אַ גאָלדענער ברילן אויף דער פֿאַרריסענער נאָז און מיט אַ גאָלדן כאָטש שוין היפּשלעך פֿאַרגרויט בערדל און מיט אַ פֿאַרהאָנגען בײַכל. טאַקע דעם ר׳ אַבֿרהמען האָט ער צו פֿאַרדאַנקען וואָס ער איז צוגעטראָטן בויען אַ קרעניצע.

ער, שליאָמע, האָט שוין פֿון לאַנג, זינט ער איז אַריבער אין שטעטל אַרײַן, געהאַט עס אויפֿן אויג צו זען, ווירעמערט־וואַרעמערט, צונויפֿריידן זיך מיט די אַנדערע בעלעבאַטים מכּוח דעם. ער איז, אמת, ניט מי־יודע ווער, ער זאָל זיך נעמען דעות זאָגן און נאָך פֿאַר אַזוינע נגידים, וואָס, מישטיינס געזאָגט, וואָס פֿאַר אַ ראָלע שפּילט בײַ זיי די עטלעכע קאַרבּוינים, וואָס מען דאַרף אַרויסלייגן אויף אַזאַ זאַך. נאָר מחמת ער האָט זיך געפֿילט אַ ביסל קאָמפּעטענט אין ענין פֿון ערד און איז געווען בײַ זיך אַ גאַנצער פּלאָטניק, האָט ער געקלערט: „הע, ס׳וועט ניט לאַנג געדויערן, מירן עפּעס זען אויפֿטאָן... אונטערשטעלן אַ פּלייצע. מײַנע הענט און אַ פּאָר פּויערים דערצו, און אַז מען וועט דאַרפֿן, דרייט זיך אַ זון אויך אַרום אין שטוב. און אַז זיי וועלן קיין חזירים ניט זײַן און וועלן ניט זשאַלעווען דאָרט דאָס קלייניקייט, איז קלאָר ווי דער טאָג“.

דערווײַל האָט אָבער שוין זומער געטאָן אַ שלאָג אין די פענצטער, אַרײַן אין די ביינער אַרײַן. אַ ליאַדן פּרימאָרגן האָבן זיך פּויערים מיט פּאַרסמאָליעטע פּנימער, מיט לאָפּעטעס און גראַבליעס געצויגן אין פעלד אַרײַן, אָדער געגאַנגען אויף צוריק. פּויערים פּאַרהלשטע נאָך אַ טרונק, מיט פּאַרכלינעטע מײַלער, מיט אַ נאָגנדיקן גלאַנץ אין זייערע גרין־מינענדיקע אויגן. ווי פּאַרציטערטע זײַנען זיי צוגעפּאַלן צו די פענצטער און גערופן און גערופן: „פּאַניע שליאָמקע! פּאַניע שליאָ־מקע! אַ טרונק!..“ און ס'וואָלט ניט געקלעקט פּאַר זיי אַ ים. און דאָ האָט אים אַליין אויסגעפּעלט. אַנדערע יידן האָבן פּאַרהאַקט טיר און טויער און זיך געמאַכט כּלא יודע. וואָס־זשע, אַ דאַרף וואָלט, חלילה, געקאַרגט אַן עמער וואַסער? שליאָמען האָט דאָס פּנים געפּלאַמט פּאַר בושה. און פּויערים האָבן צו אים געהאַט אַ דריסת־הרגל, האָבן זיי אײַנגעטענהט מיט אים: „שליאָמע, אויף אונדז קוק. טו אַ שפּײַ אויף דײַנע „זשידקעס“. אַז ס'וועט קומען צו גראָבן, זײַנען מיר ניט קיין מפּיל־קינדער“.

און דאָס ווײַב די בעדערקע האָט דערנאָך צוגעבראַכט איר פּלאַן: „פּאָלג מיך, נעם און מאַך. דערנאָך וועסטו שוין קריגן צושטײַער. וואָס־זשע, אַזוינע נגידים וועלן ניט קראַנק זײַן אויף דערנאָך. ווער ס'וועט וועלן אַ קעסעלע וואַסער, וועט במחילה אַוועקלייגן אַ פּירער, ווי אַ טאַטע. מען וועט זיך אויסשלאָגן די הוצאות, זײַ אויסגעזאָרגט“.

און אין סאַמע געדיכטן מיט פון שמועס האָט דאָס ערשטע מאָל אַ כאַפּ געטאָן אַ קוק צו זיי ר' אַברהם־ניסים.

— „איַ, איַ, זיך מטריח געווען אַזש ביזן פענצטער. נו, קומט שוין אַרײַן, קומט. בײַ אונדז איז ניט גאָט ווייסט ווי פײַן, מיר זײַנען געמיינער גראָד. אָבער דערפאַר, פּאַוואָליע, צי איר וועט נאָך ערגעץ אין שטעטל קריגן אַ ראש־חודש־רעטעכל גלײַך פון דער ערד, ווי בײַ אונדז, און אַ פּאָמידאָר איז אָפּגעשמועסט. יידן ווייסן דען, וואָס גוט איז?“ — האָט ר' שליאָמע זיך ברייט צעלייגט.

— „נו, גיי שוין, גיי — האָט דאָס ווײַב איבערגעקערט

דאָס מעלק=שעפעלע — וואָס=זשע, ר׳ אַברהם זײַנען עפּעס זשעדנע אַ נאַש? אָן זייער שאָדן, אויף אונדז געזאָגט געוואָרן. אָבער פּאָרט וועט איר אונדז מסתמא ניט פאַרשעמען און פאַרזוכן אַ דונעלע, ערשט צעפּיקעט די שאָלעכץ און ווייך, זאָג איך אײַך, טעם גן=עדן. אָדער דאַרף אײַער ווײַב ניט אַ ביסל פּעטרושקע צו אַ יאַיכל? כיכע, כיכע. וואָס=זשע, אַ בריה אַ ווײַב ווי אײַערע קען אַוודאי שוין האָבן לאַנג געמאַכט אַלץ פאַרטיק".

בײַ ר׳ אַברהם ניסיס האָט זיך, לא עליכם, שווער טעלע=בענדעט די צונג, ווי מען וואָלט אים מאַנס געוווען מיט עפּעס, אָבער ער האָט דאָך באַוויזן אַרויסצושטאַמלען:

— „ווייס איך, אַז שפּרינצע אײַערע, אַזוי הייסט זי, דוכט זיך מיר, האַ? — ער האָט געטאָן מיט אַ פּאָר פאַרזשמורעטע אייגלעך אַ קוק אויף איר — ווען זי וועט וועלן אָנרײַסן דאָרט אַ פּאָר בינטלעך; נאָר צו וואָס זאָל איך זי מטריח זײַן, ס׳איז מסתמא דאָ בײַ איר בילכערס אין זין... ס׳איז בײַ אײַך, קיין עין=הרע, אַ גערעטענע שנור, אַ פאַרשוין".

ר׳ אַברהם ניסיס האָט אָפּגעוואַרט אַ ווײַל און דערנאָך זיך געגנומען צום עצם=הענין דורך אַ הינטער=טירל:

— „וואָס, ר׳ שליאָמע, אַ טרוקענער זומער. אַלטע לײַט, זקנים געדענקען ניט אַזאַ פּאַסעכע. ס׳זאָל חלילה ניט שאַטן נאָר פאַר די פעלדער. ווייניק האָב און גוטס האָבן יידן אַריינגעלייגט?"

ר׳ שליאָמע האָט אויפגעהויבן קאַלעמוטנע=גראָע אויגן און פאַרזאָרגט געקוקט צום הימל:

— „יע, זומער וואָס מער עס רעגנט איז בעסער. נאָך אַ ביסל זון קען אַ רעגן ניט שאַטן".

— „וואָס=זשע מיינט איר, הײַנט פאַרלאָזט מען זיך ניט מער אויף דער השגחה — האָט ר׳ אַברהם זיך אַרײַנגעלייגט אין חקירה — מען ווייסט שוין צו מאַכן אַ רעגן אָן אַ כמאַרע. און באַזונדערס אַ גערטנדל דאָרט, אַז מען דאַרף באַוואַסערן. כ׳זע, עס טריקנט שוין בײַ אײַך צו ביסלעך. איר זײַט, ניט צו פאַר=זינדיקן, אַ בעלעבאָס. דאָס זעט מען דאָך, נאָר עס וווּנדערט מיך. קיין וואַסער בײַם הויז, בײַ אײַער עסק?"

ר׳ שליאָמען האָט אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרץ. סוף־כּל־סוף זיך דערוואַרט. און ער שלאָפט שוין די נעכט ניט, בויערט זיך דעם קאָפּ — ווי נעמט מען שטיינער? אַ פּאָר ברעוונעס גוטע, זיי זאָלן ניט פוילן? און היינט ווי פועלט מען ביי שכנים אַ צושטייער? און דאָ האָט מען זיך אָפּגערופן.

ר׳ אַברהם האָט דערוויל ווייטער גערעדט:

— „שכנות איז שכנות. אַז איר וועט דאַרפן עפּעס אַ הילף. וואָס־זשע, מען זאָגט זיך אָפּ? איך צושאַרן וואָס מען דאַרף. דערנאָך וועלן מיר אַ חשבון האָבן. אַ קרעניצע. ס׳איז דאָך טייערער פון ברויט. אַן אייגענעם קוואַל אויפן הויף, זהב טהור, ווער קען דאָס אָפּשאַצן. און סיי־ווי־סיי, ר׳ שליאָמע, ווי מען נעמט זיך פאַר, אַזוי העלפט גאָט. בטחון״.

ר׳ אַברהם האָט באַקומען עטלעכע בינטלעך שאר ירקות און האָט זיך מיט דריבנע, נאָר איילקע טריט אַרויסגעשאַרט אַהיים. און ביים אַרענדאַר איז איבערגעבליבן אַ גריל אין קאָפּ: פאַרוואָס ניט געפרעגט מכּוח די שכנים? וויפיל וועלן זיי עס אַריינלייגן אין עסק? ווער מיט וואָס וועט קומען צו הילף? מאָרגן זעט ער אים ווידער?

אָבער דאָס ווייב האָט פון אים חוזק געמאַכט:

— „ביסט אַ בער. וואָס הייסט, אַ מענטש קומט אַליין, און וואָס־זשע, מיינסט, צוליב דיינע רעטעכלעך? ער האָט זיך פאַרבענקט נאָך פּעטרושקע? ער האָט דיר געוואָלט אַ טורקע טאָן, און איצט וועט פּשוט זיין מעשה־חוזק, ווען דו וועסט נאָך וואַרטן. וועסט ניט בדיל־הדל ווערן, מען וועט דיר העלפן. אַזוי איז דער דרך פון זיי, מיטן ברייטן פאַרנעם. ווער שטעלט זיך אויף אַ קלייניקייט?

אַז מען האָט צומאָרגנס אָנגעהויבן די אַרבעט, זיינען צוגעקומען נאָך שכנים. אַלע האָבן באַטראַכט, געעצהט, פּאָטאַ־קעוועט, יעדער האָט אַ גוט וואָרט אַריינגעשטעלט:

— „אָט דאָס הייסט אַ יידישע נשמה. פּשוט, די גאַס געראַטעוועט. ס׳איז דאָך געווען אַן אָפּקומעניש. זעט נאָר, מאַכט זי וואָס טיפער. צוימט זי אַרום, ס׳זאָל קיין אומגליק ניט טרעפן,

חלילה. אינעווייניק אויך אויסשטיינערן. אַ דעכל שאַדט ניט אויפצושטעלן און אַ קייט אַן אײַזערנע. קעסלען זײַנען הײַנט טײַער".

ר' שליאָמע האָט דערווײַל געהאַט זײַנס אין זין. ער האָט גענומען מיט זיך נאָך אַ פּויער. ביידע האָבן זיי געהאַלטן דרײַ־שפּיציקע ווערבע־פּרוטיעס אין די הענט, צוויי שפּיצן האָבן זיי פעסט געדריקט צו די קני און דעם דריטן אַרונטערגעלאָזט. געגאַנגען איז מען שטילינקערהייט און נאָכגעשמעקט. די פּרוטיעס האָבן זיי באַדאַרפט אָנטײַטן, ווו מען זאָל זיך שטעלן גראָבן. אַ ווערבע האָט שוין אַזאַ טבע, אַז זי שמעקט אָן וואַסער פון אונטער דער ערד. דאָרט ווו די צווײַגעלעך האָבן זיך אַ צי געטאָן אַראָפּ, דאָרט האָט מען אײַנגעגראָבן די ריסקלען, אַ שפּײַ געטאָן אין די דלאָניעס אַרײַן און עס צעריבן, צעטרעסעט די טשובאַטע קעפּ אַזוי, אַז די קוטשמעס זײַנען פון זיך אַליין אַראָפּ, דערנאָך מיט אַ שווערן קרעכץ זיך אונטערגעמונטערט און גענומען זיך צו דער אַרבעט. אינדערפרי האָט מען אָנגעהויבן און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען שוין פון דער טיף, זיצנדיק אין באַליעס, גענומען פירן אַרויף נאַסן ווייכן ליים, זיך געצלמט און געהייסן אָנגרייטן שטיינער און האָלץ.

ר' שליאָמע האָט דעמאָלט געפּועלט בײַ זיך אָנצוקלאַפּן בײַ ר' אַברהם ניסיס. ווײַל ר' אַברהמען האָט מען עפּעס ניט געזען די לעצטע טעג. מסתמא איז ער געווען פאַרטאָן אין געשעפטן און אפשר ניט מיט אַלעמען. ר' שליאָמע האָט אָבער געוואָלט אים דערמאָנען מכּוח זײַן צוזאָג וועגן מאַטעריאַל פאַר דער קרעניצע און טאַקע בשעת־מעשה אַ ווונק טאָן, אַז אַן אײַזערנע קייט און אַ דעכל און נאָך אַנדערע קלייניקײַטן קאָסטן געלט ודי למבין.

און געטראָפן האָט ער ר' אַברהמען שטיין בײַם פּלויט בײַ זײַנעם און בגנבה אַרויסקוקן צו די אַרבעטער בײַ דער קרעניצע. דערזעענדיק אים, שליאָמען, האָט ר' אַברהם געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט ערשט דאָ געהאַט געטאָן זײַנע הצטרכותן און זיך געקנעפּלט די הויזן אויף גיך, דערנאָך זיך געפּעדערט

אַנטקעגן דעם אַרענדאַר און אים אָפּגעגעבן מזל=טוב. וואַסער ברענגט שפע און ברכה. אָט דאָס איז אַ מענטש, ווייס זיך ווי צו פאַרזאָרגן. ער פאַרדינט זיך דערמיט עולם=הבא. פון עולם=הזה איז שוין אָפּגערעדט. ער, אַברהם, מיינט נאָר, אַז זי איז צופיל פאַררוקט אָן אַ זייט. ר׳ שליאָמע וועט דאָך קיין האַרץ ניט האָבן צו פאַרווערן יענעם אויך אַמאָל אָנצושעפּן אַ ביסל וואַסער, אָדער אָנצוטרינקען אַ בהמה. איז מהאי טעמא וואָלט ער געדאַרפט פאָרויסזען און זי מאַכן ביים גאַנג, אַניט וועלן דאָך די מענטשן זיך תמיד סליפּען איבער דער פאָדווירע און אים אָנטאָן כלערליי שאָדן. נאָר, בע, פאַרפאַלן, איצט קען מען זיך נאָך אויך אַן עצה געבן. אָט ווען ער, ר׳ שליאָמע, עפנט צו אים אין הויף אַריין אַ טירל, וואָלט ער, אברהם, פאַרזאָגט זיין דינסט מיטן האַרבן וואָרט נאָר צו גיין אַרום און זיך ניט דערוועגן אַנדערש ווי אַרומערט. צו וואָס יענעם דערצערענען און זיך דרייען פאַר די אויגן אַהין און אַהער? אָ, זאָגט נישט, ס׳איז טאַקע ניט אָנגענעם".

ר׳ שליאָמע האָט פאַרטאַיעט אַ קוק געטאָן אַרום זיך און געהאַט אַ לעפּקע טעם אין מויל, ניט געפונען קיין מוט צו דערמאָנען וועגן דעם צו וואָס ר׳איז אייגנטלעך געקומען און האָט אַ קלער געטאָן עס אָפּצולייגן אויף אַן אַנדערש מאָל.

אָבער ר׳ אברהם האָט אַליין פאַרכאַפּט די נעץ פאַר די פיש:

— „שאַט נאָר, שאַט. האַ, וואָס? כ׳האָב טאַקע געוואָלט פרעגן, איר וועט דאָך מסתמא אַ דעכל ניט פאַרגעסן. ווי געשיקט זיך, איר ט׳אָך ניט וועלן דורך אייך זאָל עמעצער חס=ושלום ניזוק ונהרג ווערן. האַ, ווי? היינט אַ קייט. אינעווייניק קלערט איר אויך אויסצושטיינערן? המם, איר האָט אַ נגידישע השגה. מאַכט נישט אויס, מאַכט נישט אויס, ווער ווייסט היינט ווער ס׳איז מער נגיד. דערווייל האָט איר אַ קרעניצע, און אַנדערע—אַ פייג. האָט איר שוין אָפּגעוואָרפן מאַטעריאַל? ניין? ווי געשיקט זיך עס, באַדאַרפט פאָרויסזען. מ׳לאָזט ניט אויף דער לעצטער מינוט". —

ר׳ שליאָמען איז אַלץ מער קשה געוואָרן: „כ׳מיין, ר׳ אברהם, איר האָט געהאַט אַ זאָג געטאָן... איר גלויבט, כ׳וואָלט אַליין געווען געגומען אַזאַ צרה אויפן קאָפּ? ווי וועל איך, אַ געמיינער

מאַן, דאָס אַלס נאַסטאַרטשן? ברעוונעס און אַ קייט... שטיינער... ס׳קאָסט דאָך אַן עשירות. און דאָ האָב איך נאָך געהאַט אַ פוילע וועסנע... הײַנטיקע פרנסות... ר׳ווייסט ניט?"

ר׳ אברהם האָט זיך אַ מינע געטאָן, ווי עמעצער וואָלט צו אים צוגעשטאַנען: „ברעוונעס, כ׳האָב טאַקע פריער געמיינט, ס׳ליגט ביי מיר דאָך אַוועקגעלייגט, וואָלט איך זיי אײַך אָפּגעלאָזט אין קרן. אַ שכן, פאַרפאַלן, וואָס טוט מען ניט פאַר אַ שכן. נאָר האָט זיך באַדאַרפט פאַרלויפן אַזאַ געשיכטע. ווייסט איר, אַז שטאָט נעמט זיך צו אַ באָד? קהל דאַרף אַ באָד, ווער לייקנט דען, אָבער וואָס בין איך דאָ עפּעס מער מחוייב פון אַיעדן די שטאָט צו שפּײַזן מיט האָלץ, זאָגט איר אַליין, איך בעט אַייך? האָט מען זיך אָבער אַרויפגעלייגט אויף מיר, דער רב און די דיינים, זיי דאַרפן אַ מקווה, פאַרשטייט איר, און צו מיר לאָזט זיך עס אויס, מײַן קאָפּ־דאַרעניש. און אַז ס׳איז געקומען צו רייד, איז טאַקע, איר, ר׳ שליאָמע, זענט דאָך שוין אויך פאַררעכנט פאַר אַ שטיקל באַלעבאָס. שבת אין שול, און אַזוי, מ׳קומט צווישן מענטשן. האַ? איז, כ׳מיין, אַ באָד, ס׳דאָך אַ שטאָט־זאַך. כ׳ווייס, מיר וועלן די טעג אַרויסגיין מיט אַ צעטל, פון וואַנען דען זאָל מען נעמען אויף צו דעקן?"

ביז שליאָמע דער אַרענדאַר האָט דערזען די טיר פון זײַן אייגן הײַזל האָט זיך אים געדוכט, אַז ער קריגט די עקטיקע. ר׳איז אַריין צו דער בעדערקע און צו איר אויסגעלאָזט זיין פינצטער האַרץ: „דו, הולטײַקע, אַזוינע און אַזוינע, נעמסט און מאַכסט פון מיר אַ בער? אַ פאַרברענט זאָל ווערן שטאָט. איך דאַרף די וועלט פאַרזאָרגן מיט וואַסער?" —

דעם אויפדערנאַכט האָט ער זיך געלייגט אָן אַ רעכט מעריב דאַוונען, ס׳האָט זיך אַלץ געקנוילט אין קאָפּ אַ כעס, אַ פאַרדראָס אויף צעפּלאַצט צו ווערן. אַ ווײַלע האָט זיך אין אים צעברענט אַ נקמה־פײַערל: מיט קאָפּ אין דער אדמה, אַזוי קומט דיר, דאָרפס־גוי! גייסט זיך זאַטשעפּען מיט אַ שטאָט? געזאָלט כאָליען דאָרט אין דאָרף! מיט גויים וואָלסטו גיכער אויסגעקומען — און באַלד איז אים אַרײַן אַ נײַ בינדל — ער הערט זיי ווי אין טראָק. ס׳הינטער טירל? ניין, טאַקע ס׳פּאָדערשטע אויך לאָזן אָפּשליסן, און זאָלן

זיי וויסן, די ימח־שמוניקעס. אַ חזיר זאָל זיי רינען איבערן פּיסק, און זאָלן זיי וויסן...

ס'האָט שאַריעט אויף טאָג, ווען שליאָמע האָט זיך אין די הוילע מײַטקעס געשלעפּט אין זײַן הויף אַרײַן און זיך געפּאָרעט בײַם פּלויט. פריש און טונקל האָט זיך געהילט ס'שטעטל אינם קאַיאָר, זיך געהילט אין אים און פון אים אויסגעטאָן צוגלייך. אָט האָט ווי אַ רויטלעכער סטאָן זיך אָפּגעריסן אַ הימל־שפּרייט, אָפּגעריסן און פאַרריסן זיך אין האָריזאָנט אַרײַן. העט־ווײַט, ווו די דאָרפישע געקעסטלטע בייטן האָבן זיך געצויגן איבערן פאַר־טומאַנעטן באַרג, האָבן געניזדערט פויערים, געגאַנגען אין פרימאָרגן אַרײַן מיט שוואַרצע פאַרטאַיעטע סילועטן, געטראָגן אויף די צע־שויבערטע קעפּ אַ פעלדישן הימל, אַ ווײַט פאַרגוייִשט לעבן, אַן ערדישן שטיק לעבן, שוואַרץ און זאַפטיק. און ער, שליאָמע, האָט דאָס לעבן נאָר אַרויסגעהערט פונם ריזלען אין זיין ברונעם, פון דעם טיפן שעלעשטשען, פון עפּעס אַ ווינטל, וואָס ווערט צומאָל שווער און צומאָל אַזוי וויך, פילט אָן די אויערן שטויסנווײַז, שטויסנווײַז. באַלד טוט אים אַ בליאַסק די זון. ס'הייבט אָן פאַר־קאַלכט ווערן דער טאָג. ס'צעפּראַלן זיך געוועלבן, שטעטלדיקער רעש, ווערט ס'לעבן ווי אַ רויט אָפּזעצעכץ, עפּעס אַ שטויביקער הו־האַ — און ער ווערט אויס ער. מ'הייבט אָן זיך סליפּען אויף זיין פאָדווירע. מ'רעשט בײַם ציען קעסעלעך וואַסער, ביים פּרעג־לען, קאָכן, צושטעלן. ער בלײַבט שווער זיצן אויף דער פּריזבע, נאָר דער דאַך־סטריך פאַרשטעלט אים מיט אַ שאָטן און ער ציט דעם אָטעם, וואָס טראָגט זיך קוים פון ווײַטע סעדער, און דער אָטעם שווערט, שווערט...

ער האָט נישט געפּועלט בײַ זיך די קרעניצע צו פאַר־שליסן. ס'ווײַב האָט אים דערנאָך אָפּגעראָטן פון אײַנמאָנען פאַרן וואַסער אויך: „וואָס ס'טו גיין בײַ אַזוינע גבירים מאָנען אַ גראָשן? ווי פּאַסט עס זיך גזר? פע, אַ גראָשן אַמאָל! מ'וועט דאָך דיך מיט פעדערן באַשטעקן".

און דערווײַל איז זיך פאַרלאָפן עפּעס, וואָס האָט במילא

אָפּגעשלאָגן דעם חשק. ס'איז געשטאַנען אַ פּסעכע, אַ טריקעניש, וואָס פון זינט די וועלט שטייט איז נאָך אַזאַ ניט געווען.

און זײַנע פּלאַנטאַציעס, וואָס דער זון האָט אויף זיי געאַרבעט פון פרילינג אָן אײנאײנעם מיט דער שנור, זײַנען פאַרשאַרפּעט געוואָרן. טעג זײַנען געהאַנגען ווי צעלאָזענער מעטאַל אויף די קעפּ. קיין ווינט האָט נישט געהאַט קיין כּוח זיך צו רירן. די ערד אונטער די פיס האָט געגליט. פויערים זײַנען געזעסן אין שטעטל אויף די שטיינער פון גאַס און געקוקט אין הימל אַרײַן, געקוקט כמורנע, שווײַגנדיק. זייערע שאָפּענע פּעלצן האָבן זיי געהאַט אויף זיך און די „קאָטשולעס" (פעל־היט) האָבן געפּאַרעט אַזש פון ווײַטן. דערנאָך האָבן גלחים געפירט די גמינע צו בעטן אויף רעגן בײַ אַלטע ניקאָלאַיעווסקע איקאָנעס. אין שטעטל האָט אײַדער ייד געזאָגט תהילים אויף אויסווייניק. געזעסן קרעמער בײַ די שוועלן פון קראָמען און געדרעמלט צעביסן פון פליגן און אָפּט אַרײַנגעגענעצט אין די ליידיקע געשעפטן אַרײַן, ווו הינט האָבן געגנע־ונדעוועט. אַפילו הוילע העמדער האָבן געשוויצט און גלײַך געפלעקט זיך פונם פאַרטריקנטן שווייס און אַיעדנס רויטע אויגן האָבן פון שטויב אַרויסגעגלאָצט צו די ווײַטע פאַרגעלטע פעלדער.

פאַרפאַלן. מ'האָט נאָך געהאָפט, אַז פּאַפּישויעס וועלן אפשר געראַטעוועט ווערן. מ'האָט שוין פאַרשפילט די ווייצן און די בוריקעס זײַנען פאַרפאַליעט. די אויבסן אין גאַס האָבן ניט געהאַט קיין טעם, און אַפילו סאָדע־וואַסער אין די צוקערניע־בודקעלעך האָט אויסגעוועבט זיך און געבליבן אָן גאַז. בהמות זײַנען ערטערווייז משוגע געוואָרן און געביסן, און פערד האָבן זיך ס'פּאַלאָשעט, צעבראָכן די אַקסן פון וועגעלעך און געקייט די לייצעס. ס'האָט געלויערט אַ הונגער־יאָר. אַ שאָטן פון שרעק האָט געפּאָכט איבערן געלן טאָג און האָט געטריבן די פאַרחלשטע פויגל איבערן הימל, ווי פאַרסמטע מײַז, אַוועק־אַוועק צום פאַרליימטן סטאַוו.

דערנאָך האָט זיך אַ פינסטערע כמאַרע אַראָפּגעלאָזט איבערן סטאַוו. אַ שווערע, טונקעלע כמאַרע, אָנגעזויגן איר צעפּויזשעטן

בויך, ווי בײַ אַ קו, מיט וואַסער און אין דער טרוקענער לופט האָט זיך דורכגעטראָגן וואַרעמע פּאַרע. איבערן צעטרעסעטן וואַלד האָט געגליווערט אַ טיטאַנישע רעזערוואַר-מאַסע פול עלעקטריזירטן שטאָף. ביז פון ערגעץ-ווו האָט זיך דורכגעקאַטשעט אַ קנאַל. דעמאָלט האָבן שוועלן פון קראָמען גענומען שרעקן, מענטשן האָבן אַרויסגעשטעלט גלעזער וואַסער אין די פענצטער, אַ סגולה פאַר אַ בליץ. און אויף די דעכער נידעריק האָט זיך געבלעזלט אַ נעפּל. פון די ביס-בוימער האָבן גענומען שיטן זיך ניס און זיך געשפּאָלטן. אַ פּאָר נעסטן זײַנען צעבראָכן געוואָרן און אין די שויבן האָט אַ ווינט אַ פּאַטש געטאָן מיט האָגל און מיט שווערע דונערדיקע ציטערס.

באַלד האָט זיך צעליאַפּעט אָן אויפהער. איבער דער קרעביצע פון שליאָמע אַרענדאַר האָט דער ווינט פאַרריסן אַ שינדל און דערנאָך אָפּגעטראָגן די קעסלען, וואָס זיינען געשטאַנען בײַ דער זײַט; פון די פענצטער, די פאַרשטאָפּטע מיט קישנס, האָט ער געריסן די שאַלאָוואַניעס. דעם קעלער האָט ער פאַרגאָסן מיט וואַסער. מענטשן האָבן געהאַט די בהלה, מ'האָט געשלעפּט דייזשקעס און טאַוועס, אונטערגעשטעלט עמערס אונטער די רינוועס, זיך צו פאַרזאָרגן מיט רעגן-וואַסער פאַר וועש. מ'האָט אַרײַנגעכאַפּט די פאַרגעסענע זאַכן פון דרויסן און געמאַכט רינשטאָקעס די ריטשקעס זאָלן אָפּגיין. קליינע שטיפערס, ווײַסע-חברהניקעס, האָבן געלאָזט פּאַפּיר-שיפלעך א'בער די קאַנאַוועס און געפּליסקעט זיך באָרוועסערהייט אויפן רעגן מיט די הוילע קעפּ אונטער דער זליווע, כדי בעסער צו וואַקסן: גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן...

ערגעץ-ווו גאָר נאָענט איז אַראָפּ אַ בליץ און דערנאָך איז אָנגעלאָפן אַ צענעצטער פויער, מיט פאַרקאַטשעטע הויזן אויף די האָריקע פולקעס און זײַן סעמערינקע איבערן קאָפּ און זיין שטרויענער צעווייקטער קאַפּעליוש אין דער האַנט. ער איז אַזוי געלאָפן גלייך פונם פעלד און געבראַכט איובס בשורה מיט זיך. אויף דעם פעלד איז דער האָגל געווען שטאַרק, ווי אַ נוס די גרייס, און האָט ניט געלאָזט קיין איין שטייענדיקע זאַנג. ס'האָט פאַרשוועקט און פאַרטראָגן אַ פּאַסטעך. אויס מיט די פּאַפּישויעס.

בוריקעס זײַנען צו גרונט געגאַנגען און אַלץ איז חרוב. די אַרבוזעס זײַנען צעלעכערט געוואָרן.

שליאָמע האָט געהאַט דעם רעכטן תשעה־באָב אין דעם סוף פון תמוז. געזעסן איז ער אונטער זיך ווי אונטערגעקאָשעט, ער און דער זון. און די בעדערקע האָט זיך געיאַדעט מיט דער שנור פאַר עפּעס פּוסטע מעשיות און ניט געפונען זיך קיין אָרט.

אין דער נאַכט האָט זיך אַ ביסל געשטילט. כאָטש דער ווינט האָט נאָך געריסן שטיקער. שליאָמע איז עטלעכע מאָל אַרויס אויפן הויף. ס'האָט געטראָגן אַ פרישער נאָכרעגנדיקער דעך. ערגעץ ווײַט האָט נאָך לײַכט געבליצט, ווי אָפּגעשאָסן זיך פון דער שטאָק־פינצטערער קריכנדיקער נאַכט. דאָס געוויטער האָט זיך אָפּגעטראָגן. די ריטשקעס האָבן שטיל געציורקעט, תפילה געטאָן. ער איז צוגעגאַנגען צו דער קרעניצע און פאַרריכט איר דעכל. דערנאָך אַרײַנגעקוקט צו זײַנע בהמות, וואָס זײַנען גע־שטאַנען דערשראָקן אין דעם וואַסער. נאַסע הינער האָבן רחמנות־דיק געקוואָקעט און זיך געהאַלטן בגס אויפן האַלץ. אַ שטילער וויטאָג האָט געקוקט פון אַלע לעכער — אַ שווער יאָר.

ער האָט אַ ריר געטאָן די טיר און אויף זײַן רוקן איז געהאַנגען אַ בלייך צערודערטער הימל איבער אַ נאַסער ערד. קוים זיך אַרײַנגערוקט אין הײַזל אַרײַן, האָט ער געהערט, ווי ס'ווײַב שמועסט: „אַ גליק, וואָס כ'האָב אים נישט געלאָזט מאַכן לײַטיש געלעכטער. ס'אַראַ ווינטער קומט, גאָטעניו, מ'וועט מוזן אָנקומען צו מענטשן. און דאָ בויט מען אַ באָד. וועסטו, אורצע, זען אפשר פאַרדינען דערבײַ. ר' אַברהם האָט אַליין צוגעזאָגט. גאָט ברענגט די רפואה פאַר דער מכה".

שליאָמע האָט זיך אַרײַנגעשלעפּט צו זיך שלאָפן און גע־טראַכט האָט ער. אַז אין וואַסער איז קיין עין־הרע קיין מאַנגל ניט און מאָרגן וואָלט ניט שלעכט געווען צו נעמען אַ ביטל.

צומאָרגנס איז געשטאַנען אַ פרישער טאָג. איינער פון די טעג, וואָס דערמאָנט דעם האַרבסט. ס'האָט געאָטעמט אַ קילער ווינט, אַ דורכגענעצטער. איעדער בוים האָט געהאַט אַ גרין

פנים. די אוגערקעלעך די קליינע זײַנען אויך געווען געשמאַקער און זיסער און ס׳האָט געגומען בײַ דער לעבער אַ פאַרשאַרטער ווילן, ווי בײַ נשרפים, אין באָד אַרײַן די גאַנצע וועלט. הײַנט לעבט מען!

ווען ר׳ שליאָמע איז אַרויס אין דרויסן האָט צו אים דער־טראָגן זיך אַ רויך פון נאַס האָלץ. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען, אַז דער רויך גייט פון דעם קאַמער. אַנטקעגן דער טריקנ־דיקער זון האָבן אַלע דאַך־שינדלען געראויכערט זיך און אַפילו די צעווייקטע ערד האָט געשלאָגן מיט אַ פּאַרע. אָבער דער רויך איז געווען אַן אַנדערער, אַ רויך פון פײַער, נידעריק און טשאַדנע. ר׳ שליאָמע איז נייגעריק צוגעגאַנגען צו דער קאַמער און אַריינ־געקוקט. אויף דער דיל זיינען דאָרט געלעגן האַלעוועשקעס און געטליעט, און אַ קעסל וואַסער האָט געבולבעט זיך און געשיפּעט. דאָס האָט זי, די פּלוניתטע, מסתמא געגרייט אַ ביטל, ממש גע־טראָפן, וואָס אים וואָלט זיך הײַנט געוואָלט. ער איז אַזוי צע־לעכצט און דורכגענומען געוואָרן אין דער נאַכט, אַז ס׳האָט אים געדראָזשעט.

ער האָט אַ רעכן געטאָן, אַז ס׳וועט נאָך געדויערן אַ שעה אוודאי ביז ס׳וועט אַלץ פאַרטיק זיין און זיך מיישב געווען דער־ווײַל אַרײַנצושמעקן אין גאָרטן אַרײַן, ווו ס׳איז געשטאַנען אַ בוימל מיט „פּאָפּראָוועקעס" (אַ מין עפּל), זען צי זײַנען אַ סך אָפּגעשלאָגן געוואָרן. דערנאָך האָט ער פאַרכאַפּט מיט זיך אַ ריסקל און גע־נומען אויסגראָבן אַ טיפערע קאַנאַווע אַרום דעם פּלויט, ס׳זאָל בײַ אַ רעגן דאָס וואַסער ניט פאַרליאַמעוועט ווערן דאָרטן.

פריש איז געלעגן די ערד, ווי אַ פאַרשעמטע געווינערין נאָך אַ געראָטן קינדלען. פון אירע ווייך געוואָרענע שטויבן האָט זיך דערפילט אַ מחיהדיקע וואַרעמקייט און יעדער רויש פון באָענטן וועלדל, פון די הויכע ליפּעס, פון דער יאַסינע און בע־רעזעס האָט פאַרשיכּורט ס׳האַרץ. אַזוי זאַט איז געווען דער בליאַסק פון טאָג, אַזוי מילד די ווײַסע, קודלאַטע כמאַרעלעך, מיט אַ ווײַסער שײַן אין זייערע פעלדלעך, מיט אַ ווײַסן שמייכל איבער זייערע גאָלדענע ברייטע מעזשעס. ווער זאָגט עס, אַז

מיר בּרענגען הונגער? האָבן זיי ווי פֿאַרשאַרט געשעפּטשעט אין ווינט. דער שפּריי פֿון זאַנגען האָט זיך פֿאַרווייעט צום קוועקזילבערדיקן פֿלוס אין טאָל, געגוגערט, אָדער ס׳האָט זיך געווינטלט אַ הויכער אַייער בּײַ דעם האָריזאָנט, בּײַ דער בּלויער קאַנווע פֿון טײַך און פֿאַררונען אין פֿאַרמעקטער ווײַט. —

און ר׳ שלאָמע האָט זיך טאַלויטשעט אין גאָרטן, מיט זײַנע שווערע פֿיס געטאָפּטשעט די נאָענטע לאָנקע און פֿאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אויפֿן פֿעלד, וווּ פֿליכנווײַז האָט זיך געבויגן ס׳געֶרעטעניש צו דער ערד, אויפֿגעדעקט קליינע וועוורעקלעך און נאַשערקעס=מײַזלעך. דער ווינט האָט געשויבּערט די גראָע בּאָרד די אַרענדאַרסקע און די קאַפּאָטע האָט זיך געטשעפּעט אין בּוריאַנעס און ער האָט פֿאַרטאַיעט געזוכט אויפֿן הימל אַ יריד. ס׳האָט אים אַ קלעם געטאָן דער נאָגנדיקער אומעט פֿון אַ פֿעלדישן בּײַטאָג, פֿון אַ שמעקנדיקער טאַבּאַק=פּלאַנטאַציע. אָט דאָ, צווישן יאָ און ניין, פֿאַרלירט דער פּויער זײַן גזלן, דאָ ווערט ער פֿויל, דער מאָלדעוואַן, און פֿאַרגייט זיך אין הבֿל=הבֿלימדיקער טראַכטעניש, לאָזט די פֿערד פֿראַנק און פֿרײַ שלעפּן דעם שאַראַבאַן אויף די גריבּערדיקע שליאַכן און שלאָכט פֿאַרוויגט פֿון קאַשטאַנען=בּוימערס שאָטן, פֿאַזע דעם לאַנגן טאָג.

ווען ר׳ שלאָמע האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט צוריק אין שטעטל אַרײַן מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ, האָבן יידן שוין געהאַלטן נאָך איבּערבײַסן און די קינדער זײַנע, פֿאַרכליאַנעט, האָבן אים בּרוגז בּאַגעגנט: — „ווּ שלעפּסטו זיך אַרום אין מיטן דערינען, צײַט איבּערצוכאַפּן". —

— „ווייס איך וואָס, נאַרישקייטן" — האָט ער סבאַלמוטעט געענטפערט און פֿון זייערע אויגן אַרויסגעזען נאָך אַ שפּרייטהימלדיק פֿעלד — „האַ, וואָס האָט איר געוואָלט, כ׳האָב גאָר געמיינט תּחילת נעמען אַ ביטל, מ׳האָט דאָך אָקאָרשט געהאַט צוגעשטעלט וואַסער, ס׳איז דאָך הײַנט ערבֿ=שבּת".

— „איר וועט בּמחילה איבּערוואַרטן, אַייער בּעדערקע האָט געפֿונען בּײַלכערס פֿון אַייך" — האָט אים די שנור שפּרינצע אַרײַנגעוואָרפֿן אַ שטאָך=וואָרט.

— „ווער, אַ שטייגער, איז דער ביל—כע—רער?" — האָט ר' שליאָמע ניט תּופס געווען וואָס זי מיינט און זיך אַרומגעקוקט ווער פונם הויזגעזינד ס'פעלט אים.

— „וואָס הייסט ווער? דער שכן איז אַ בעלן פרעמדע זאַלן אים וואַשן, און זי שטייט יעדן אויס די שמד. אַז מ'שמועסט אַ בעדערקע" — איז אורצע אַרויס מיט לשון. — „פאַרשטייסט, פאַר אַלעמען אַ פרעמדן, און דערנאָך גיי פליסקע זיך אין זײַן קאַלאַמוטנע פּיס־וואַסער".

— „אַ פרעמ—דן מאַנ—סביל?" — האָט ר' שליאָמע ווי פאַרטשאַדעט אַ ברום געטאָן — „וואָס־זשע, שוין אויס בושה? הפקר? ווי ס'קריכט עס דורך די נעגל. וואָסטו געמיינט, אַז ס'וועט כאָטש עפּעס דערפון אַרויסקומען?"

די בעדערקע האָט אָבער אַזש אין קאַמער אַרײַן אָנגע־שמעקט, אַז מ'שאַרפט אויף איר די ציין, איז זי אַרויס מיט פאַרקאַשערטע אַרבל און מיט אַ צעפּאַטלט צעוויקט פּנים פון דער היץ און אַרײַן צו זיי אויסלאָזן איר האַרץ: „— טו אַ הונט גוטס — בילט ער נאָך. וואָס זשע מיינט איר, איך דאַרף עס אין לעבן אַרײַן יענעם גרייטן ביטלעך און אים נאָך באַדינען, האַ? נאָר אַז איר זײַט בלינד און זעט ניט, וואָס ס'טוט זיך אַרום אײַך. ווילט איר אָנקומען צו קצבה? איך זאָג אײַך, אַז איר וועט עס ניט דערלעבן בײַ מיר, ניט דאָ געדאַכט, כ'זאָל דערצו דערלאָזן".

דערווײַל האָט אַברהם ניסיס זיך דורכגעשלעפּט אין די הוילע שטעק־שיך און אַ צעקנעפּלט העמד, מיט אַ טריפנדיקן קאָפּ: „כ'וועל מיך צוויילן, כ'זאָל ניט כאַפּן קיין צוגלופּט. אַ ביטל, זאָג איך אײַך, אַ מחיה נפשות, טוט אָקאָרשט אַ פּרווו, ר' שליאָמע, וואָס אייערע קען, אַז מ'שמועסט אַ מענטש האָט מזל. מײַנע, אַנו צי זי וואָלט יענעם אַ טובה טאָן. זי איז אַ מפונקטשקע, דערצו האָט זיך מיך גאַר איבערגעלאָזט און איז אַוועק אויף די בעדער. איך וועל אײַך דערפאַר אָפּדינען אין פריידן".

ר' שליאָמע און דערנאָך לויט דער ריי אורצע און שפּרינצע און צום סוף די בעדערקע האָבן זיך שוין געפּליסקעט אין אָפּ־

געקילטן וואַסער. וואָס זשע, קורחס אוצרות וואָלטן דאָך ניט גע־סטייעט אַלעמען נייעם אָקרעפּ אויפצושטעלן. אויף האָלץ איז היינט אַ יקרות.

אָבער דערפאַר איז ר׳ אברהם געוואָרן אַן אָפּטער אַריינ־גייער צו זיי. קומען פּלעגט ער אין די סומנע אויפדערנאַכטן, אָסיען־צייט, ווען מ׳האָט שוין געהאַט פאַר זיך דעם סך־הכּל פון דעם שניט. אַ קלאָגעדיקער סך־הכּל. און צו די צרות זיינען פּרייזן נאָך געפאַלן, זייער געשלאָגן. די זשערנעס האָבן אָפּגענאַרט, ניט אַרויסגעגעבן קיין פּערט־חלק דערפון, וואָס מ׳האָט געהאָפט, און אין אַנדערע ראַיאָנען איז געווען אַ שפע אויף ברויט. האָט מען געוואָרפן די פּרייזן עד לעפר.

ר׳ שליאָמע האָט זיך צעבייטלט דעם אָסיען, אַריין שטאַרק אין חובות און געקלאַפּט מיט די אויערן. און מ׳זאָל עס געווען האָבן אַן אָנשפּאַר פון עמעצן. איר זאָלט זאָגן אַ גוט וואָרט. אַז ס׳גייט מיט דער פּוטער אַראָפּ, איז מען אויס קאַפּעלישמאַכער, קיינער וויל אַפילו נישט דערקענען. און דאָ איז איין מענטש, וואָס זאָגט כאָטש אַמאָל אַ גוט שבת, אָדער ווייכט ניט די שוועל, און דערצו איז ער דאָך אַ ייד אַ גביר, און מיט אַ גביר צו פּאַרלירן... ווער ווייסט עס דען ניט?

מיט וואָס־זשע האָט מען אים טאַקע געקענט פּאַרגיטיקן? האָט ר׳ שליאָמע שוין אַליין צומאָל געזען, מ׳זאָל אים צופרידנ־שטעלן, מ׳זאָל יוצא זיין פאַר אים, ווייל זיין ווייב האָט זיך פון אים אינגאַנצן אָפּגעטרייסלט — און אַ מאַנסביל קען דאָך נישט אויסקומען אָן אַ נקבה, און ביי אים. ביי שליאָמען, דרייען זיך אַרום, קיין עין־הרע. צוויי פּרויענצימער מיטאַמאָל, האָט ער מפקיר געווען די בעדערקע.

דערצו האָט מען פון ר׳ אברהמען אָנגעהערט זיך ווע ן שטאָט־זאַכן, ווו מ׳האַלט אין דער וועלט, ווי עס שטייט מיט דער באָד. און אַ שטיקל הבטחה האָט מען דערצו אויך געהאַט, אַז ווי נאָר ס׳וועט קומען צו דער רעכטער אַרבעט, וועט ער ווירעמערט־וואַרעמערט זען עפּעס צושאַרן, מ׳וועט שוין אָפּלעקן אַ ביינדל. איז מיט דעם חיות האָט מען געזשיפּעט. ווייל וואָס, מ׳שטיינס

געזאָגט, נאָך פאַר אַ חיות האָט מען דעם אָסיען און ווער שמועסט ווינטער?

און ווינטער האָט זיך אמת ניט געאײַלט צו קומען. דער־פאַר איז עס געווען אַן אָסיען, מ׳זאָל אָפּגעהיט ווערן. ווו האָט זיך עס אָנגענומען אַזויפיל צעבערס אין הימל? טאָג אויף נאַכט איז געווען געראָטן, געסליפּעט אין חשכות האָט טאָג באַוויינט די נאַכט און נאַכט דעם טאָג. פאַר גרויער געדיכטער בלענדזעניש האָט מען ניט געזען פיר איילן די ווײַט. צעגריזשעטע הײַזלעך האָבן זיך געבויגן צו אַ בלאָטיקער, פאַרגרעזנעטער גאַס און גע־שראָקן זיך פון דאַרע אָדערדיקע בוימער, וואָס האָבן געטרעשטשעט אין עלנטן רוים.

דעם קיסרס עשירות וואָלט ניט געסטאַיעט אויף גאַז. פון קאַיאָר ביז העט נאַכט האָט געטליעט אַ קאַניצל. בײַם קאַרגן שײַן האָט מען דורכגעשטופּט די צייט, מיט עפּעס וואָס אָפּגעקומען דעם טאָג און אַרײַנגעקוקט אין אָוונט אַרײַן מיט מרה־שחורהדיקע קוקערס.

גנבים האָבן זיך געמערט. פאַר אַ גרײַצער האָט מען גע־קוילעט מענטשן. מ׳איז ניט געווען באַוואָרנט מיטן נפש. טויט האָט פינצטער געלויערט פון די קליינע טוכלע הײַזלעך, ווו שווערע חולאתן האָבן געהאָנגען אין דער לופט, געוואָרפן פון די פיס, און אַ צוגאָב צו די צרות, האָבן זיך געמערט שריפות.

מ׳איז אַוועק מיטן פײַער גאַסנווײַז. ווי קענען אַזוינע צע־ווייקטע דעכער גאָר ברענען? גיי זײַ אַ חכם און טרעף. דערווײַל בלײַבן מענטשן הויל און בלויז, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און ווו וועלן זיי ווינטערן?

ר׳ שליאָמע איז געפאַלן פון די כוחות און די קינדער אויסגעצערט ווי ליכט. פאַר רחמנות האָט ער אויף זיי ניט גע־קאָנט קוקן אַפילו און דאָ האָט ר׳ אַברהם אים אָפּגערעדט פון האַרצן: „ניט פאַלן בײַ זיך, קוקט וואָס איך טו. איך האַלט מיך פעסט אין די הענט. איר מיינט, ס׳פעלט מיר אַ סך? איין בלאָז און ס׳איז נאָך מיר. קוקט ניט וואָס כ׳בין אַזוי באַלײַבט. נאָר איך שאַנעווע מיך. אָט דאָס, וואָס איך זאָג אײַך. דאָקטוירים האָבן

מיר פאַרשריבן הייסע ביטלעך — איז הייסע ביטלעך. כ'וועל זיי צוליב טאָן, כאָטש איין גאָט ווייסט. איז ווי האַלט עס טאַקע מכוח אַ ביטל, האַ? פאַרוואָס ניט? מיט פאַרגעניגן וואָלט איך מיך היינט אויפדערנאַכט געטאָן אַ באָד אויס".

אין אָסיען אַ ביטל איז שווערער ווי זומער. מ'דאַרף זען, ס'זאָל חלילה דערפון נישט אַרויס קיין שריפה. דער וועג צו דער קרעניצע איז אויך ווי קריעת-ים-סוף, אַ בלאָטע ביזן האַלדז אַרײַן. און אַז מ'האָט דערצו פון אינדערפרי אין מויל נישט גע-האַט, איז דער בעדערקע טאַקע שלעכט געוואָרן, אַ מינוט צום חלשן. „ווייס איך, כ'האָב געכאַפּט אַ שטיקל טשאַד" — האָט זי זיך פאַרענטפערט, נאָר געפילט האָט זי, אַז די פיס וואַקלען זיך. ר' אברהם איז קיין גזלן ניט געווען און דערזעענדיק ווי זי האַלט זיך קוים, האָט ער אַ טראַכט געטאָן: זאָל ער זיך אָנמוטן, צי עס פּאַסט ניט? „און ער האָט בלינד אַ זשמורע געטאָן די אויגן אויף שפּרינצען. זי איז געשטאַנען ווי אַ בלייכער רולאַזער שאָטן, מיט צעעפנטע איבערגעשראָקענע אויגן, גלײַך אויסגעמיטן זײַן בליק. נאָר דערפאַר האָט ער, ר' אברהם, דערפילט, ווי עמעצער וואָלט אים פאַרוואָרפן אַ פּעטליע איבערן האַלדז און וואָס מער ער טריפּעט זיך, מער פאַלט ער אַרײַן, מער ווערט דער שלייף פאַר-צויגן. האָט ער, ווי ניט מיט זיין אייגן קול, געטאָן אַ זאָג אַרויס: „אפשר וואָלט שפּרינצע... דער רופא האָט מיר פאַרשריבן אײַנרײַ-בעכצער... ס'בלוט אַ ביסל צערייבן אויפן קאָרק... יונגע הענט... איר ווייסט ניט, אויף דער עלטער... האַ, מ'דאַרף זיין אַ בעלן זיך אָנצומוטן? כע, כע".

ר' שליאָמע האָט אַ שטעל געטאָן צוויי פאַרביסענע גראָע קוקערס אויף איר, אויף דער בעדערקע, און אַ ברום געטאָן: „נו-אָ-נו" — ווי איינער רעדט: זי זאָל גיין און ניט לאָזן די שנור. אָבער די בעדערקע האָט פאַרשנורט אַ חנדל אויפן מויל און די צעקנייטשטע באַקן: „נו, פאַרוואָס ניט שפּרינצע? סכנות נפשות, איז דאָך ניט שייך... ווער זאָגט זיך אָפּ, האַ? אַ מענטש איז ניט מיט אַלעמען... כ'ווייס, ביז אין האַלדז אַרײַנגייען... נו, נו, שפּרינצע, זי איז בײַ אונדז אַ שעמעוודיקע".

און ווען שפּרינצע האָט צוגעלייגט אירע בלוי־אָדערדיקע הענט צום פעטן צעקנייטשטן קאַרק פון ר׳ אַברהמען און אים אָנגעריבן און געזייפט די שמאַלץ־פאַלדן, האָט ר׳ אברהם זיך אַלץ טיפער געדוקט אינם פעסלדיקן ביטל וואַסער, מיט אַ נאַסן האַנטוך פאַרדעקט זיין האָריק לייב און געקרעכצט הנאהדיק: „אָט־דאָ, אָט־אָט, אַ מחיה, אַ מחיה... וואָס יונגע הענט קענען — אַ מחיה. אַי, אַי".

און אין הויז האָט אין דער נאַכט־חשכות ר׳ שליאָמע דער־ווייל ניט געקענט געפינען זיך קיין רו, געשערעוועט די בענק־לעך, געבראָמט עפּעס דערגרגזנט און פאַרקאַטשעט די קליינע וואָרעטקעלעך אונטער די פיס, אַלעמאָל געוואָרפן אַ בייזן בליק אויף דער בעדערקע און זיך דערביי אַ כאַפּ געטאָן ביי די ברעכנדיקע קריזשעס.

די בעדערקע האָט זיך געפילט שולדיק, האָט זי צוגערוקט אַ שיסל באָרשט דעם מיד אַהיימגעקומענעם אורצען און דערביי שפּייענדיק אַרייַנגעוואָרפן: „ווייסעך וואָס, אויך מיר אַ מאַנסביל, עלעהיי אַ וואַנט מ׳טאַפּט... ווייסעך וואָס... שאַט, אָט איז שוין שפּרינצע אויך... איבערגעקומען יאַקאָש".

שפּרינצע האָט זיך אַרײַנגערוקט ווי אַ קאַטאָרזשאַנע נאָכן אָפּקומען די שטראָף. זי האָט ניט געקענט פועלן ביי זיך אַ קוק צו טאָן אויף אורצען, וואָס איז געווען שוואַרץ ווי די ערד און געשעפּט לעפעלען באָרשט, צעגיסנדיק האַלב אויפן טיש. האָט זי זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ פוס־בענקעלע אין ווינקל און געוואַרט, ער זאָל איר אַ שטויס טאָן ביים אַרײַנגיין אין שלאָף־צימער אַרײַן. ער האָט זיך אָבער ווי אומיסטן אויסגעדרייט און זי אַפילו ניט באַרירט, נאָר ערשט שפּעטער, ווען זיי זײַנען שוין געלעגן אין די געלעגערס, האָט ער זי אַ שטויס געטאָן פון זיך און ס׳ערשטע מאָל זײַט דער חתונה געלאָזט פאַלן זײַן פאַרהאַרטע־וועטע האַנט אויף איר אונטערגעשטעלטע פּלייצע.

און אינדרויסן איז געלעגן אַ גנבהשע נאַכט. אַ בלינדער ווינט האָט פינצטער געוואָיעט איבער די חרובע געסלעך. צו ר׳ שליאָמען האָט זיך ניט גענומען קיין שלאָף, האָט ער אויף

טשיקאַוועס אַ כאַפּ געטאָן אַ קוק אין פענסטער, צו דערגיין ווי ווײַט ס'איז נאָך מיטן חצות, און דערזעען, אַז בײַ ר' אַברהמען סליפּעט זיך נאָך עמעצער אַרום מיט אַ פײַער איבער די צימערן. אַ רויטער פלעק האָט דאָרט אַרויסגעווינקט פון די שויבן.

און די צײַט איז געלעגן שווער אָן אַן עק. וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, איז דאָס לעבן, האַ? — האָט זיך געוואָלט אַ פרעג טאָן די שטומע נאַרישע ווענט. ס'לעבן? עטלעכע חולה־נופלדיקע טעג, פאַרשלונגענע צווישן פינצטערע נעכט, ווי קעלערס, וואָס ציען זיך איינס נאָכן צווייטן און פאַרשליסן אין זיך די וועלט— האַ? ווען דו, שליאָמע, האָסט אויף זיך אַרויפגענומען פלייש, אַרויפגענומען, אַרויפגענומען און באַלד ־ באַלד, אַ ליאַדע טאָג וועסטו עס צוריק אַראָפּגעבן פון זיך, נאָך אַ מין אַראָפּגעבן, האַ? אפשר נאָך מיט אַ עודף. אָבער אַזאַ נאַכט, נאָך אַזאַ נאַכט בלייבט אַ שטיין דריקן אויפן האַרצן, מעקט אויס די קינדערשע זאַבאָ־באָנעס, הענגט אויף אַ שווערן פאַרהאַנג דערויף, מיט אַ שפּיציקן האַטשיק אַראָפּגעזונקען אין אַ תּהום, אין די „מַמעמקים" פאַר־האַטשקעוועט... און ווײַטער? באַרג־אַראָפּ... באַרג אַראָפּ...

אין אַזאַ נאַכט צינדן בויאַנעס אונטער הײַזער, קוילעט מען פאַר אומזיסט, אויף טריפהנעם, אָט ווי ס'ציט זיך איצט שיכור־לוט דאָס אָנגעדרינזשעטע קול פון אַ קאַצאַפּ... אַזוי ציט זיך, ציט אַ געביילטע פויסט — איצט פאַרטרינקט ווער זײַן פאַרמעגן — און שעלט די מאַמען מיט טויטע קללות...

ר' שליאָמע האָט אַ גוייִש האַרץ, ר' שליאָמע, האָט ער אַזוי געפּראַוועט זײַן חצות.

נאָר מיטאַמאָל האָט ער זיך שווער אַ ראָזדרעכע געטאָן אויף זײַן בעט, אויפגעעפנט אַ פאַרגלײַזט אויג און ווי אַ טאָרע געטאָן פון אַ ניט־גוטן זיך אַ הייב געגעבן, געכאַפּט די קאַפּאָטע אויף זיך און וואַקלדיקע שריט צוגעגאַנגען צום פענצטער, אַ פיר געגעבן מיט אַ פינגער איבערן פאַרנעפּלטן גלאָז און אַ זאָג אַרויס געטאָן פון זיך, ס'באַלמוטעט און קאַלט, אין דער נאַכט אַרײַן: — „כ'וואָלט געשווירן, אַז דער דאַך ברענט — און מער האָט זיך אים די צונג ניט געלייגט צום ריידן, נאָר ווי אַ געבי־

סענער האָט עס אים אַ טראָג געטאָן אַרויס און ער האָט געלאָזט נאָך זיך אַ שווערן פּראַל מיט דער טיר.

ווען אורצע און שפּרינצע זײַנען אויף געוואָרן, געוועקט פון דרויסנדיקן ליאַרעם, האָט שוין ר׳ אברהמס הויז געהאַלטן אין רעכטן פלאַקערן. פאַרקנוילט אין שוואַרצהאָריקן רויך און בלוטיק־פינצטערן פײַער, האָט דער דאַך מוראדיק געקנאַלט און די אָפּ־שפּרינגענדיקע פענצטער האָבן געשוויצט און געפּאַרעט זיך, ווי אַ באַלויכטענע באָד אין שטאָק־נאַכט. פון די פאַרגרעזנטע געסלעך זײַנען געלאָפן מענטשן מיט דערשראָקענע אָטעמלאָזע פּנימער, ווײַט־ווײַט האָט געקאָטשעט זיך אַ געשריי, אַ גוואַלד און באַלד איז די בהלה נעענטער געוואָרן. ר׳ אברהם האָט אַרומגעהאָפּקעט אַרום, געבראָכן די הענט און געריסן יעדן בײַ די פּאָלעס, שרײַענדיק:

— „יידן, ס׳אַ פאַרמעגן! כ׳גיי אונטער, ראַטעוועט מיך אַרויס! אַ פאַרמעגן!״ — און ער האָט זיך געלאָזט ביזן פײַער און אָפּגע־שפּרונגען אויף צוריק, ווי אַ אונטערגעסמאַליעטער פויגל.

נאָך מענטשן האָבן שוין דערווײַל באַלאַגערט ר׳ שליאָמעס קרעניצע, לעמפּ האָבן זיך שוין באַוויזן אין דרויסן. ס׳איז געוואָרן אַ באַלײַכטונג ווי בײַ אַ חתונה. צווישן די פלאַמען האָבן אַרומגע־בלאָנקעט פּנימער, בלייך־חשיבותדיק און שרעקלעך. פון דער ווײַטער פײַערלעשער־קאָמאַנדע האָט זיך דערהערט אַ מאָנאָטאָן גלעקערן. אַ פּאָר פערד האָבן שווער געשלעפּט אַ פעסל אויף אַ וואָגן. אָבער פרײַוויליקע יידן זײַנען שוין געקראָכן איבער לייטערס, מ׳האָט געהאַקט דעם דאַך און געוואַליעט סלופּעס. אינמיטן פלאַם איז געשטאַנען אַ שווערער פאַרשוין און אַרויסגעוואָרפן פעקלעך, טאַרבורעטקעס, טישן, בענקלעך, וואָס ס׳איז געפאַלן אונטער די הענט.

אַ כאַליאַסטרע אחשתּרנים האָבן געשלעפּט דאָס פאַרמעגן, געטראָגן פאַרסאָפּעט און שמײַדיק און געפירט אַלץ צו ר׳ שליאָמען.

ר׳ שליאָמע אַליין איז געשטאַנען אויף דער שוועל מיט אַ פינצטער־פאַרביסענעם בליק, בלייך און שטום, געקוקט אַוועק און אויסגעמיטן יעדנס אויג. דערפאַר האָט די בעדערקע איינגע־לייגט ווערטן, באַפאַלן די טראָגנדיקע מיט אַ מין פרענטענזיע: —

„וואָס האָט איר זיך פֿאַרלייגט אויף אונדז! מאַכט מיך ניט אומגליקלעך! פֿאַרוואָס עפּעס נאָר צו מיר? טראָגט ניט אַהער, ניטע!"

אורצע און שפּרינצע האָבן געהאָלפֿן בײַם לעשן און דער פֿלאַם האָט צווישן יאָ און ניין שוין געהאַלטן אין לעקן די פּאָדמורקעס. די שאַלאָוואַניעס האָבן געטרעשטשעט פֿאַר זײַן אָטעם און די נאַקעטע ווענט געקוקט פֿאַרשוואַרצט מיט צעגעסענע פֿלייצעס. און באַלד האָט זיך אַלץ פֿאַרצויגן און אַוועקגעשווומען ווי אַ בייזער חלום.

ער האָט ניט געוווּסט ווי אַזוי, נאָר פֿון דעם טאָג איז ער, שליאָמע, נתעשר געוואָרן. דערפֿילט האָט ער עס צוערשט אין שול. כאָטש נאָך אַלץ אין שפּיגל, האָט ער אָבער דערזען, ווי אַפֿילו מזרח=באַלעבאַטים הייבן אָן אָפּשײַ צו האָבן פֿאַר אים, מ'גיט אים אַן עליה, מ'וואַרט אויף אים מיט דער „שמונה=עשרה", דער שמש ברענגט אים אַ חנוכּה=ליכטל אַהיים און מ'האָט שוין אין זינען זײַנע יאָרצײַטן.

ר' שליאָמע איז ביז איצט ניט געווען בײַ זיך גדולדיק. ער האָט געוווּסט, אַז אַ שײַטל עברי קומט אים שווער אָן, ווער שמועסט נאָך תּרגום=לשון — דערפֿאַר האָט ער טאַקע ניט גערעדט לשון=קודשדיק ווי אַנדערע, און אַז די סאַמע יוסטע באַלעבאַטים אין קלויז פֿלעגן נעמען חוזק מאַכן פֿונם רבֿ, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז זיי מעגן מסתּמא, אָבער ער האָט זיך זײַנס געוווּסט און אָפּגעהיט זײַן מנהג. אַז עס פֿלעגט קומען יום=כּיפּור און דער אַלטיטשקער רבֿ איז בײַ דער „עבֿודה" געפֿאַלן כּורעים און זיך לאַנג געפּרעסט צו דער ערד, האָט ער, שליאָמע, געטאָן אַ ריס זיך פֿון אָרט ווי אַ ווינט, צו פֿאַרכאַפּן פֿריער פֿאַר אַלעמען און אויפֿצוהייבן אים פֿון דער ערד. דאָס איז געווען זײַן מצווה און דערפֿאַר וואָלט ער און זײַן זון אורצע געגאַנגען ביזן בלוט אַרײַן. דער רבֿ פֿלעגט זיך אויך לאָזן נעמען און אַ חלוש ווי ער איז געווען, איז ער געבליבן אַ מינוט הענגען בײַ ר' שליאָמען אין די פֿעסטע הענט, דערנאָך פֿלעגט ער אַרויפֿרוקן טיפֿער דעם טלית איבערן צעאַקערטן שטערן און אַרײַן אין פּיוט אַרײַן. ר' שליאָמע האָט דעמאָלט דערפֿילט, אַז ער דאַרף זיך אָפּטראָגן און נאָך

נעילה האָט ער, ניט פּאַרקוקט, דעם רב צוגעוווּנטשן אַלדאָס גוטס. דער רב איז געווען פאַרטאָן אין עולמות און פלעגט לויפן אין פּאָליש, ניט אומקוקנדיק זיך, צו טאָן זײַנע הצטרכותן, אינמיטן וועג איבערגעבויגן זיך איבערן פּעסל וואַסער, ווײַל ער האָט קיין אָקעלע ניט געפונען, אַרײַן מיט די הענט און זיי באַנעצט און מיט אַ קוש אויף דער מזוזה אַרויס מחדש זײַן די לבנה.

ווי אַזוי דער רב איז דערגאַנגען אַוועק אַהיים, מיט וועמען ער האָט פאַרפאַסט, האָט ר׳ שליאָמע ניט געקלערט, מסתמא מיט ר׳ אברהם ניסיס און זײַנס גלײַכן, גבירים, וואָס טאָמער חוזקן זיי פון רב, מעגן זיי אַוודאי, און פון זיי האָט דאָך דער רב. וואָס זשע דען — פון אים? הײַנט, וואָס וואָלט ער מיטן רב פאַר אַ שמועס געקענט פאַרפירן? וואָס איז ער מיט אים פאַר אַ שמעלקע, האַ? שליאָמע רענדער. יעדער דאַרף זײַנס וויסן.

אָבער דערפאַר איז ער טאַקע נבהל ונשתומם געוואָרן, אַז ער האָט אין אַ פּשוטן מיטוואָך, נאָך שחרית דאַווענען, דערזען דעם רב זיך אָפּשטעלן בײַ זײַן שטענדער און פאַרפירן מיט אים אַ שמועס. דער רב איז דערבײַ, מיט זײַן קליין גופל און כּבד־פּהדיקן לשון, געווען אַ ביסל געפאַלן בײַ זיך און פריקרע, ווי אויך אים שליאָמען.

גערעדט האָט ער סאַמע לשון־קודש און ווי געוואָלט דער־מיט דרינגען ר׳ שליאָמען, אַז ער, דער רב, איז אויך גערעכט... און שליאָמע האָט זיך געכאַפּט, ווי ער אַליין קוקט אויפן רב גביריש־חוצפּהדיק אַ ביסל, ניט ווייסנדיק פונוואַנען עס האָט זיך צו אים גענומען, און אַרײַנגעפאַלן איז ער דעם רב אין די רייד אַרײַן מיט אַ פּסוק, וואָס האָט דעם רב ניט אויף קיין שפּאָס גע־שטעלט אין קלעם און דער רב האָט דערבײַ געהאַט חולשת־הלב בײַם ענטפערן:

„וואָס זשע קלערט איר טאַקע, ר׳ שליאָמע, יגיע כפּים, ס׳אַ הויכע מדרגה... אַ הויכע מדרגה... הײַנט בפרט, אַז תּורה און דרך־ארץ איז אויך... מען פאַרשטייט דאָך, אַז איר וועט ניט לאָזן שטאָט פאַרקריוודעט. אַ באָד מוז אַ שטאָט האָבן. ווער זשע

זאָל דערפאַר אַנדערש זאָרגן? ביי הײַנטיקער געפאַלנקייט... „אחד בעיר"...

אַהיים געגאַנגען איז ר׳ שליאָמע אין אַ מיושבדיקן גאַנג. איין האַנט פאַרשטעקט אין סערדעטס־קנעפּל איבערן בויך און די צווייטע פון הינטן. אויף דעם פּנים האָט זיך אים פאַרצויגן אַ פאַרוואָלקנטע מחשבה ביז די שטערן־קנייטשן און געלאָסן האָט זיך אַ מזמורל פון אַ חסידישן טיש ס׳ערשטע מאָל פאַרבלאָנדזשעט אויף זײַנע ליפּן:—אַ, ס׳איז ניט פּוסטע, יגיע כפּים איז אַ הויכע מדרגה. ס׳איז אַ טיפע זאַך. איצט פאַרשטייט ער שוין דעם פּשט דערפון... אַ ווילע מציאה לשון־קודש... אַי־אַי, ווי טיף... ווער עס פאַרשטייט זי נאָר...

אַזוי האָט ער דערפילט, אַז ער וואַקסט אַ גביר.

נאָר פונוואַנען האָט זיך עס צו די איבעריקע בני־בית גענומען — איז ביי אים געבליבן אַ רעטעניש. גלייך האָט זי, די בעדערקע, די ערשטע פאַרריסן די נאָז, נאָך אַ מין פאַררײַסן! — און געזען, אַז אויך אויף שפּרינצען זאָל קיין פעדער ניט פאַלן. צו די ביטלעך מיט ר׳ אברהמען האָט פון זיך אַליין גענומען אַ סוף. וואָס, עס שטייט טאַקע גאָרניט אָן נעמען אַ מאַנסביל און גיין וואַשן אים? עס פּאַסט דען פאַר ווייבער? הײַנט פאַרוואָס, פאַר ווען, פאַר וועלכן חן? מען האָט פון אים אַ סך? — האָט די בעדערקע אויסגעבריעט. נאָר ר׳ אברהם האָט עפּעס ווי פון זיך פאַרלוירן דעם דריסת־הרגל.

דערנאָך האָט מען ביסלעכווײַז אויסגעפונען, אַז דאָס הינ־טערשטע טירל זאָל מען פאַרקלאַפּן אויפן הויף און פאַרן פעדערשטן זאָל מען צומאַכן ריגעלעך און שפּעטער האָט מען זיך דערקלערט, אַז פאַר אַ קרעניצע געשיקט זיך, אַז ס׳ליגט אויף איר אַ באַלע־באַטישער שלאָס, פאַר אַ בייז אויג — און אַז ס׳איז געזינ־טער אַזוי.

און פון דערמאָלט אָן זײַנען ר׳ שליאָמע מיט אורצען גע־גאַנגען זיך אַרום זייער הויז שפּאַצירן מיט פּאַמעלעכדיק־דריבנע טריט, ווי אין אַ כּסדרדיקן געטענצל, און פון הינטן אויסגעפּוצט

די ביידע ווײַבער, מיט צירונג און גרויסאַרטיקע היט באַפּעדערט און גאַרנדיק.

און בײַ זײַן פּלויט איז געשטאַנען ר׳ אַברהם ניסיס, נאָכ־געפאָלגט זייער מאַרשרוט מיט זײַנע פאַרזשמורעטע עלטער גע־וואָרענע אויגן און זיך ניט געשעמט צו באַרימען פאַר די באַלע־באַטים, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, מיט אַ צבועקיש געלעכ־טערל: „נו, נו, ס׳אַראַ פאַרשוין זי איז געוואָרן, שפּרינצע, האַ? איר שפּילט זיך עס עפּעס מיט איר, וואָס? אָבער... איינמאָל האָט זי מיך אָנגעזייפט?״.

.1935

גוואַלד, איך לעב דאָך נאָך!

אין אַ ערב וועסנע=נאַכט האָט עס פּראָיִמען אַוועקגעצויגן אין דער ווײַטער גלאַטער וועלט אַרײַן. מיטאַמאָל האָט עס אים געטאָן אַ ריס פון דער משפּחה, גלײַך אַן אײַז=פּליטע פון דעם נאָך פאַרקאָוועטן וואַסער, פון דער מוטער, וואָס האָט געהאַלטן אין איין פּלאַטערן איבער זײַן אַנטרינענדיקן שאָטן, פון דער קאַשטאַן=האָריקער, בלייך=ראַסיקער מירלען, וואָס האָט אים מיט קאַרע וואַלד=אויגן נאָכגעקוקט, ווי אַ שטומע חיה, און פון דעם שמאָלן היים=ליקל, וואָס האָט אים באַגלייט מיט אַ הבדלה=שײַן.

האָט זיך פּראָיִם אײַנגעקוקט אין דער ברייטער האָריקער רײַזע=בורקע און אויף זײַנע נאָך ניט באַוואָגסלטע ליפּן האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אַ פרעמד שמייכעלע. ער האָט זיך דערפילט פון איין זײַט פאַרצערטלט, בן=יחידיק, און פון דער צווייטער זײַט געוואָלט, גלײַך אַ יונג לאָשיקל, סתּם אַ בריקע טאָן מיטן פוס און זיך אָפּטרייסלען פון אַלץ.

דער ווינט האָט שוין דערווײַל געכאָוועט דעם פרילינג אין זײַן בוזעם און געאָטעמט ווייך, מוטערלעך איבער די קאַלוזשעס אין דעם נאָך ניט גאַנץ צעשמאָלצענעם שניי און פון די אָוונטלעכע שטעטלדיקע גאַסן האָט אים אַ צאַנקענדיקער לאַמטערן פאַרשענקט זײַן לעצט דריט אויג. און פּראָיִמען האָט פאַרכאַפּט דער אומעט פונם אַוועקקריכנדיקן שטעטל פאַזע דעם פאַרקרימטן קאָרטש פונם באַיאָרטן ניסן=בוים און דער סאַזשעלקע, פאַזע דעם צעפּאַלענעם פּלויט ערגעץ אַרום משופּעדיקע בערגלעך און פאַזע די פליגלען, וואָס האָבן ווי שאָטנס געפּאָכט איבער זײַנע אָפּגעצויגענע טעג אויף צוריק.

אַט־אַט דאַרפֿן באַלד בעריאָזעס און אַקאַציעס אָנהייבן צוויטען דאָרט און ס׳וועלן זיך שאָקלען זייערע ווערכעס אויף קאָלירטע שײַבעלעך פֿון פּריצישע קאָרידאָרן און עס וועט זיך צעגאַגערן יונגוואַרג, אין די העלע נעכט אַרײַן, העט־העט אויפֿן צעקאַטשעטן סטעפּ, און ס׳וועט ס׳וועט־עך... וואָלט ער אויך דאָ געווען, וואָלטן פֿאַר אים זיך אויך צאַרט און לײַדנשאַפֿטלעך גע־וויגט טאָפּאָלן־פּרוטקעלעך און בעז. וואָלטן זיך אויך נאָך אים געצויגן ווײַט־ווײַט בייטן מיט טרויבן־קאָרטשן, מיט פֿאַרביקע מאָן און רויזן־קעפּלעך... מיט־מיט — אַ פֿאַרשאַרטן רויטן הינטערראָק אין צעכוואַליעטן ווייץ...

האָבן געברויזט אין אים אַזוי געדאַנקען, ווי פֿאַראייוונטער ווײַן פֿול קאָרקע־שפּליטער און די פֿערד האָבן דערווײַל געגרעזע־נעט אין חשכות אַרײַן. פּאַמעלעך איז פֿאַרשוווּנדן ס׳לעצטע הײַזל פֿון טראַקט, פֿאַרזונקען דער הויכער מיל־קוימען, די נאַקעטע ציגל־רושטאָוואַניעס פֿון פֿאָרשטאָט און איבערן פֿעלד האָבן זיך נאָר אַרומגעבלאָנקעט נאָך עטלעכע בערגלעך ווי הויקערס אויף די פֿאַרבלאָטיקטע לאָנקעס. באַלד האָט פֿון צווישן זייערע צעשוונדענע פּלייצעס אַ ווונק געטאָן ס׳פֿאַרשניצטע פּײַערל פֿונס וואָקזאַל. די פֿערדישע גלעקער האָבן דערפֿאַר אָנגעהויבן גלעקערן צעצויגענער, גלײַך ווי אויפֿגעטשוכעט פֿון שלאָף. איין שקאַפּע האָט געריבן איר גריווע אין שכנס צוימל און דער קעסל אויפֿן דישל האָט דערבײַ מאָנאָטאָן געהאָפּקעט אַראָפּ און אַרויף.

און דער בעל־עגלה, נאָכן פֿאַרענדיקן ס׳דורכווערטלען זיך מיטן גביאָדן פֿערדאַטש זיינעם, האָט געלאָזט זיך אויסשפּרעגן: „הייסט עס, פּאַניטש, ווי זשע פֿאָרן מיר עפּעס? אויף אַ אויסגעבעטן זיך קוועטשט אַוודאי ניט? וואָס, בײַ דער מאַמען אין בעט איז ווייכער? טפּררו, דו קאַבילישׁ לעבן, האַטיאַ!״

און ער, פֿראַים האָט אָפּגעענטפֿערט געצוווּנגען און זיך אַלץ טיפֿער צונויפֿגעוואַקסן מיט דער נאַכט. ס׳איז עפּעס געוואָרן אַזוי מאָדנע—פֿון הינטן, ערגעץ־ווו, אין יענעם ווינקל, דאָרט־דאָרט, זײַנען פֿאַרבליבן וואַרעמע פֿיר ווענט, אַ הרובע אָפּגעריבן גראָד ווו מ׳האָט זיך לאַנג צו איר געטוליעט. אַ ריין געלעגער, אַ מוטער מיט אַ שעפּטשענדיק פּנים, וואָס האַלט ביז קאַיאָר אין וואַכן איבערן

שלאָף, אָפּגעניצטע ציכן און אײַנשיטן, וואָס אין זייער אָפּגעבליאַ־
קעוועטער ווייסקייט טראָגן זיי דעם אָטעם פון זײַנע חלומות —
און דאָס אַלץ איז אָפּגעווישט אויף יאָרן־יאָרן, — און דאָ, בײַם
פּיאַקערס פליגלען, אונטער אים, ציען זיך רויט רודעס, ס׳שע־
לעשטשעט אַ פרעמד ווינטל, גלײַך אַ האָז אין וואַלד, און דער
וועג לויפט צווישן ווײַסע געקײַלעכטע פּאָרענטשעס, אַרויסגע־
שטעקט ווי אַ לעקער פון אַ יאַגד־הונט, און שלעפט מיט, אַהין־
אַהין, ווו ס׳לײַכטן וואָקזאַלן, בלישטשען באַן־געלייזן, פינקלען
פּראָזשעקטאָרן, שטעט... כף־הקלע...

— „פּאַניטש, ווי לאַנג וועט אײַך אויסקומען צו פאָרן מיט דער
באַן?"—איז נײַגעריק געוועזן דער בעל־עגלה, נאָכן אויסשנאָרן זיך
אַ פּאַפּיראָס.

— „אַ מינע דרײַ־פיר מעת־לעת" — און ס׳פּנים זײַנס איז
דערבײַ באַשײַנט געוואָרן פון דעם דערנעענטערטן באַנהויף.

באַלד איז ער שוין אַרײַן אין געווירבל פון כלערליי
מענטשן, פאַרשיידענע פּאַסאַזשירן, אַלע צוגעשטופּטע צו דער
קאַסע. אין וואַרט־זאַל, אויף בענק, זיינען געשלאָפן אָפּגעריסענע
טרעגער. דער שלאָף איז פון זיי אַריבער אויף די פּאָלירטע
לאָדנס און בופעט, אומגעטראָגן מיט זיך פאַרלייזיקטע נודנעקייט און
קעלט. אויפן פּוס־באָדן האָבן זיך באַזעצט אַלטע פּויערים, גע־
שראָקן דעם אומעט מיט אַ שווערן ריח פון הערינג און מאַכאָרקע.
זייערע קלומעקעס האָבן זיך געוואַלגערט פאַריתומט אונטער די
פיס און ס׳האָט צו זיי געוואָרפן אַ שטרענגן אָמטלעכן בליק
דער בלויער לאָמטערן פונם נאָך ניט אויפגעשטאַנענעם באַן־קאַסיר.

נאָר אָט האָט זיך געטאָן אַן עפן אויף ס׳פענצטערל פון
פון דער קאַסע. פּראָזים האָט זיך גערוקט דערצו צווישן דעם עולם,
וואָס האָט אים געטרעטן, געקוועטשט. מען האָט, ווײַזט אויס,
קנאַפּ דרך־ארץ געהאַט דאָ פאַר אים און ער האָט זיך געברוגזט
אויף דער גאָרער וועלט, אויף די ריפּסענע גאַרניטערס אַרום אים
און אויף זיינע אייגענע לאַצן, וואָס האָבן אים אָנגעריבן אַ האַלדז.
ס׳האָט זיך אים עפּעס ווי אָפּגעריסן, ווען ער האָט ווידער
דערזען פאַר זיך ס׳היימישע פּנים פונם בעל־עגלה, איצט

אָבער פֿאַרטײַעט און פֿאַרהאַוועט ביים זוכן זיך נײַע פֿאַרשווינען— און אינמיטן דערינען איז אָנגעלאָפֿן די באַן און אים פֿאַרטראָגן רויכערדיק און פּײַפֿנדיק אין אַ פֿאַרמראַקעטן חלל אַרײַן.

ער איז געזעסן אויף אַ באַנק געפּרעסט ווי הערינג און געדרעמלט, באַלד לײַכט דערפּילט אין שלאָף אַרײַן אַרײַנקריכן דאָס שאַריען.

די פּנימער פֿון די מיטפֿאָרער האָבן זיך דערווײַל שוין אייניקע מאָל געביטן. סטאַנציעס זײַנען געפֿלויגן מיט זייערע דראָטענע געפֿלעכטן און לעמפּ און פֿאַרלוירן געוואָרן אין דער פֿינצטער, ווי אין אַ קאָכקעסל.

ערגעץ האָט זיך ניכטער אַרומגעשלעפּט אַ געשריי פֿון אַ בייגל־טרעגער. אָבער ווער האָט זיך דען צוגעהערט? — שפּע־טער האָט פֿראָים באַמערקט יונגע קינדער זיך געזעגענען מיט זייערע עלטערן און ער האָט שוין געוווּסט, אַז באַלד = באַלד וועט עס זיי צעשמעלצן אינם שמעלץ־טאָפּ—און אויס, אויס פֿראָ־ווינץ, אויס קינדערשע זאַבאָבאָנעס, אויס מיוחסים. טו־טו־טו.

ווײַטער האָט אַ ריטש געטאָן דער צוג. וואַגאָנעס זײַנען אָפּגעטשעפּעט געוואָרן, צוגעטשעפּעט, קאָנדוקטאָרן געליאַרעמט, געסוויסטשעט, באַן־אויפֿזעער געשריען, געגוואַלדעוועט, דער שטאָ־לענער לאָקאָמאָטיוו געריווּעט ווי אַ חיה־רעה, זיך אײַנגעביסן אין די שינעס און זיך אַ ריס געטאָן אין גאַלאָפּ. אין גע־יעג האָבן די פֿרענטן אַלץ שטאַרקער געקלאַפּט, וואַליזקעס און ראַנעצן געהעצקעט זיך און די שויבן געבראַזגעט. פּלוצים האָט ערגעץ געטאָן אויף גלאַנציקן טשוגון אַ בליאַסק מיט שטיקער זון. עס האָבן זיך אָפּגערוקט גרוי = סיווע בערג, אַדורכגעוואָרפֿן זיך בריק־אַרקאַדן און שווער אָפּגעהילכט אַן עכאָ פֿון אײַזן אויף אײַזן.

פֿראָים האָט שוין געהאַט אָקאָרשט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם אויבערשטן רײַזע־מאַנטל, ער האָט אויך אויסגעטאָן דעם קאַפּעליוש, אויפֿגעבונדן דעם האַלדז = שאַרף, אויפֿגעהאַנגען אַלץ אויף אַ האַטשיק און אַ קלער געטאָן נעמען עפּעס לייענען— אָבער ניט געקאָנט; געפּרווּוט עסן — איז׳ס ניט געקראָכן אין שלינג

אַרײַן. איז ער אַװעק אין װאַש־צימערל זיך אַ ביסל אָפּפרישן מיט װאַסער — נאָר ס׳האָט װײניק װאָס געהאָלפן.

דערװײַל האָט ער שױן געהאַלטן בײַ דער ערשטער גרענעץ. אינם װאַגאָן־דורכגאַנג האָט אָפּגעקלונגען אַ פרעמדע מיטל־אײראָפּעיִשע שפּראַך. די גרענעץ־קאָנטראָליאָרן האָבן זיך גענומען דרײען, געגנישטערט אין אַיעדנס פּעקלעך, געבאָברעט זיך אין יענעמס קישקעס, באַקוקט אַלעמען מיט קאָסע בליקן און געמוסטערט מיט פאַרדעכטיקע אויגן און לאַנג געהאַלטן בײַם אַרויסנעמען די נשמה.

און װי אויף צו להכעיס איז אָנגעקראָכן אַ הײמישע סוף־װינטער־נאַכט אויף פרעמד־ערדישער גרענעץ. אין די קופּע־שױבן איז אַרײַנגערונען פאַרראָסטע אַ גרױסע לבנה און געפּלעקט די פּנימער מיט שלאָף, מיט קינדערשן שלאָף און גאָלדענע חלומות. נאָר פּראָיִמען איז אַלץ שװערער געװאָרן. קאָשמאַרלעכע שאָטנס האָבן זיך געשאַרט פאַר זײַנע רױטע, ניט אויסגערוטע אויגן. און אַרום אים האָט אַלץ זיך באַװעגט, באַװעגט און אים צעקלױצעט, צעבערעט. אָט האָט זײַן װאַגאָן געטאָן אַ ריס זיך דורך געפּלאָנטערטע װעלדער און עס האָט אַזש געבושעװעט די װײַט— און אָט האָט זיך געטראָגן טאַנצנדיק צו זײ אַ סטעפּ מיט פאַרמעקטע פײַערלעך און שטערן, און באַלד װידער האָט זיך דער צוג אַרײַנגעקאָטשעט אין אַ גלעזערנער האַלע פון אַ גרױסשטאָטישן באַנהויף. און די גאַנצע צײַט האָט ניט אויפגעהערט דער האַרמידער, די געפּילדערײַ. די זעלבע סאָדע־װאַסער־בודקעלעך מיט טאַבאַק טראַפיקן האָבן געשװינדלט פון יעדער גלאָז. קעלנער מיט משונה־קאָלירנדיקע פּרוכטן, שאָכטלען שאָקאָלאַד און פּאַפּיראָסן האָבן זיך געהוידלט אויף יעדער װינדע, טונעל־אַרויף, טונעל־אַראָפּ. אַ שאַרפער זױער־שטאָף־ריח האָט געזעצט פון צענדליקער צעפּנטע לימאָנאַד־פלעשער און פאַרשײדענע עסענצן, און דער ריח האָט פּראָיִמען פאַמעלעך און נודנע פאַרמראָטשעט דעם קאָפּ און פאַרהאַרבט די נאָז, ביז ער האָט דערפילט, אַז דער הונגער האָט זיך אין אים טיף־טיף אײַנגעטערמערעט און ער האָט אַ רוף געטאָן אַ פּיקאָלאָ מיט אַ טאַץ פּוטער־ברויט און

אים געהייסן עפּעס דערלאַנגען צום איבערכאַפּן. דערנאָך פון דער קעשענע אַרויסגעקראַצט פאַרבליבן מינץ און געוואָלט דערמיט באַצאָלן, אָבער דער יונג האָט לאַנג און בייז גענומען אײַנטענהן אויף אַן אומפאַרשטענדלעך לשון, מסתּמא זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען פּראָצים וואַלוטע. האָט ער דערפאַר קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, נאָר געמוזט צעשפּיליען דעם בוזעם און אַרויסשלעפּן פון דאָרט דעם בײַטל, וווּ ער האָט באַהאַלטן זײַנע דאָקומענטן און פאַרשיידענע פרעמדע געלטער און זיך אַרומגעצאָלט וויפל עס קומט; אויף דערווײַל אַרײַנגעשטופּט דעם בײַטל אין דער אויבערשטער מאַנטל־קעשענע און זיך געלאָזן, ווי אַ דערפאַרענער רײַזנדער, גענומען איבערבײַסן.

דער צוג האָט קיין צייט ניט געהאַט זיך לאַנג צו פאַרהאַלטן בײַם וואָקזאַל. ער האָט אַ זעץ געטאָן מיט רויך, אַ פאַרקאַטשע געטאָן דאָס רעדל אַהין און צוריק, איבערגעלאָזט די סאָדע־וואַסער־בודקעלעך, די טראַפּיקן, דעם וואַנט־זייגער, דעם נאַרישן עולם און זיך אַליין געמאָסטן אויף די ווײַטע רעלסן. עפּעס האָט אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער צו הוידלען. די בײַכער פול לימאָנאַד האָבן צעשיפּעט זיך ווי געעפנטע סיפאָנען. עס האָט גענומען פּינצטערן אין קופּע. אַ שווער דעכן האָט זיך אָנגעהאַנגען אין סופיט און וואָס שטאַרקער עס האָט געשאָקלט די באַן, אַלץ שווערער איז דאָס דעכן געוואָרן, אַלץ גיכער האָט זיך געוואָלט שלאָפן — האָט פּראָצים צוגעשפּאַרט דעם קאָפּ צוערשט צו איין וואַנט פון וואַגאָן, דערנאָך צו דער צווייטער, זיך געלייגט דאָ אַרומערט און זיך געדרייט דאָרטן אַרומערט — אומזיסט. האָט ער גענומען אַ קישעלע און געלייגט אונטערן קאָפּ, און דערנאָך געלייגט דעם קאָפּ אונטערן קישעלע — עס האָט ווייניק וואָס געהאָלפן. האָט ער אויסגעטאָן פון זיך זײַן אַנדערן מאַנטל און אים אַוועקגעלייגט צוקאָפּנס, אַ מינוט לאַנג אײַנגעדרעמלט און אפשר מער. נאָר פּלוצים זיך דערמאַנט אינם בײַטל, וואָס ליגט איצט אין דער אייבערשטער מאַנטל־קעשענע, אויסגעשטרעקט די האַנט און אַ טאַפּ געטאָן צי איז ער דאָרט דאָ; דערנאָך זיך ווײַטער אײַנגענורעט און ווידער געקלעפּט די אויגן, ווידער זיך דערמאָנט, ווידער

אַ טאַפּ געטאָן. עפּעס ווי יאָ אָנגעטאַפּט און עפּעס ווי ניט אָנגעטאַפּט און געדרעמלט, אין זינען געהאַט אינגאַנצן אַרויסצונעמען דעם בייטל און אים בעסער בײַ זיך באַהאַלטן. עס האָט זיך אים שוין אַפילו אין חלום געהאַט אויסגעדוכט, אַז ער האָט עס טאַקע געטאָן, אַז ער האָט דעם בײַטל גענומען און האַלט אים ערגעץ אין פאַרשטעקן, נאָר די האַנט קען בשום=אופן ניט טרעפן די קעשענע, עפּעס לאָזט זיך אַלע מאָל אויס פון דער קעשענע אַ טײַך און ער האָט דערפאַר מעכאַניש געשטרעקט ערגעץ וווהין די האַנט און זי דערנאָך אַלעמאָל אַראָפּגעלאָזט מיד, מיט צעעפּנטע פינגער.

צי אין חלום, צי אויף דער וואָר איז אויסגעוואַקסן אַקעגן אים, אויף אַ אייבערשטער פּאָליצע, אַ רויט=באָרדיקער קאַצאַפּ מיט אַ היימישן, אין דער נשמה אַרײַנקריכנדיקן בליק, געשמייכלט צו אים פלוטעוואַטע, שפּעטער אַראָפּגעשלעפּט די שטיוול און בלײַבנדיק אין די הוילע אָניטשעס אויף די פּיס, האָט ער אויסגעוויזן ווי אַ וואַקסן טעקל אַ רירעוודיקס, וואָס ברעכט זיך. אין אַ ווינקל האָט זיך פּלוצים באַוויזן אַ לאַמפּאַדע, אַ מין קליינע איקאָנע און אַ טעפּעלע אייל און בײַם שײַן פון צעגאָלדעטע אַפּאָסטאָלן האָט אַ צעשויבערט ליכט געלעקט דאָס קאַצאַפּישע פּנים, וואָס האָט געשעפּטשעט עפּעס פאַרדבקהט און צעפלאַקערט אין זיך אַרײַן, און אינמיטן דערינען האָט פראָים געהערט ווי עמעצער בויגט זיך איבער אים אַריבער און פאַרענטפערט זיך קינדיש, פאַרציענדיק מיט אַן אַקסל: „עך, טאָ מי יענטאָ זנאַטשיט פּראָוואָסלאַווניע, באָהו מאָלימסיאַ" (מיר דאָס, אַזוי הייסט עס, רעכטגלויביקע, צו גאָט דאַוונען). דערנאָך האָט ווידער אויפגעטויכט דאָס פּנים יראת=הקודשדיק, אָפּגעטרייסלט פון זיך די קרישקעס און מיט אַ אויסגעגלעטער באָרד פאַרזונקען אין טיפן צלמען.

און פראָימען האָט אין פאַרטליעטן חלום אַרײַן דאָס באַשײַנטע פּנים פון קאַצאַפּ, מיט דעם ריח פון קאָלבאַס און שינקע=פלייש, געטראָגן פון זיין קאָרטענעם גאַרניטור גלײַך פון עשׂוון דער פעלד=דופט, עפּעס אײַנגערוימט אַ צוגעלאָזנקייט, וואָס האָט זיך אַרײַנגעשמעלצט אין דרעמל אַרײַן. ס'איז צוגעקראָכן אַ ווייך=פליישיק

פּאַטריאַרכאַל געזיכט. ווי אַמאָל־אַמאָל קינדווייז, פונם אומעטיקן סטעפּ אַפּיר איז אים די לבנה אַרײַנגעקראָכן אין בעט אַרײַן, אינם שלאָף בײַ דער הרובע, ווען דורכן קוימען האָט דער ווינט געלופּטערט די צאַנקענדיקע האַלעווּשקעס.

פון דעם צוגס פּוס־באָדן האָט זיך געטראָגן דאָס הודזשען פון שטרעקעס צעגאָסענע דורך רעדער. געטראָגן זיך און פון די ווײַטן אַרויסגעטראָגן אַ בעט מיט פּערענעס, אַ וואַרעם בעט. די קאַלטע קני גורען זיך אַיין דאָרט, זוכן אַ שטיקל קאָלדרע. נאָר ער, פּראָים, שלאָפט שוין ניט, כאָטש ס'איז דוכט זיך ערשט אַ שעה אויף טאָג. ער שלאָפט ניט, נאָר זיצט אין בעט מיט די קני אין מויל, פוילט זיך צוצורירן צו דער ציקאָריע, וואָס שטייט בײַם בעט. עס פרייט ניט ס'שטיקל כאַלוואַ מיטן שקאָלאַדנעם טעם, ניט דאָס ווייכע זילבער־פּאַפּיר מיט די טויזנטער מענטשעלעך און ניט די רויט־קאָלירטע ברילן, די זון־ברילן, אַ ירושה פונם טאַטן.

ער קוקט, ווי אין טריבן מוטנעם באַגינען פּאָרט אַלץ אַרום, פּאָרט דאָס הויז, דאָס קושעטקעלע, דער האָריקער גולמעוואַטע משרת זייערער. ערגעץ אויך די מאַמע מיט די געריישטע ציבעלעס. באַלד טוט זי אינמיטן דרייען זיך אַ ווענד דאָס פּנים צו אים און אין סומנע קאַיאָר טוט אַ לאַך: „ס'קאַצל קומט, פּראָימל, ביסט געקו... געקומען, בײַ מיר אין בעט אַרײַן? ס'טזיך אָנטאָן?"

ווי קומט ער אין מאַמעס בעט אַרײַן, ער, אַזאַ בחור, אַ בחור פון... פון וויפל יאָר? האַ, הער נאָר, איך בעט דיך, וויפל יאָר?...— כאַ, כאַ, פון באַשריגענע יאָר... ווי קומט ער אין מאַמעס בעט אַרײַן? וואָס דרייען זיך אַלע איצט ווי אויף טעלער, פאָרן אַרום, אַרום?

— „ווי ניט", „ווי ניט".

— „וואָס „ווי ניט"? ניט מיט אַלעמען, קינדעניו? אויף דער לינקער זײַט? ווי פּאַסט עס? זעסט ניט ווי פּײַן מיר דרייען זיך? דאָס פאָרן מירן מיט דיר אויפן יריד, קינדעניו".

— „ווי־ניט" — האַלט ער אין איין פּאָנפען, און וואָס מער ער פּילט, אַז עס פּאַסט ניט, אַלץ מער קלעמט ער זיך אין וואָרט. פּאַרפּאַלן, אַרײַנגעפּאַלן, ווי וועט ער איצט נאָקעטערהייט צוריק

צו זיך אין בעט אַרײַן? ניין, פֿאַרפֿאַלן, ער מוז זיך ברוגזן: „ווי ניט", „ווי ניט".

— „אײַ, אײַ, לאָזט אים, אַז ער וויל גיט" — טוט זיך אַ דריי אַרײַן דער משרת — „איר זעט ניט, ער פּעסטעט זיך. מירן נאָך פֿאַרשפּעטיקן דעם יריד, לאָזט אים דאָ, לאָזט". „וואָס הייסט לאָזן?" — רײַסט זיך צו אים דורך אַ ווירבל די מאַמע — „קינדעניו, קום, ווייסט ניט, מוזט פֿאָרן, ווײַט־ווײַט פֿאָרן. ווער ווייס צי מירן זיך זען... קינדעניו, ווײַט... אַמעריקע... אויפֿן יריד, כ'על דיר קויפֿן אַ כּײַפּעלע, אַ פּײַקעלע... קינד, ס'טזען, אַ גאָלדן בערעלע. האַרצעניו, טו זיך אָן, טו מיר די טובה".

— „ווי ניט, ווי ניט". וואַרט נאָר אַ ביסל, וואָס מישט די מאַמע עפּעס פֿאַר אַנישט געשטויגנס, ניט געפֿלויגנס? אַ בערעלע, אַ פּײַקעלע — און אַמעריקע... אַמעריקע? מירן זיך מער ניט זען? מיר פֿאָרן דאָך אינאײנעם אויפֿן יריד?

— „אײַ, ווייס איך וואָס, לאָזט מיך, כ'על אים אַ נעם טאָן"— און די קאַלטע הענט פֿון משרת טוען אים אַ נעם און מ'פֿאָרט. ער דרייט זיך שוין אויך, ווי אַ זייגערל. עפּעס העצקעט ס'ביידל מאָדנע און די קרעטשמע פֿאָרט מיט, פֿאָרט מיט. ס'איז זיך ניט אָפּצוטשעפּען פֿון איר. „קוק ניט אויף איר, קוק פֿון איר אַוועק וועט זי ניט נאָכפֿאָרן. פֿאָרסט קיין אַמעריקע, קינד".

...אַ בריוועלע דער מאַ—מ—ען, זאָל זיך ניט פֿאַר—זאַ—מען...

— „מאַמע, ווי קומט דאָס לידל צום יריד, צום לירניק, האַ?"

— טו—טו—טו — בילעטעלע, קאָנ—טראָל — קאָנט—ראָל! — טוט פּלוצים אַ געשריי די מאַמע און נעמט אים אַרויס דעם בילעט פֿון דער האַנט.

— „וואָס שרײַסטו, מאַמע? גיב אַהער צוריק דעם בילעט".

— „ווער שרײַט, קינדעניו? שטיי נאָר, שטיי! חלומסט אפֿשר, מיין קינד? פֿאַרשפּיליע דיר דאָס העמדל, ס'ציט".

— „דאָס העמדל? מאַ—מע, דאָס העמדל! מיר האָבן דאָך עס ערשט געדאַרפֿט אויפֿן יריד קויפֿן. ווי קומט עס אויף מיר? מאַ"...

ס'איז גאָרניט, מאַמע. ס'איז אַ יריד. די מומע חנצע שטופּט איר ברייטן הינטערן פֿון זיך אָפּ: „אַ פּריטשעפּקע אַ קינד, און דאָס

שיקסטו קיין אַמעריקע? וואָס האָט עס זיך אָנגעזעצט אויף מיר? וואָס פאַר אַ משונהדיקע שאלות? מען וועט דיר קויפן אַ העמדל.

— ווי? וואָס? ווער? ווען?

ס'איז אַ יריד. עולם התוהו. ווײַסע לאָשעקלעך האָפּקען אַרום. ציגײַנער מיט גאָלדענע רינגען. שוואַרץ־סמאָליקע פּנימער. פאַרבי־קע שאַראָוואַרעס. סאַמעטענע הויזן און געשטיקטע ווײַבערשע פאַרטעכער. קרעלן, פאַצערקעס פאַרשטעלן דאָס פּנים, ס'איז ניט דורכצוריײַסן דורך זיי: לאָזט, לאָזט... פּ־פּו. מאַמע, ביסט דאָ? אַ, אַ, דאָס העמדל? בסך־הכל איז ער גאָר נאַקעט. נאָר די שפּיגלען פאַר־שטעלן אים... אָבער ווי וועט ער דערנאָך אַרויס פון דאַנען? הײַנט שפּיגלען שפּיגלען גאָרניט אָפּ. שוואַרצע שפּיגלען... און דאָס העמדל איז אַ באַשפּרענקלטס, אַ העמדל מיט אַ מאַנישקעלע, נאָר קורץ. פּחדנים, מיט אַזאַ העמד אָן הויזן קען מען דען אַדורכגיין די גאַס? אַזאַ ציגײַנערישער שפּיגל, אַ מינוט זעט מען אין אים אויס גרויס, אַ מינוט קליין. נאָר דאָס העמדל, זעט אויס, אַז עס איז פון זײַן פלייש. דאָס העמדל, הויט־קאָליר. אַ בעלן אַ קוק צו טאָן, מירל? רײַס ניט אַזוי, מען קען ניט זען, ס'איז צו מיר צוגעוואַקסן.

— „קראַץ ניט, קינדעניו... איך קראַץ ניט, מאַמע... ס'איז מירל גאָר, מירל—ל?

ניין. אַ יריד, אַ שרעק. אַן אַלטער בלינדער לירניק קוקט צו אים מיט זײַנע בלינדע אויגן, מיט לעכער־זעענדיקע, אַ גרויל. ער קוקט און פירט אַן אויסגעקראָכענעם פוילן בער אויף אַ קייט, שפּילט אַ וואָלעך אויף אַ סאָפּילקע. נאָר זײַנע אויגן זיינען אויף אים, אויף פראָזימען. עפּעס אַ שווערער, קלאָצעוואַטע בחור שלינגט מעסערס און לאָזט זיי אַוועק מיטן רויך... אַ כאַליאַסטרע פּורים־שפּילער איבערן מאַרק, און בײַ דער זײַט פון מאַרק ליגט זיך ווי אַ קליין אייעלע דער ים און אַמעריקע און קײַקלען זיך נאָך פּיס־טריט. און זיי קוקן מיט דער פאַרגאַנגענער זון, פון יענער זײַט אַפיר... פּורים־שפּילער און אַן עק... אָט שלאָגט מען זיך אויף קאַסאָוועס מיט אַראַפּניקעס. איך בעט אַייך, מען זאָל אים נאָר ניט דערלאַנגען... פאַוואָליע, מען זאָל נאָר ניט צעטרעטן אַמערי־קע... שאַ, נאָר שאַ, מען לויפט אים נאָך... אַוועק... אַוועק... אין

הוילן העמד, מען זאָל פון אים ניט מאַכן דאָס לײַטישע געלעכטער... ער איז ניט קיין פורים־שפּילער... ער איז פּראָיִם... פּראָיִם... איר פאַרשטייט? אַזוי, פּלוצים, נאַקעט אין גאַס, זיך פאַרקוקט... אַוועק... אַוועק... אַ קשיה, ווי נאַקעט? אַוודאי נאָך אַ מין נאַקעט"...

שוין וויפל מאָל האָט ער עס געחלומט? האַ? וויפל מאָל און ווען איז ער גראָד ביי דעם אָרט אַזוי געבליבן און זיך געפּרוווט דערמאָנען? ווען האָט ער דאָס זעלבע שוין איינמאָל געזען? און ווו איז ער אַצינד? דאָס פענצטער דאַרף זיין אים צוקאָפּנס, ער וואָלט געשווירן, אַז צוקאָפּנס. יאָ, באַדאַרפט זײַן. ווי אַזוי־זשע זעט ער עס גאָר צופוסנס? ווו איז זײַן צופוסנס? הײַנט, ווי אַזוי ליגט ער? ווו איז זיין לינקס און ווו זײַן רעכטס? וואַרט נאָר, אַז ער וועט זיך אויסמאָלן, אַז ער דרייט זיך אויס מיטן צוקאָפּנס צו דער טיר און מיטן צופוסנס צו דער וואַנט, טאָ ווו וועט אויסקומען דעמאָלט דאָס פענצטער?

וואָס זאָל דאָס הייסן? ער פאַרדרייט זיך, פאַרדרייט... פאַרדרייט... ער מוז דאָך ניט שטיין אויף איין אָרט, ער מוז אַוועק... אין הוילן העמד... עס קען חלילה מירלען... איז ער אויסגעשטעלט. מירל, ניין, זי קען אים ניט זען. — קוקט, נאָר, איך בעט אַייך, זי זעט אים טאַקע ניט? זי זעט אים יאָ... זעט זי ניט, אַז ער איז נאַקעט? מירל, מירל, מיר־ל־ל! לאָז מיך אָפּ, שלעפּ־פּ ניט, כ'האָב אַייך ליב פון דער ווײַטנס. איך וועל אַליין עפענען, נאָר ניט אַזאַ באַלקן מיר אין קאָפּ אַריין... אַ חכמה, מען קען דאָך דערמיט שפּאַלטן דעם מוח, איר זענט משיג...

עפּעס פרעגנטן האָבן געטאָן אַ שטאַרקן סקרוך. אַ ווינט האָט אַ צי געטאָן און עס האָבן זיך איבערן שווילעגדיקן געהירן אַ טראָג געגעבן געשרייען, טאַראַרייען, אַ הו־האַ — עמעצער האָט אים געצויגן ביים פוס, אים געטורקעט אין דער פלייצע. ער האָט דערפילט ווי עס האָבן זיך אים צעקנעפּלט די אויגן און באַלמוטעט אַריינגעשטאַרט אין ווירוואַר אַריין. דאָס ערשטע וואָס ער האָט דערזען איז, אַז דאָס לאַמפּאַדע־פײַער אין ווינקל איז אויסגעלאָשן און פונם קאַצאַפּ איז יעדער סליד פאַרטריקנט. שוואַרץ, אומהיימלעך און קאַלט האָט געאָטעמט יענער פלעק און

אַ בלייענדיקע שרעק האָט אים פּעסט אַ קלעם געטאָן ביים קאַרק.
באַלד איז פאַר אים אַרויסגעשווומען אַ גרינער מעפיסטאָפעלישער
פּראָפיל, פאַרשאָטנט געצייכנט זיך ביים בליץ פון אַ שאַרפן
עלעקטרישן לאַמטערנדל און עס זיינען פון דאָרט געפאַלן האַרטע,
אָפּגעריסענע פרעמדווערטער. אויפהויבנדיק זיך און אויסרייבנדיק
די אויגן, האָט פראָים זיך געכאַפּט, הערנדיק דאָס וויפלטע מאָל
דאָס וואָרט: פּאַספּאָרטאָווע, פּאַספּאָרטאָווע, אַז דאָס מיינט אַוודאי,
אַז מען דאַרף זיך ווידער לעגיטימירן. האָט ער דערשראָקן אַ קוק
געטאָן אַרום זיך, אַ פינטל געגעבן נאַריש מיט די אַפּלען, אָבער
באַמערקנדיק דעם מאַנטל אויף זיין פּלאַץ, איז אים גרינגער גע=
וואָרן אויף דער נשמה און ער האָט פאַמעלעך אַריינגערוקט די
האַנט אין דער קעשענע אַריין אַרויסצונעמען די דאָקומענטן,
און — נישטאָ.

באַגלייט פון צוויי גרענעץ=וועכטער, האָט מען אים אַראָפּ=
געזעצט ביי אַ קליינער סטאַנציע. עמעצער האָט נאָכגעטראָגן זיינע
רענצלעך. אין אַ צימערל, ווו עס הענגט, קענטיק, אַ אייביק ניט
אויסגעשלאָפענע נאַכט און בריט זיך אויף אַ טונקעלן שיינדליק,
האָט ער אָפּגעגעבן אַ דין=וחשבון פאַר אַ שלעכט=אויסגעגעצטן
טערפקען שרייבערל, אָנגעהערט זיך ווילדע געשרייען און אָנגע=
שמעקט זיך מיט ערשט=וואָס אויפגעשטעלטער סאַמאָוואַר=טיי,
וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אין אַ קויטיקן גלאָז מיט אַ בלעכענעם
הענטל, אויף אַ צעווייקטן אַלט אויסגעמערגלטן פּערטל לימענע.
און אַ פּאַנישע שרעק האָט אים אָנגעוואָרפן דאָס קויטיקע טיי=
גלאָז, דאָס פּערטל שטיקל לימענע און דאָס בלעכענע אויסגע=
קרימטע הענטל איבערן האַלב=נאַקעטן, מיט צעריסענער צעראַטע
באַדעקטן טיש, אַ פּאַטאַלע שרעק, וואָס האָט אים צוגעווינט צו
די בליי=קאַלטע וועכטער=אויגן און דעם בייזן שיפּען פון שריי=
בערלס פּען און צום רעווען פון אַוועקגעריסענע צוגן.

אַפּאַטיש און דערדריקט האָט ער זיך דערפאַר געלאָזט פירן
איבער אַ ווייטער ריטשקע, צו אַ קליינער, אין דער ערד אַריינ=
געוואַקסענער קאַליבע, און אַריבער פון דער זייט צו אַן אַנדערער
זייט גרענעץ. דאָרט האָט ער איבערגעחזרט די זעלבע געשיכטע

זײַנע ווי פֿריער און געבליבן אַ פּאָר נעכט וואָכן, ביז מען האָט אים צוריק געשיקט אַהין, פֿונוואַנען מען האָט אים געבראַכט, צו דעם זעלבן שרײַבערל, וואָס איז, ווי פֿראָ:מען האָט זיך אויסגעדוכט, אַלץ נאָך געזעסן אין דער זעלבער פּאָזע ווי אײערנעכטן און די זעלבע לימענע האָט זיך געקוואַשעט אין דעם זעלבן ניט דערטרונקענעם גלאָז טיי, בײַ זײַן זײַט.

אָבער ביי אים, בײַ פֿראָ:מען, האָט זיך פֿאַר די עטלעכע טעג דאָס בערדל משונהדיק־ווילד צעוואַקסן און דאָס פּנים ברודיק געוואָרן. אַ היץ האָט געטריבן אַ שווייס אויף דער הויט, נאָר דער שווייס איז געווען קאַלט און פֿעט. דער מאַנטל מיט די קליידער האָבן זיך צוגעפּאַסט דערצו און עפּעס האָט גערדריזשעט איבער די קריזשעס און אויך אַ זײַט, נאָר די רעכטע, אַזוי האָט זיך אים אויסגעוויזן, האָט זיך ערגעץ־ווו פֿאַרשטאָכן. אין דער לינקער זײַט האָט ער עס ניט אַזוי געפֿילט.

שווער אָן אַ שיעור האָט דערפֿאַר אויסגעזען דער וועג, וואָס ער האָט אָקאָרשט דורכגעמאַכט צופֿוס, איבער די צעווירענע פֿעלדער און וועלדער. גלייך ווי עס וואָלטן די אָנגעפּיקעוועטע דעמבעס און צעלעכצטע שטאַמען פֿון וועג געפֿאַלן אויף אים, אין זיין בלוט אַרײַן, פּחדים־שוואַרץ. עפּעס ווי פֿאַרלוירן, אונטערגעוואָרפֿן האָט ער זיך געפֿילט צווישן די שווײַגנדיק־פֿאַרביסענע היטער זײַנע און ער האָט דערנאָך, דערזעענדיק ווידער דאָס פּנים פֿון שרײַבערל, וואָס איז אים אויסגעקומען ווי אַ היימישער מענטש צווישן ווילד־פֿרעמדע פּרצופֿים, גענומען לײַכטער אָטעמען, עפּעס פֿאַרחלשט געבעטן ביי אים, געמורמלט מיט אַ אויפֿגעבונדענער צונג און שיעור ניט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. האָט אָבער דאָס שרײַבערל אים באַקוקט מיט צוויי קעלביש גלײַכגילטיקע אויגן, ווי ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס האָט דאָס אַזאַ באַשעפֿעניש נאָך פֿאַר אַ חוצפּה עפּעס גאָר צו בעטן. דערנאָך, על־עהיי ער וואָלט פֿאַרטריבן אַ זלידנע פֿליג, אַ מאַך געטאָן מיט דער פֿעדער, ווײַטער אַרײַן אין זײַנע ביכער, ווי ער האָט געהאַט אַ וועלט מיט אַרבעט, און פֿאַרגעסן, אַז עמעצער שטייט פֿאַר אים. האָט פֿראָ:ים געביטן זיין שטעל פֿון אַ פֿוס אויף אַ פֿוס, זיך ווידער אַײַנגעשטעלט און

פֿאַרצווייפֿלט געפּלאָנטערט זײַן בקשה אין אַלע שפּראַכן, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט, ממש זיך מתחנן געווען, מעז זאָל אים אויף דער־ווײַל ערגעץ וווהין אַרײַנלאָזן אַן אויג צוצומאַכן, ווײַל ער פֿאַלט פֿון די פֿיס און אַז ער וועט, מען מעג אים הייליק גלויבן, חלילה ניט אַנטלויפֿן און זיך שטעלן צו יעדן באַפֿעל. האָט דאָס שרײַבערל אַ צײַט לאַנג זיך געעצהט מיטן שלעכטן ווילן, ביז ער האָט אַ ברום געטאָן: „און געלט פֿאַרן נאַכטלעגער האָסטו?"

צום גליק האָט פּראָים נאָך פֿאַרמאָגט בײַ זיך אַ קליין בינטעלע מיט „אויף נישט צו באַדאַרפֿן" געלט, פֿון זײַן מוטער אײַנגעניייט אינעם סטאָן. האָט ער עס אַרויסגעשלעפּט אין דער נויט.

... „נאָר געדענק, אַז דו מוזט זיך אַיעדן מאָרגן מעלדן אַהער. די רענצלעך לאָז פֿאַר אַ משכּון, ביז מיר וועלן געפֿינען וואָס מיט דיר צו טאָן. געהערט?"

און דער וועכטער האָט אים צוגעשטעלט צו אַ נאָענט אײַנפֿאָר־הויז.

צומאָרגנס איז שוין פּראָים ניט געקומען זיך מעלדן לויטן באַפֿעל. ער איז געלעגן אין גרויס היץ און געפּאַקט מיט דער נשמה. דאָס טראַקטירל, וווהין מען האָט אים פֿאַרפֿירט, איז געווען פֿונם ביליגסטן סאָרט. אין די טוכלע ווענט פֿונם אַלקער, ווו ער איז אײַנגעשטאַנען, האָט גרין געשימלט אַ יאָרן־לאַנגע נעץ. אַ קליין ווענטל איז געווען, ווי אַ בעלמע אויף אַ פֿענצטער, און פֿונם הויף האָט דאָרטן אַרומערט געצויגן אַ לײַבלעכער גע־שטאַנק פֿון אַן אוויר. די אָנגענעצטע פּאָדלאָגע האָט אָפּגעשלאָגן מיט אַ ריח פֿון ביליקן ווײַן און אויסגעמייקעט עסנוואַרג און פֿון דער נאָענטער קיך האָט זיסלעך געטשאַדעט צוגעכאַפּטער ציבעלע־עסיק און אַלץ האָט זיך אַזוי שווער געלייגט אויף זײַנע אַנט־צינדעטע לונגען, אַז ער האָט זיך געשטיקט אין חלשותדיקן בײַ־געשמאַק און ניט געקענט בשום־אופֿן כאַפּן דעם אָטעם.

און אַלע מאָל, ווען זײַנע פֿאַרנעפּלטע אויגן האָבן זיך געעפֿנט און באַקוקט דאָס שימלדיקע אויסזען פֿון זײַן אַרום, האָט ער געפּרווט זיך דערמאָנען ווו ער איז. זײַנע מיט שליים פֿאַר־צויגענע ווײַסלעכער האָבן זיך אָנגעפֿילט מיט טרערן. ער האָט

גערופן עמעצן — עמעצער וואָס וואָלט געוויס געקומען אויף זײַן רוף. ער האָט גערעדט פון היך — גערעדט צו איינעם אַ נאָענטן אַרום אים; ער האָט מיד געשעפּטשעט און געוואַרט. קיינער האָט זיך אָבער ניט באַוויזן.

בלויז דאָס ברוסטיקע און פּעטלײַביקע מיידל ביים אַריינפאָר האָט רוימענדיק פאַרבלאָנדזשעט צו אים אין אַלקער אַריין, מיט רחמנות באַקוקט זײַן פלאַמיק פּנים, זיך צוגערוקט און אויסגע־בעסערט אים דאָס געלעגער, גוט איינגעדעקט און אַוועק, לאָזנדיק דאָס צוקערן די דיל אינמיטן־דערינען. באַלד איז זי ווידער אָנגעקומען און אים אַריינגעבראַכט עפּעס צו עסן און לײַכט אָפּגעווישט, מיט איר צעלישטשעטער האַנט, דעם שווייס פון זיין שטערן — און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עמעצער פון די, וואָס שטייען אַרום אים, צומאָל נישט מירל, צומאָל נישט די מאַמע, גלעטן אים. האָט ער אַ כאַפּ געטאָן צ־טערדיק די האַנט און זי שטאַרקער געפּרעסט.

ניט האָבנדיק וועמען צו פאַרטרויען איר גליק, האָט דאָס מיידל שאָלטיקעוואַטע אַ שמיר געטאָן מיטן פאַרטעך איבערן פאַרקירצטן נעזל אירן און פון די דאָרפישע אויגן אַ לאַך געגעבן מיט אַ נאַיִווער אויפגעקוועלטער לײַדנשאַפט.

פון דער מינוט אָן האָט זי ניט אויפגעהערט פאַר אים צו זאָרגן, פאַרן בלייכן פּאַניטש מיטן באַמאָלענעם, ווייך־געפּרעסטן העמדל. זי האָט זיך געקריגט מיטן פּאָליציי־שליח, וואָס האָט גע־וואָלט פּראָ:מען קראַנקערהייט צושטעלן ווהין מען רופט אים. זי האָט אים דערנאָך אָפּגעבעטן ביי דער מאַכט אויף אַ צייט, אים ריין געוואַשן, אויסגעפּוצט זיין חדר, אַזוי ווי ס'איז נאָך קיינמאָל ניט געווען, און אַריינגעלאָזט אַ פרישן שטראָם לופט אין דעם פאַר־שטויבטן חלל. נאָר אַדאַנק איר האָט אויך די באַלעבאָסטע פונם טראַקטיר אים ניט געגעבן דעם דרך און בעל־כּרחה געהאַלטן בײַ זיך אַ חולה, און וואָס אַלץ האָט נאָך דאָס מיידל געטאָן אים צו שטעלן אויף די פיס.

פרילינג איז שוין דערווײַל געבוירן געוואָרן אין פעלד. אַ פרילינגדיק ווינטל האָט גערירט פוקע וואָלקנדלעך פון פאַר־

שאַרטע לבנה־נעכט און זיי געהוידלט איבער טריקנדיקע לאָנקעס. ווען־נישט־ווען האָט זון אַ שפּין געטאָן אָפּגעריסענע געוועבן און אַרויסגענאַרט פון די כאַלופּעס יאַדעשליווע און פאַרשלאָפענע זקנים, אַלטע פויערים פון די אויוונס אַפּיר. אַ צעצויגענע האַר־מאָניקע האָט געטאָן אַ צווייטן פאַרגעסענעם כליפּע פּאַזע דער ווײַטער אָזערע און אַ נײַ אויפגעעפנט פלויטל האָט אומעטיק גע־סקריפּעט מיט אַ עלענט טירל.

פרילינג איז אויסגעוואַקסן אין גאַס.

און פראָים איז אין די טעג געלעגן און שווער געדעכעט. ער האָט שוין הינטער זיך געהאַט דעם שווערן קריזיס, נאָר צו געזונט איז עס ניט געקומען. עס האָבן זיך אין אים אָפּגערופן אַלע פאַרגאַנגענע קינדערשע קרענק און געפּײַפט ווי פון סאָפּילקע־לעכלעך: פאַרשטאָפּט אַ פינגער איין לעכעלע, עפענען זיך גלײַך אַנדערע און עס פּײַפט. געפילט האָט ער, אַז אין זײַנע לונגען איז עפּעס פול, אפשר וואַסער, אפשר לייכעץ. נאָר בײַ יעדן אַרײַנאָטעמען דעם נײַעם פרילינג האָט אַ שטאָך געטאָן. אין די נעכט האָט אַ קליין ליכט געשמעלצט דעם טיש און די אָנגע־הויכטע שײַבעלעך האָבן געשוואַרצט און פון זייער פינצטערקייט אַרויס האָט, ווי אַ כיטרע אויג, געפינטלט אַ פײַערל פון ווײַטנס, פון דאָרט, פון ערגעץ העט־העט, וווּ עס האָט געדעכעט אַ גרויע, גיגאַנטע שטאָט. און אַז עס האָבן זיך פון די נאָענטע ליקלעך געטראָגן פאַרפירערישע פרויען־שטימען און עס האָט אין דער פילטרירטער בלויער לופט זיך אַ שלענגל געטאָן אַ שאָטן, אַ סי־לועט, האָט זיך אים אַזוי געוואָלט נאָך זיי, נאָך די קולות, נאָך די געשפּענסטער, נאָכווייען זיך מיט די וויזיאָנערישע שלאַנקע פיגורן, די ערגעץ פאַרשווונדענע בײַ דער שפּיץ צונג פון דעם ערשט־אָט דאָ אויפגעפלאַקערטן ליכט־קנייטל — און עס האָט זיך אים געוואָלט אויסלעבן דאָס לעבן, וואָס רירט אים מיט רווישיקע פליגלען הינטער די פלייצעס, דאָס לעבן, וואָס איז בײַ אים אויך אויף דער שפּיץ צונג. ער מוז עס אויסלעבן, עס קומט אים, עס קומט אים. עך, ווי עס קומט זײַנע פּיבערדיקע בלוטן דאָס לעבן! ס'איז אַזוי פאַרשיכורנדיק דער גרויס־שטאָטישער אַראָמאַט פון

דעם מאַרקיזעט און קרעפּ־דע־שין, פון ווייבלעכע קערפּערס אַראָפּ. ס'איז אַזוי פול געזאַנג דער בלוט־גאַנג אין אַ געזונטן קערפּער — ער איז געזונט. ער טאָר ניט, טאָר ניט קראַנק זײַן. ער געהער צו די לעבן־פאַרברענער, צו די, וואָס עס קומט זיי, עס קומט... עס קומט... ס'איז אַן איינרעדעניש... ס'איז אַ חלום... ער איז ניט קראַנק... ער מוז, ער וועט באַצווינגען... לעבן! לעב—בן!

און דאָ איז זי געזעסן בײַ אים הכנעהדיק און פויעריש פאַרטראַכט און ווי אַ פויער געטראָגן שווער דעם פּרילינג אין די אָדערן. זי האָט געוואַרט אויף זײַן אַ באַדערפעניש צו אים, ער זאָל זי באַנוצן פאַר זיין בעט אין דער מאַטער, קינדלענדיקער נאַכט. און גראָד איצט איז זי אים געווען נמאס, דערעסן און ער האָט זי געוואָלט פאַרטרײַבן, פּונקט אַזוי ווי דעם שווערן דעך, וואָס רוקט זיך שאָטנדיק צו אים פון דער לופט. ער האָט זי געוואָלט פאַרטרײַבן און דאָך ניט געוואַגט, ווײַל זי האָט אים שוין זײַט אַ צײַט געקויפט מיט קליינע מתנות, מיט אַלע מאָל אונטערגערוקטע לעקעכלעך, געקויפט מיט איר אייגן פלייש, וואָס ער האָט געפילט ביז אין די פיס־נעגל אַרײַן אין זײַן פאַרקיסנעטער תאווה.

יעדן מאָרגן האָט זי אים אַרײַנגעבראַכט פון ערגעץ־וווּ דערביוועטע בולקעס, פרישע טיי מיט מאַלינע־סאָק, צאָמאָל אַן אַלטן בלאַט צום לייענען און אַפילו אַ אָפּגעריבענעם באַווינטן ראָמאַן. בײַטאָג האָט זי אים אָפט געלאָזט אַליין, אויסגעמיטן, צײַט געגעבן אויף צו שפּינען בחורשע חלומות. נאָר וואָס נעענטער זי האָט געפילט די שעה פון זיין גלוסט, וואָס שיפּענדיקער דער בין־השמשות איז געוואָרן און וואָס אָפטער זי האָט געהערט זיין אומרויִק וואַרפן זיך אין בעט, אַלץ גליקלעכער האָט זי אים געוואָלט מאַכן, אַלץ פרײַוויליקער האָט זי געוואָלט זיין רוף זאָל זיין צו איר. זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל וויסן, אַז ער האָט רעכט אויף איר, זײַן מענערישע רעכט. ער מעג צו איר אויסלאָזן זיין אָנגעזאַווערוכעטע נשמה, ער קען זיך וווילגיין אויף איר חשבון, ער דאַרף איר גיפטיקע שפּיזן שטעכן אין די הויטן — ער וועט דערפאַר באַצאָלן, באַצאָלן מיטן גאַנצן גלי פון זיין קער־

פער, מיט די וואַרגנדיקע האַלדזונגען, מיטן צעקאָכטן אָטעם — מיט אַ לאַנגער פיבער=נאַכט.

„ער האָט אַזוי ווייניק כוח, כ׳דאַרף אים ניט דערבגזוענען״— האָט זי זיך טרויעריק געקלערט — „זאָל ער זיך פילן ווי אַ האַר. אַ ווײַב דאַרף אַזוי, אַ ווײַב... עך, אַזאַ מאַן... אַזאַ מאַן צו האָבן״...

אָבער ער האָט אַלץ אויסגעקרענקט. ניט געוווּסט, פון וואַנען ס׳נאָגט עס אים אַזוי. די באַקן האָבן זיך אָפּגעצויגן, אײַנגעפֿאַלן, דער ברוסט=קאַסטן איז ליידיק געוואָרן, ס׳איז קיין כוח ניט געווען אויפצושטיין. די פיס האָבן זיך נאָכגעטעלעבענדעט, אַ שווערע מאַטקייט האָט ווי בלײַ געפרעסט דעם שטאַרן אויסגעדייווערטן סקעלעט. און ביסלעכווײַז האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער פאַרלירט דעם מענלעכן חן, ער פאַרלירט יעדן קערפערלעכן באַגער און ווערט אָפּשטויסנדיק, קרענקלעך, ווידערוויליק, מיט אַ פליישיקן ריח אין מויל און אַ ביינערדיקן קנאָפּ אין גאָרגל. בלויז דאָס העמדל, וואָס איז אויסגעהאָפטן מיט די באַמאָלענע אוקראַאינישע אַרבל, האָט נאָך דערמאָנט זײַן אַמאָליקייט, אָבער אויך דאָס איז לאַנג געווען קויטיק, צעקנייטשט און פאַרשטונקען, ווײַל ער האָט עס בשום=אופן ניט געלאָזט פון זיך אַראָפּצי͏ִען און ניט געגעבן צום וואַשן פאַר קיין פרײַז. דערפאַר האָט ער אָבײַזר מיט אַ ציטער נאָכגעשפּירט, ווי עס פאַרלירט ביסלעכווײַז יעדן ווײַסן שפּור. בגנבה האָט ער זיך אַלע מאָל איבערגעדעקט דעם קאָפּ מיט דער קאָלדרע און געטאַפּט מיט ציטערדיקע הענט די ליטקעס, די אָרעמס, די ברוסט — זענען זיי נאָך גענוג שטײַף? ווערן זיי ניט צעקוואַטשעט און אויסגעמערגלט? וועט נאָך אין זיי אַ זונג טאָן אַמאָל דאָס בלוט? וועט נאָך געליבגען כאָטש מיט זיי עמיצן צופּצונאַרן? פאַרשטעלן די געפאַלנקייט? די געבּרעכלעכקייט?

— וועט נאָך מירל, די ראַסיקע מירל, מיך קענען ליב האָבן? וועט זי מיר נאָך וועלן צוטראָגן איר יונגפרוישאַפט? איר בלוט און מילך? כ׳בין דאָך אַזוי אויסגעשעפּט, אַזוי מיד.

די חלומות אין די נעכט זענען אויך געווען קראַנק. וואָס אָפּטער, האָט ער אין זיי געזען זיך אַ ווילנלאָזן, אַן אויסגע=

שעפּטן, אַן אימפּאָטענטן און ס׳זײַנען אים באַפאַלן ווילדע אַנגסטן: „כ׳מוז אויפהערן מיט איר, כ׳מוז אויפהערן. כ׳מוז שפּאָרן דאָס לעצטע ביסל, דעם לעצטן כּוח, דעם מאַרך, פאַר שפּעטער... פאַר יענער... פאַר מירלען... פאַר פרויען, וואָס דאַרשטן נאָך פעסטע מענער... אויפהערן... אויפהע..."

נאָר ער האָט דערצו אויך קיין כּוח ניט געהאַט און ער האָט נאָך עפּטער געפילט איר וואַרעם לײַב לעבן זײַן קאַלטן בוזעם, זיך געטוליעט דערצו ווי אַן אָפּשטאַרבנדיקע קויל צו אַ ברענענדיקן פלאַם, מורא געהאַט, זי זאָל ניט דערפילן, ניט אָנשטויסן זיך, אַז ער איז זשעדנע אויף איר וואַרעמקייט, אַז ער איז קאַפּוט, חלילה. זי האָט ניט געטאָרט דערפילן, זי האָט געדאַרפט גלויבן אין אים, אין זײַן מענערישקייט. ער, טאָמער קומט זי דערויף, טאָ—מער!..

אָבער ער האָט אַפילו לאַנג ניט געוואָלט צולאָזן די מרה־שחורה. ער האָט געטריבן די מחשבות און זיך כּתם געלאָזט באַהערשן פון אַ סם, וואָס האָט געטריפט אין זײַנע צעיאַטערטע לונגען, פון אַ שנאה צו איר, צו דער געזונטער מויד, וואָס האָט זיך פאַרלייגט אויף אים אומגליקלעך מאַכן; אַ שנאה צו איר, ווײַל איבער איר מוז ער פוסטעפּאַסעווען אין בעט און איבער איר ווערט ער ניט געזונט. זי איז זײַן מלאך־המוות. און נאָך בלינדער איז ער געוואָרן אין זײַן שנאה, ווען ער האָט פאַרגעסן, פאַרוואָס, פאַרוואָס ברענט ער אַזוי אויף איר. מיט דעם ברען און מיט דעם חיות האָט ער דאָך נאָך ווי־נישט־ווי געלעבט. מיט דעם ברען האָט ער דאָך געקענט קריכן איבער איר, געברומט ווי אַ פאַרווונדעטער לייב און זי פאַרלאָזט אין רעכטן מיטן פון איר פיבערן. ער האָט הנאה געהאַט פון איר טרײַבן זיך לעבן אים שעמעוודיק און צערייצט, ווי אַ פרוי אין איר באַגער, הנאה געהאַט און זיך געמיאוסט.

אָבער זי האָט אַלץ אָנגענומען צום גוטן. פאַרקערט, ס׳האָט זי נאָך מער צוגעבונדן צו אים, ווי זי וואָלט זיך אין זײַן שווײַרצן שנאה־פײַער אויך פאַרטליעט. בלויז אירע באַקן זענען בלייכער געוואָרן און אַ קרענקלעכער שאָטן האָט איבערגעלאָזט

שוואַרצע פּאַסן אונטער די אויגן. נאַכט האָט פאַרגעסן איר אומעט אויפן פּנים. נאָר אין די שוואַרצאַפּלען האָט זיך דערפאַר צעפינקלט אַ שאַרפער שטאָלץ, אַ שטאָלץ פון אַ קרבן. זי וואָלט געקענט שווערן, אַז זי פילט קלינגען דעם פאַרשטיקטן ווייטאָג, קלינגען זיס אין די אויערן. אירע זיפצן זענען געפּרעסט געוואָרן. דער בליק, אַ פריידלאָזער, האָט געבלאָנדזשעט אין בין=השמשות אַרײַן צום בלוטיקן שאַריען און פאַר די איבערגעשראָקענע אויגן האָט זי אין טיפן דעמערן געזען אַ שאָטן ווייך זיך בויגן איבערן געלעגער פון איר קראַנקן ליבלינג.

זי האָט גענומען חלומען אין זײַן שנאה אַרײַן און געפילט ציטערדיק דאָס פירן פון אַ קאַלט שאַרף מעסער, שרעקלעך, קיצלדיק.

אָבער אינגיכן איז פּראָימען באַפאַלן אַ געליימטע אַפּאַטיע. אין אים האָט אָנגעהויבן פונאַנדערצופאַלן דער קערפּער, ווי בײַ ראַק=קראַנקע. אַלטע שטיקער פלייש האָבן געשטיקט, גלוסטן זענען איבערגעשטאַנען, געקרינגעלט געוואָרן. די ראיה האָט זיך רויטלעך פאַרקרענקט, דאָס געהער — גרוי פאַראייַנטאָנט. ער האָט מער קיינעם ניט געשאָלטן, ניט געצייצט, ניט אָפּגעשטויסן. קיינער האָט פאַר אים ניט עקסיסטירט. ער פאַר קיינעם ניט. ער איז געווען אויסגעלאָשן — אַ שבתדיקער אויוון.

זי האָט אויך שוין פאַרלאָרן די האָפענונג אין זײַן גענעזונג. ס'האָט איר פּוסט אַרײַנגעגענעצט אַ יאוש אין דער נשמה אַרײַן. זי האָט אים נאָך באַדינט, געצערטלט, אָבער וואָס אָפטער אים געמוזט פאַרלאָזן אַ שלאָפנדיקן און וואָס אָפטער געפילט, אַז ס'איז אומזיסט. פון געוויינהייט האָט זי נאָך געזוכט פאַר אים בעז און מאַי, נאָך געפלאַטערט, פאַרגייענדיק מיט כאָפּטעס פרײַנד ווײַט צו זונטאָגדיקע הוידלקעס. געלאָפן אַהיים אים ניט צו דערגרזענען, מכלומרשט אַ רופאטע פאַר אים געקליבן. באַלד האָט זי אַליין דערפילט, אַז זי טרייסלט זיך אָפּ פון אים און ניט געקענט זיך מער העלפן. פאַרלאָזן איז פּראָים געלעגן אין בעט. אַ שײַן האָט זיך געלויזט אויף זײַן פאַרמעטן

פּנים, אויף דער ברודיקער צראָפּגערוקטער קאָלדרע און געציילט מיט פּראָימס אויג אינאיינעם דאָס ביסל מינץ אויפן טיש.

ס'האָט געטאָגט אין קעשענע. אויפן בענקל זענען געלעגן קאָרזשיקלעך פאַרשימעלט ברויט און מילך האָט געטריקנט אין אַ שעלעכל. דער טאָג האָט פאַרנע געלעקט די מילך, געכמורעט זיך אויף די פינצטערע ווינקלען און געהערט, ווי פליגן פאַרזשומזשען די לופט. פּראָים האָט שטיל געפירט די אויגן אויף די ווענט, אויף דעם סופיט, אויף די ווינקלען און ס'האָט זיך עפּעס געטרוימט, ווי אַ גאָלדן שטיק פאַרקאָוועט און פאַרבליאַסקעט: „— שוין לאַנג ניט געווען... האַ, אַ לאַנגן מיטוואָך. ווען זי הײַנט קומען?"...

ער האָט געלוישט צו הערן. אָבער ס'איז געווען שטיל. נאָר פונעם נאָענטן חדר האָט זיך געטראָגן אַ שיכור געזאַנג און נאַס געלעשט זיך אינם סופיט. דאָרט, אויף אַלט־סאָכנאָווע מעבל, אין זאַל, איז, ווײַזט אויס, געזעסן אַ רײַך פּריצל און גענומען אַ כּוסע — און זי האָט געוויס אים צוגעטראָגן עסן. און ווער ווייס, אפשר האָט ער זי באַקוקט מיט אַ פּאָר גרינגע תּאוהדיקע אויגן: האַ? צי אפשר גאָר געפּרעסט זי אין זײַנע אָרעמס חוצפּהדיק, פּויעריש, אויסגעלאַסן? טפו, שמוציק! אַוודאי, אַוודאי ליגן זיי ביידע איצט אינעם שכנותדיקן צימער און זי קושט דעם שיכּור און ער זינגט נאָך, דער נואפניק, האַ? און זי קושט אים, פּונקט אַזוי ווי זי האָט פריִער אים, אים, פּראָימען, געקושט, וואָס? יענער קען גוט צאָלן, ער האָט געלט, ער האָט אַ וואַרעם לײַב און דערעיקרשט: ער האָט חשק פאַר איר, חשק פאַרשטייסט, ח—ש—ק, ער איז געזונט, עשׂו!..

אַ כוואַליע זודיק בלוט האָט פון ערגעץ נאָך געטאָן אַ שלאָג אין די פאַרוווּנדעטע אַרטעריעס און ס'איז געוואָרן אַזוי שווער דאָס אָטעמען, אַז ער איז קוים צו זיך געקומען.

— ניין, מער וועל איך זי צו זיך ניט אַרײַנלאָזן, כ'וועל זי פון זיך טרײַבן, טרײַבן די זלידנע פליג. כ'וועל זי אָנלערנען, כ'וועל... — און ס'איז אַזש זיס געוואָרן פון די נקמהגעפילן.

— זאָל זי נאָר קומען, כ'וועל איר שוין ווײַזן, — האָט ער זיך אַ צײַט לאַנג געדרייט אויף אַלע זײַטן. אפשר איז אַפילו אַזוי אַ פּאָר טעג אַריבער און אפשר ניט. נאָר פּלוצים האָט ווי אַ בליץ אַ שלאָג געטאָן אין אים:

— וועט זי נאָך קומען אַמאָל צו מיר? וועט זי דען נאָך קומען?

נאָכן בליץ האָט אַ גויט־שווייס אַ שלאָג געטאָן:

— כ'וועל איר ווײַזן! אַזוי, אַפילו קומען וועט זי שוין אויך ניט? כ'וועל זי טרײַבן! כ'דאַרף זי ניט! כ'וועל זי פּאַר־נאַרן צו מיר און דערנאָך... אַ שמיץ, אַז זי וועט איצט פּליִען... כ'וועל שוין ווײַזן...

און פון הינטנאַרומערט איז אים קלאָר געוואָרן, אַ שוואַר־צע קלאָרקייט, פאַרפאַלן, פאַרפאַלן. זי וועט שוין מער גאָר קיינ־מאָל ניט קומען. „און צו וואָס דאַרף זי מיך? און וואָס קען איך איר געבן? און ווי וועל איך זי פאַרנאַרן? ניין, אויס... אויס... ווײַל כ'בין מער ניט קיין מאַן... קיין מאַן... אַ גאָרניט... און אויס"...

און ער האָט זיך געגליכן צו אַן עלעקטרישער באַטערייע אויף אַן איינזאַמען פעלד, אָפּגעשניטן פון אַלע קאָנטאַקטן.

אַ שרעקלעכע מורא האָט אים פון אינעווייניק אַרומגע־כאַפּט און געפינצטערט ביז אין די אויגן־לעכער. זײַנע אייגענע אויגן האָבן אים געשראָקן, די דאַרע טויטע הענט, דאָס ווער־גנדיקע קנעפּל אין גאָרגל. ער האָט גענומען זיך וואַרפן אויפן געלעגער און רײַסן די קישנס פון זיך. ס'האָט אים גלײַך אַ טראָג געטאָן אַראָפּ פון בעט, די הענט געשטרעקט אין דער לופטן, צו כאַפּן אַן אָטעם. ער האָט זיך געלאָזט איבער בענקלעך, קאַסטנס, אָן אַן אָפּהאַלט, צו דער טיר. איין האַנט האָט שווער אַ פאַל געטאָן אויף דער קליאַמקע און זי געעפנט און אַ צעשויבערטער, אַ נאַקעטער, אין זײַן הוילן העמדל, וואָס גרייכט קוים ביז די קני, איז ער אַרײַנגעפאַלן פון צווייטן צימער אַרײַן, געלאָפן ווי פונעם יאַריד, נאַקעט, פונעם עולם־התוהו. יאָ, הויל און בלויז, אַזוי ווי די מאַמע האָט אים געהאַט.

און זיי האָבן שוין געוואַרט אויף אים... פינצטער איז אים... פון אַלע שפּאַלטן זענען זיי אַרויס, פון די באַהעלטענישן... און מען לויפט אים נאָך... אָט איצט וועלן זיי אים כאַפּן... אַוודאי, צַז ס'פעלט אָטעם... אָט־אָט וועלן די פורים־שפּילער אים אָניאָגן... דערטאַפּן אַ נאַקעטן... מ'דאַרף אַוועק... אַוועק... נאָר די פיס דינען ניט... ס'איז זיי ניט צו רירן... פודיק־שווער... קלעצער... אַוועק־אַוועק, אַראָפּ־אַראָפּ, איבער געדרייטע, פאַלנדיקע שווינדל־טרעפּ...

אין דעם חדר, וווהין ער איז אַריין, איז געווען שטיל. קיינעם האָבן זיינע מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן ניט געזען. ער האָט פלוצים דערפילט אַ קילנדיקן שטראָם, וואָס שלאָגט זיך פּאַמעלעך ביזן קאָפּ־אַרויף, ווייַזט אויס געקומען מודיע זיין, אַז ס'איז דער סוף. אָט־אָט איז אויסגערונען דאָס לעצטע ביסל כוח און זיך נאָר אויסגעדעמפט אין אַ יאושדיקן רעווע, וואָס האָט געשפּאַרט פון ערגעץ אַ תהום אין קעל אַריין, געריסן זיך און געשפּאַרט אַרויס:

— גוואַלד, גוואַלד, איך לעב דאָך נאָך!

.1933

מאָ—בי—לי—זאַ—צי—ע!

בײַטאָג. אין רויען, שטויסנדיקן ווינט איז אַיעדער קאַרב לופט אויפגעקוואָלן מיט אַ צעגלעקערטן גלין־גלאַן. זון האָט זיך געטשמעלעט אויף דער לינקער זײַט, פויל און האַרבסטיק. נאָר מ׳איז געווען מיד און פאַרטאַראַמט און פאַרגעסן בכלל דעם זון־פלעק, וואָס האָט זיך צעקראָכן גלײַך אַ לונג־און לעבער אויף דער נאָז. פון די הויכע, ציגל־רויטע קוואַרטאַל־בלאָקן און די צע־פראַלטע גאַראַזש־הויפן, פאַרשניטענע פון שווערע אײַזן־רעלסן, האָט שוין לאַנג געאָטעמט מיט בלינדער נאַכט און בלויז די צע־גלעקערטע לופט האָט מאָדנע גערירט ווי אַ פענצטער און ווי אַ זײַטיקן טויער און ערגעץ־ווי האָט אַ קאָווענדיקער האַמער דערמאָנט, אַז ס׳האַלט ערשט אין רעכטן ברען פון אַ סעפטעמ־בער־נאָכמיטאָג.

לויז איז געוואָרן דער ווינט מיטן אָוונט־צו און אויסגע־קינדלט זײַן לעצטן פײַף, פאַרכאַפּט ערגעץ פון אַ צוג אויף אַ פרוט־בריק, און באַלד האָט זײַן ווייכער פליגל אַ ווייע געטאָן מיט סטעפּישער ווײַט און מיט אַ געזאַנג פון מאַרשירנדיקע עס־קאַדראָנען.

ווינט האָט מיט דינסטמיידלעך דאָ אין דער פּעריפעריע געפירט אַן אַלטע ליבע. ער האָט זיי ווינטער געצוויקט גוט־ברודעריש די רויטע פאַרפרישטשעטע לידקעס, וואָס האָבן זיך פאַר זײַן אָטעם פאַרהאַלעט; ער האָט זיי פאַרפּאַטשט די באַקן מיט שניי־פוך, ווי ער וואָלט זיי דערמיט פאַרוויגט אין ווײַסן וויגל פון די קינדער־יאָרן. ער האָט געריסן לופטיקע ווינדע־לעך פאַר אָקערשט אויפגעבונדענע מוטערס — און אין פרילינג

אַרײַנגעשפּילט אין זײערע געלעכערטע הײמען טרויעריקע „קאָמאַרינסקעס".

הײַנט האָט ער זײ געבראַכט ־יִעם ערשטן גרוס פֿון קומענדיקע סאָלדאַטן, געבראַכט און געאײלט װײַטער. װײַל אויב סאָלדאַטן, קומען דאָך אויך מיט העכערע ראַנגען, עלטסטע מיט גלינצערדיקע קנעפּ, מיט רויטע לאַמפּאַסן. ס'קומען און ס'קומען... ער האָט זיך אויסגעווישט דאָס פּנים און דעם גרוס געפֿירט אַהין, װוּ זון האָט זײַן געלן שמײכל פֿאַרשענקט גראַװירטע פֿענצטער, װוּ אַ שטראַל האָט זיך געלויזט אויף אַן אַלטן מײסטערישן לײַװנט.

אָבער װי ס'זאָל ניט זײַן — מײדלעך האָבן אויפֿן װינט הײַנט קײן פֿאַריבל ניט געהאַט, ניט דונקע די קורנאָסע, ניט די קלײנע סענקע און ניט די שפּאָר ביסל צעליאַפּעטע נאַסטאַסיע.

זײ זענען זאַלבעדריט געשטאַנען לעבן דעם טירל פֿון אַן אַלט צעפּוילט הויז און געקוקט אַהין, װוּ מ'האָט גאָרניט געזען — נאָר געהערט אַ טרומײטער הויך און גאװהדיק אַרײַנבלאָזן אין דער װײַט אַרײַן זײַן סאָלדאַטסקן אָטעם. פֿון דער זלידנער קעלט איז בײַ יעדערן פֿון זײ דער שפּיץ נעזל רויט געװאָרן, די הענט זײַנען בלוי געװאָרן ביז די געלענקען און די דינע קאָפּטעלעך געפּעלבלט — נאָר דאָס איז גראָד פֿאַר סאָלדאַטן אַ מציאה. צומאָל אַ פּעלדפּעבל, װען ער דערזעט אַזאַ פּעלבל אויף דער ברוסט פֿון אַ פֿרוי, װערט זײַן הײזעריק קול נאָך פֿולער מיט הײזעריקערישן און זײַנע שטיװל טאָפּטשען דעמאָלט די מאַמע־ערד אויף װאָס די װעלט שטײט.

אָבער װען די גרויע קאָלומנעס חײל האָבן גענומען ציִען אין שטאָט אַרײַן, איז אויף די דרײַ מײדלעך געפֿאַלן אַן אימת־מוותדיקער שאָטן.

געפֿאָרן זײַנען בײזע פֿאַרשנײצטע רײַטער מיט גרינע אײַזערנע קאַסקעס איבער די קעפּ, מיט ברײטע צעפּלאַטערטע פּענדלעך, װאָס זאָגן קײן גוטס ניט צו. בײַ די זײַטן פֿון דער קאַ־

וואַלעריע האָבן זיך נאָכגעבאָמבלט קליין געוואָרענע, איינגעפאַלענע זעלנער מיט אָנגעלאַסטעוועטע פלייצעס און אומגעלומפּערטע, צעסטראַפּקעוועטע שינעלן. געגאַנגען איז מען סטאַדעסווײַז, פאַרקאָכט און שוויצנדיק, און פלינקע פענדריקלעך האָבן געמוסטערט זייערע גאַליפע־געטרעס מיט קילע, גרינע אויגן און פאַרביסן געיאַדעט דעם עק פון דער קאַמפּאַניע.

אויף די ווײַסע אויסגעקערטע פריצישע גאַסן איז געווען אַ בהלה. פורגאָנעס מיט אָנגעפּאָרענע האָבן פאַרשטעלט די וועגן, העט־העט, ביז די פאַרוואָרפנסטע ראָגן. אויף די פּיעדעסטאַלן פון דענקמעלער האָבן געגלאַנצט אָרקעסטערס מיט בייכיקע מעשענע טרובעס, מיט צעדרינזשעטע טאַצן און ס'האָט געקלאַפּט אָן אויפהער אַ טעמפּע פּויק. רוי־צונטערדיקע פלאַקערס האָבן גערויכערט אויף שוויצנדיקע פּנימער, אויף פערדישע זײַטן און דישלעס פאַרבונדענע מיט שטרוי און פאַרריסעסע אין הימלאַרײַן. רעווענדיקע קולות האָבן אָנגעכלינעט איבערן בין השמשות אַריבער און געטריבן די סבאַלמוטעטע שאָטנס, ווי טשאַטעס ווילד געוואָרענע הינט צווישן די געמאַרקן.

פון גאָרנדיקע טעראַסן, פונם ראָטהויז און קאַטעדראַלן זײַנען אַראָפּגעהאַנגען שווערע טעפּעכער מיט ריזיקע פּאָרטרעטן אויף זייערע מיטנס. איבער ווײַטע פּלעצער האָבן זיך געצויגן טראַנספּאַרענטן. מענער אין הויכע שוואַרצע צילינדערס מיט צעגאַווערטע מײַלער האָבן פון אויבן עפּעס געקאָמאַנדעוועט און אין דער לופט האָט געשטיקט אַ וואָרט, אַ קאַלטס ווי בלײַ אין אַ פראָסט און געדריקט: — מאָ—בי—לי—זאַצי—ע! אַרום די וויטרינעס בײַ די פאַרשפּאַרטע געשעפטן און לעבן קאַרג ליכט אין די טיפע שענקען, טיי־הײַזער און ביר־הײַזער האָבן זיך געפּלאָנטערט צונויפגעדרענגטע שלעפּערס, לאַנג ניט־ראַזירטע מיט שוואַרצע באַרשטענע בערד און פאַרהויבענע קעלנערס פון דינע צעווינטלטע רעקלעך. זיי האָבן זיך געקליגלט אַ טאָפּ צו טאָן מיט זייערע זשמעניעס דאָס ווייכע קאַפּטעלע פון דער אָנגעקומענער דונקע, אָדער סתם אונטערגעפּאַטשט דעם ברייטן הינטן פון דער אַנטלויפנדיקער באַסטאַסיען. קנאַפּ ווער פון זיי

האָט אָבער אומגעקוקט זיך אויף דער צוריקגעבליבענער סענקען, וואָס האָט עפּעס הייזעריקלעך נאָכגערופן אירע אַנטלאָפענע חברטעס און זיך ניט געקענט ספּראַווען מיטן גאַנג.

ביז פון איין קעלער האָט זיך געטאָן אַ וואַלגער אַרויס אַ שווערער הויכער ווערגעלעץ אין אַ קורצער מאַרינאַרקע, מיט אַ וואַטאָווער היטל טיף פאַררוקט איבער די אויערן, ווי אַ כורליק. ער האָט סענקען אַ מעסט־אָפּ געטאָן מיט זײַנע פאַרזשמורעטע אויגן און שלאַבעריק אַ נעם געטאָן בײַם קאַרק, ווי אַ הענדל, וואָס מ׳דערלאַנגט אַ שוחט. אויף זײַן קלעפּיקן „סליאַד" איז געבליבן איינגעם מיטן פאַרקרעמפּטן גאָרגל אירן אויך אַ זשמוט מיט האָר פונם אונטערגעשאָרענעם קעפּל, און ער האָט עס ווי צעריבן אין זײַנע הענט און אַרויסגעזײַט אַ פּאָר קאַלטע ווערטער צווישן פאַרשטשעמעטן פּיסק:

— „סאָלדאַטסקע שקורעס, פון די ווילט איר עפּעס האָבן? פון „מאָבילייזירטע"? פּשאַקרעוו, זייער זרע איז אײַך צום האַרצן? לאָז מיך, לאָז, פון מיר קענסטו כאָטש עפּעס האָבן הײַנט צונאַכטס".

סענקע האָט זיך שוואַך געוועהרט. אין דער פאַרטאַליאַפּעטער נאַכט, וואָס האָט עפּעס באַוויזן אויסצוגיסן אויף איר קאָפּ, האָט זי נאָר געפּרוּווט הייזעריק און פאַרסאָפּעט אַרײַנצושטעלן אַ וואָרט: — „איך בין נאָך... כ׳לעבן... נאָך ניט"...

— „מ׳ווייסט, מ׳ווייסט" — האָט זי דער חברה־מאַן דערווײַל שוין געפירט אונטערן אָרעם, גלײַך אַ פּאָליציסט אַ געשטראָפטן איידער ער שמוגלט אים דורך די באַלעבטע גאַסן.

אַז סענקע האָט דערנאָך זיך אויפגעהויבן פון זײַן בעטל אין זײַן טוכלע ניט באַלויכטן חדרל און האָט זיך געשאָקלט פאַרלאָרן צווישן די צערוקטע דיל־ברעטער, האָט ער אַ צי־געטאָן זײַן שווערן פּאַסעק, אונטערגעהאָפּקעט בײַם אַרויפרוקן די הויזן און אַ מאַך געטאָן סתם אַזוי, אין דער פינצטער אַרײַן:

— „דערפאַר, זאָלסטו וויסן, אַז איך, יאַשקאַ פּאָהולײַקאַ, הייב אָן, וועט שוין גיין, ווי געשמירט... זײַ זיכער... איך בין גרינג אויף דער האַנט... נו, וואַרף זיך אַרויס... נו". —

איז סענקע אַרונטערגעגאַנגען די צעפּוילטע האָלץ־טרעפּלעך, אַליין געחידושט זיך, וואָס איר גאַנג איז איצט גאָר מאָדנע. די פֿיס האָבן זיך שווער געריבן איינע אָן דער צווייטער, אָבער דאָך האָט זיך איר דערבײַ געדוכט, אַז ס׳איז איר אַראָפּ אַ שווערער שטיין פֿון האַרצן: סוף־כּל־סוף אָפּגעטראָגן איר ווײַבלעכן חוב.

אין די גאַסן האָט זיך דערווײַל ערשט רעכט צעשפּילט די אמתע חתונה. לאַנגע שפּאַליערן אוניפֿאָרמירטע, צעבושעוועטע מענטשן־רייען האָבן זיך געצויגן, געוואָרפֿן סטורקאַטשן אין דער לופֿטן און זיי אין פּלי געכאַפּט. ראַקעטן האָבן געשפּאָלטן די הימל־נאָפּלען און פֿון טראָטואַרן האָט געפּלייצט אַ תּאוותדיקע גוגערײַ און אין סמאָלע־יורנדיקער חשכות געהוידלט זיך צו די סאַמע ווײַטסטע בולוואַרן. אַרום צוריקגעוואַקסענע לאַמטערנס האָבן געשווינדלט פּאַיאַצישע פּנימער, אַרויסגעשטעקט מענערישע קינבאַקן, קנאָכיקע לײַב־ און־ לעבנס. מאַנסבילשע קערפּערס האָבן זיך באַהאַנגען מיט צעשויבערטע ווײַבער, קאָקאָטקעס, שטייענדיק אויף איין פֿוס ווי טשאַרנאָזן. יעדער מינוט האָט פֿון ערגעץ אַרויס אַ כלינע געטאָן אַ כוואַליע מיט אַ זודיקן „הור—ראַ” און אָפּגעשלאָגן ביז העט־ווײַט, ביז דעם צעקוואַקעטן סטאַוו, ווו פֿאַרגרינט איז דער הימל אַרײַן אין אַ וואַסער צו זוכן זײַנע שטערן.

סענקע איז אויך שטיין געבליבן בײַ אַ לאַמטערן אַליין, אײַנגעהויקערט, מיט אַ צעריבענער טרער. זי האָט ניט געוווּסט, וואָס זי זאָל אָנהייבן צו טאָן מיט דעם שוואַרצן שטיק נאַכט, וואָס ליגט נאָך פֿאַר איר. נישטאָ מער קיין וועג ווהין. אַ זעלנער פֿאַרנאַרן? איצט? שוין שפּעט. וואָס קען זי אים געבן? אַהיים גיין? צום טשאַדענדיקן לעמפּל? צו אַ קאַלט געלעגער? צום וואַנציקן מאַטראַץ? אין אַזאַ פֿײַער־נאַכט?

האָט זי פֿאַרשעמט און קינדיש נאָכגעקוקט די פֿריילעכע מאַטראָסן, איינס צום איינס, ווי אָפּגערעדט, דראַגונערס. זיי האָבן געצויגן אויף געוועט לאָטעריע־קוויטלען פֿון אַ קאַטאַרינשטשיקס קאַסטן און געהאָדעוועט מיט יאָדרעס זײַן גרויען, אַלטן, אויסגעקראָכענעם פּאָפּוגײַ, וואָס האָט שוין מיט איין אויג נאַכט

געמאַכט און געשלאָפן, און מיטן צווייטן האָט ער געדרייט בײַם וואָרטשען, ווי אַן אָנצײַנערדיקע באָבע.

— „סענקע? אַליין גאָר?" — זײַנען נאַטאַשע און דונקע זי באַפאַלן גאָר פּלוצים.

זיי זײַנען אָנגעקומען מיט דרײַ סאָלדאַטן.

— „דיך אַרומגעזוכט, ווו די וועלט האָט אַן עק. ווו ביסטו געווען? זע באָר, זע, געוויינט גאָר? נו, נאַרעניו, צו וואָס? צו וואָס?" — און זיי האָבן פאַר רחמנות זי געטאָן אַ נעם אַוועק אין אַ זײַט אַרײַן און לאַנג איר אײַנגערוימט עפּעס האָפּערדיקס און צוזאָגנדיקס אין אויער אַרײַן.

דערנאָך האָט מען זי צונויפגעפּאָרט מיטן דריטן סאָלדאַט, דעם גרויען הויכן כאָכאָל אין אַ קורצער סעמערינגע, וואָס האָט פון זײַנע דאַרע ביינער ניט דערשלעפּט זיך ביז די געבויגענע פויגלשע פיס. ער האָט לפנים כמו געבראַקעוועט זיך מיט איר, מיט סענקען, און געטענהט צו די חברים: „איך בייטעך, פאַר מײַן הויך אַזאַ אויסכאַפּעניש? פאַר מיר אַ קורצער פרײַטאָג"?

— „האָסט בעסערס?" — האָט אים נאַטאַשעס קאַוואַליער אָפּגעהאַקט — „מײַנע וועל איך דיר ניט אַוועקגעבן. נעם, וואָס מ'גיט, אָן צערעמאָניעס, פאַרשטאַנען? איידער ס'דערשמעקט אַן אַנדערער. ריר זיך".

— „נו, מילא" — האָט דער כאָכאָל זיך אַ קראַץ געטאָן אין דער טשופּרינע — „אָבער געדענק, קליינע, דערפאַר מוזטו מיר אָפּדינען ווי אַ גרויסע". —

ס'האָט געשמעקט מיט וויאַנענדיקן האַרבסט אין דעם פינצטערן בולוואַר, מיט אײַנגעהאַלטענעם רעגן. סעפּטעמבער־בליצן האָבן ווי קורצע בליקן געזיגזאַגעוועט אין נעפּל. סטרוזשעס האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט איבעריקע און גיפטיק געוואָרטשעט צו די אַרײַנפלייצנדיקע: „הײַנט איז הפקר־פּעטרושקע, פראַנק און פרײַ. הײַנטיקע נאַכט מעג מען... זעט פאַרענטפערט־זשע וואָס מלחמה וועט פון אײַך אויפפרעסן... אַרבעט כאָטש ניט אומזיסט"— און זיי האָבן מיט לאַנגע שטעקנס עפּעס געפּאָרקעט זיך בײַ די גאַז־לאָמפּן, וואָס האָבן סײַ־ווי־סײַ, גלײַך געבעלמעטע אויגן, אויס־

געצאַנקט אין טיפן געבוש, אַרײַנקריכנדיק איבערן קאָפּ אין די נאָענטע באַסיינען. און אינעם פאַרלאָזטן פּאַווילִיאָן, ערגעץ אויף אַ שטיין־באַנק, האָבן די סאָלדאַטן, אויף די כוואַליענדיקע ברוסטן פון מיידלעך, פאַרשלאָפן די נאָגעניש פון מלחמה־שרעק.

נאַסטאַסיע און דונקע האָבן זיך אָבער געוועדט, געוועדט שטיפעריש, רייצנדיק, אַרויסנעמענדיק די נשמה.

— „מיר זענען אָנשטענדיקע... מיר האָבן מורא פאַר... ניין, ניין מ'קען צייך... איר וועט אונדז איבערלאָזן אַ פּעקל"...

— „זײַט ניט קיין נאַראָנים" — האָט דער עלטסטער פון דער קאָמפּאַניע זײַ פאַרזיכערט מיט אַפּלאָמב — „ס'וועט פון אונדז קיין זכר ניט בלײַבן... איר וועט זען. סאָלדאַטן קענען אַ פּאָרטל... כ'זאָג אײַך, גאַ—ראַנטירט!"

זיי האָבן אויסגעשפּיגן זייערע רעשטלעך ציגאַרן אין ווינט אַרײַן און זיך גענומען מיט צעהיצטע קעפּ צו דער נאַכט־אַטאַקע.

סענקע האָט איר כאָכאָל צופרידנגעשטעלט ביז באַגינען אָן לאַנגע שהיות. מיטן טאָג האָט מען די סאָלדאַטן באַלייט, בײַם רוף פון אַ קאַזאַרמע־האָרן, אין אַ גראָען נעפּל אַרײַן, מיט פאַרווײנטע אויגן און מיט פולע אויערן סאָלדאַטישן געזאַנג:

מיר האָסטו געלאָזט אונטערן סאַמע האַרץ אַ יאַט,
און אַליין ביסטו אַוועק אין פּולק פאַר אַ סאָלדאַט.
ראַט—דוואַ. ראַט—דוואַ.

סענקע האָט דערנאָך זיך אומגעקערט מיט אירע חברטעס אין דער בעקערײַ אַרײַן, ווו זי האָט שטענדיק געקנאָטן שוואַרצע קאָרן־ברייטלעך, באַזייטע מיט סימענע, און זיי פאַררוקט אויף לאָפּעטעס אין אַ טיפן סאַזשע־פולן אויוון און פריש געבאַקענע זיי קאַיאָר פאַרקויפט בײַ אַ לאָדן פון איר באַלעבאָס, דעם קליינעם געוואָנצטן כריסטאָפּולוס דעם גרעק.

אָבער דאָס מאָל האָט זי אין בעקערײַ זיך אָנגעשלאָגן אין צוויי הויכע היצלעס, אַמטלעכע שטאַב־ליוועראַנטן פון דער אַרמיי־אינטענדאַנטור. זיי האָבן געטראָגן מאָדנע לעדערנע קורטקעס און וועלאָסיפּעדנע היטלען מיט שפּיציקע עקן, פאַרפאָרענע איבער

אַן אויער. פון זייערע גאַרטלען זײַנען פיל זאַגנדיק אַראָפּ־געהאַנגען לענגלעכע שפּײַערס. אָנגעטראָגן זיך האָבן די ליווע־ראַנטן ווי אַ ווינט. גלײַך געלאָזט זיך צו די באַלייגטע פּאָליצעס און זיי געשטעמפּלט מיט רויטן טריוואַקס, געצונדענעם און טרערנדיקן.

איינער פון זיי, אַ רויטלעכער מיט אַ פאַרהיילטן שראַם לענגאויס דעם מויל און ווי סענקע האָט אים גלײַך ניט אַנדערש געזען, נאָר אות באות יאַשקע פּאָהולײַקאַ, איז געבליבן אַ שומר דאָ און געגעבן צו פאַרשטיין מיטן האַרבן וואָרט, אַז פון הײַנט אָן און ווײַטער דאַרף מען אים אָפּגעבן דין־וחשבון פון יעדן זעקל תּבואה, ווו ס'קומט אַהין. דער צווייטער איז באַלד אויסגעוועזן די צײַט, מסתּמא, אַוועק אין אַ ווײַטערער בעקערײַ.

מיד פון דער נאַכט און אָן אַ שטאָך אַרבעט, האָט סענקע, צום אַלעם ערשטן, זיך אַוועקגעלאָזט אויפן אויוון אַרויף, ווו זי איז באַשטענדיק געשלאָפן אין די רו־טעג, אויף אַ מאַטראַץ מיט אַ זעקעלע קלײַען צוקאָפּנס — האָט זי אָבער איצט דערזען דאָרט די פּעק פונם רויטן ליווערױאַנט. ער האָט, ווײַזט אויס, געהאַט בדעה דאָ צו ווינטערן. באַהאַלטנדיק דעם פאַרדראָס, האָט זי זיך שטילערהייט אָפּגערוקט אין ווײַטן ווינקל אַרײַן, כּדי צו טיילן איר געלעגער מיטן פרעמדן שלאָק.

אין די נעכט איז דער אויוון סײַ־ווי־סײַ געשטאַנען איצט ליידיק, אויסגעקילט, ווי אַ לאַנג פאַרלאָזטע קאַלך־גרוב, און אויף זײַן רוקן האָט דער הונגער חדשימווײַז געשלעפּערט סענקעס שווער־ווערנדיקן גוף און די בלײַערנדיקע אברים.

פאַרטאָג־צו האָט מען אָפּט געפּעקלט בגגבה מעל פון די קעלערס צום מאַגאַזין און צוריק. דער גרעק האָט ברוגז אַרומ־געשמעקט אין געוועלב, ווי אַ זשעדנער קאָטער, און געפּרוּווט די טריוואַקס־פּלאָמבעס, וואָס האָבן זיך צו ביסלעך געשיילט שוין און אָפּגעפּיקעט. דערנאָך האָט ער דורכן האַלב־אָפענעם פענצ־טערל געגרוקט אַרויס צו די פאַרכליאַנעטע קויפער האַלב־רויע ברייטלעך, שטיינערדיקע־האַרטע מאַלאַי־פּלעצער, און זי, סענקע, האָט דערווײַל געמוזט ליגן לעבן דעם שיכורן ליווערױאַנט און אים

איינשלעפערן, טשעפען זיך צו אים ווי אַ נאַסע שמאַטע און האַלטן אויג, ער זאָל זיך ניט אַראָפּכאַפּן אין דער בעקערײַ אַרײַן, גראָד ווען מ׳האַלט אין רעכטן ברען — און זי האָט שטיל און הכנעה־דיק געשנײַצט די פאַרלייגטע נאָז, ווען ער האָט, קוקנדיק אויף איר אויפגעקוועלטן בויך, געוואָרטשעט מיט אַ כוליגאַניש פאַר־קרימט מויל:

— „ווייסט ניט, אַז מ׳דאַרף די פיס האַלטן אויסגעצויגן, סטערווע? רוק זיך אָפּ. דו פּילסט זיך" — און ער האָט אַ פּאַטש געטאָן אויף זײַן צעביסענעם קאַרק, ווי ס׳איז אָקאָרשט שטיין געבליבן אַ פליי.

זי האָט אים געזוכט צוליב צו טאָן און געפּרוּווט אויסציִען די פיס אַזוי גראָד, ווי ס׳לאָזט זיך נאָר, אָבער אין די קורץ־ווערנדיקע אָדערן פון די לידקעס האָט זי געפילט, אַז דער אויפגייענדיקער בויך קאָרטשעט זיך צונויף און קרעמפּט.

און ווינטער האָט דערווײַל געהאַלטן צווישן איין פראָסט און צווייטן. איבער די פאַרפרוירענע ווענט האָבן זיך וואָס אָפטער געטראָגן שוואַרצע טרונעס פון אַוועקגעשניטענע אין טיפוס, אין כאָלערע, אין מלחמה־אונטערגאַנגען. פון אַלע הײַזער האָט מען טויט און לעבעדיק געשלעפּט אין די באַראַקן, קאַראַנ־טינען, צום פעלד־לאַזאַרעט. און אין די חצותן האָט מען מורא־דיק געגנומען קלאַפּן אין די לאָדנס. קראַנקע האָבן גערופן צו הילף, געזונטע האָבן געקרענקט אויף עסן. מ׳האָט ניט געקוקט. וואָס מיר ליווערצנט־שמיווערצנט, מ׳האָט געביסן די פרענטעס מיט די ציין ממש, געדראַפּעט מיט די נעגל ביז בלוט און זיך פאַר־גאַנגען: „אין טאַטנס טאַטן אַרײַן — ברויט—ט"!

סענקע האָט געהאַט דאָס לויפעניש פון דעם געלעגער צום גרעק, פון דאָרט צו די פּאָליצעס, צו די טישלעך, צו די ליידיקע קוישן. אָפּט איז איר אויך הײַליק געוואָרן די ציין, איבערגע־גאַנגען דאָס האַרץ און אַ צוויק געטאָן אין די קישקעס נאָך אַ פּריש, שמעקנדיק, דאַר אָפּשניצל — ס׳איז אָבער ניט געווען צו קריגן — און דאָ האָט מען געטאַראַמאַסעט מיט די טירן,

געשלעפּט די זאַוויעסעס, די קליאַמקע, געקלאַפּט, ווי ס'וואָלט געדונערט ערגעץ, אָדער געשאָסן האַרמאַטן.

עך, ווי דערציט מען ביז וועסנע, כאָטש זי איז שוין ביי דער נאָז!

און איינמאָל, ס'האָט שוין, ווײַזט אויס, גוט שאַריעט אויף טאָג — האָט סענקע מיט פאַרלאָפענע אויגן זיך געכאַפּט שטיין אין הוילן העמד, פאַרגליווערט, מיט די באָרוועסע פיס אויף דער פאַרפראָרענער דיל, ווו גרויסע שטשורעס האָבן געשקראָבעט די ערטערווײַז פאַרטייגטע ברעטער — און עפּעס אַ ווייך גרוי מײַזל האָט איר אַ שפּרונג געטאָן אויפן פוס און זיך געדראַפּעט אַרויף. זי האָט געפּרוווט אַ פּירקע טאָן מיט דער קני און עס אָפּטרײַבן, אָבער געפילט, אַז ס'העלפט ניט, עס קריכט ווײַטער, העכער, אונטערן העמד אַרונטער. אפשר איז עס צומאָל גאָר קיין מײַזל נישט, נאָר אַזאַ ציטער, אַ ציטער נאָך אַ חלשות־צושטאַנד? אָדער, האַ?... שוין?... אַזוי גיך?... גאָטעניו, ס'וועט אַ שטעק אַרויס טאָן אַ הענטעלע — דאָס פּיצינקעלע, דאָס שלים־מזל, אַ ווייך רויט הענטעלע... אַזאַ אומגליק! ס'מאַכט איצט קאָזשלקעס און טוט יעדעס מאָל אַ דוצקע אין די מאָגן־ווענטלעך!... קינפּעט?... אַזוי פּלוצים?... וואָס הייבט מען אָן צו טאָן? אין אַ באַראַק אַרײַן? ניין, ווי גאָט איז איר ליב! די מלאכי־חבלהניקעס זאָלן זי שלעפּן אַהין? ניט דערלעבן זאָל זי עס. זי מוז לויפן צו אַן אַקושערקע... אויף דער הייסער מינוט, צו איר, צו יאַוודאָכען דער פּויערטע, ווײַל זי קען נאָך לויפן, די מינוט...

און איר ליפּ, די אויבערשטע, אויסגעגאָגט, אָן בלוט, האָט זיך אַליין געטרייסלט ווי אַ געבלאָזן פּאַפּיראָסל, אָן אויפהער.

ווײַזט אויס, די קונים פון דרויסן זענען דערווײַל ערגעץ אַוועק. ס'איז געווען שטיל. האָט זי געהאַפּט, אַז זי וועט זיך אַרויסכאַפּן אויף גיך, איידער וואָס ווען, און צו דער אַלטער יאַוודאָכען וועט זי נאָך דערלויפן. די הענט האָבן געשלעפּט פאַרקרעמפּט דאָס קליידל, די ציין האָבן געקלאַפּט, געסטריגעוועט

גלײַך אַ ניי־מאַשינדל, נאָר זי האָט דאָך באַוויזן אַרויפצוכאַפּן אַ פּלעד אויף זיך און אַרויס אין קילן באַגינען אַרײַן.

קיין קונים זענען טאַקע ניט געווען — מ'איז אַוועק דערשראָקן פאַר די לאַנגע ראָטעס חיילן, וואָס האָט געפלייצט ווי אַ היישעריק. מ'האָט געצויגן אויף צוריק פון ערגעץ אַ פראָנט, צעניזוקט, צעלייגט ס'רוב אויף האַלב צעשאָסענע בײַדלעך, אין געלעכערטע פלאַשטשן. אַמבולאַנסן מיט רויטע שרעק־צלמס האָבן געפירט באַנדאַזשירטע אויף גאָטס באַראָט — און נאָכן „אָבאָז" האָבן זיך געפעדערט צו האַלטן דעם רעכטן טריט שיטערע קאָמפּאַניעס.

אַ רויטער האָריזאָנט האָט פּראָסטיק געפלעקט דעם ניכטערנעם מאַרק. צעשראָקענע פּויערים, אָנגעפּאָרענע צום יאַריד, האָבן פון דער זײַט געגנאַשט ידיעות בײַ די אָפּטרעטנדיקע זעלנער, געשפּאַרט אַהיים צו פאַרבאַהאַלטן די מאָגערע קליאַטשעס זייערע און ערגעץ־ווו האָט מען אויף גיך געקלעפּט נאַסע אַפישן, אַן אָנזאָג אויף אַן אייליקן „פּריזיוו".

סענקען האָבן די פורלעך און די רײַטער געשווינדלט פאַר די אויגן, ווי אַ פאָכענדיקער פליגל פון אַ צעטריפּעטן האָן. זי האָט ניט געזען מער, אַז זי שטופּט זיך אַרײַן אין דער געדיכטער מענגע — און ניט געהערט די בייזע קולות פון די זעלנער, וואָס זי האָט זיך צווישן זייערע שורות אַרײַנגעפּלאָנטערט. מ'האָט עפּעס אויף איר געשריִען, געליאַרעמט, נאָר די פון ערד פאַרהייזעריקטע קולות פון די ברודיקע אָקאָפּע־גרעבער האָבן איר אויסגעדוכט צו זײַן גאָר אַ פּוסטער זשום פון אויפן בוידעם אַ יאַריד, ווו זי איז אַרײַן. דאָס שטופּן און שטויסן האָט איר ניט וויי געטאָן. פון די בלוט־אָנגעקוואָלענע אַרטעריעס, אָנגעבלאָזענע אין קניפּעקלעך, ווי בלאָזזעק, האָט געשלאָגן אַ וואַרעמקייט איבערן גאַנצן גוף און די פיס זײַנען אײַנגעזונקען ערגעץ און זיך געטאָפּטשעט אויף איין אָרט.

פון הינטן איז אין גאַלאָפּ אָנגעלאָפן אַן עלטסטער, אַ רײַטער. דאָס פּנים זײַנס, גרין און פאַרשלאָפן, האָט ער פאַרשטעלט מיטן רוקן פאַר דער זון און רויטן האָריזאָנט, פון וואַ=

נען ס'האָבן געפּײַפּט די קוילן פון פײַנד און געשראָקן, ס'פּערד זײַנס האָט געריסן די מאָרדע און ווי געוואָלט שטויסן די פוילע זעלנער, צעקראָכענע ווי לײַז. דערזעענדיק אַ ווירבל אין מיטן די גייענדיקע רייען, האָט דער רײַטער צערייצט אויפגעהויבן זײַן אַראַפּניק און האָט ווי אַ שלענגלדיקע רוט זיך אײַנגעשניטן אין דער לופט, אָבער די קעפּ. די סאָלדאַטישע ריי האָט דערשראָקן זיך בויג געטאָן אין דער זײַט אַרײַן און דער אַראַפּניק האָט ווי מיט אײַזערנע צוואַנגען אַרומגעכאַפּט סענקעס לײַב מיט אַ רויטן בלוט-סיניאַק — און ווי פון זיך האָט זי גענומען רוקן זיך אויף הינטערווײַלעכץ, געטראָגן מיט אַן אימפּעט, ביז זי האָט זיך פּלוצים אַ לאָז געטאָן, מיט אויסגערונענע כּוחות, אַראָפּ צו דער ערד.

איבער אירע הודזשענדיקע געהירן האָבן זיך גענומען טראָגן בהלות, ווי טויזנטער פּיאַטעס וואָלטן זיך געטונקט אין איר בלוט און זיך געטאָפּטשעט אין דעם שוואַרצן אָפּזעצעכץ מיט רויטע פּלעסקענדיקע גומע-אָפּסאַצן—עפּעס האָט זיך אַ פּרעמדער גולם-פּנים, גלײַך אַ מאַסקע, צרויפגעקלעפּט אויף איר און די נאָז האָט געסטריגעט אין צוויי זײַטן און זיך פּאַמעלעך געפּלעטשט. די פּיס האָבן פון זיך אַליין אַלעמאָל געטאָן אַ פּירסקע, ביז ס'איז אַזש דורך אַ קיצל איבערן חוט-השדרה און דער מאָגן האָט, גלײַך אַ פּרעמדער זאַק, גענומען אָפּרײַסן זיך.

און זי איז געלעגן אויף דער פּראָסטיקער ערד, בלוטנדיק, קינדלענדיק אַ נײַעם זון אויף הפקר. — — —

.1934

וואָס די ערד נעמט צו

דער אַלטער ר׳ עקיבא איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אין דעם זלידנעם האַרבסט־פרימאָרגן געעפנט אַ טיר אין דרויסן אַרויס. פליאַכעס ווינט און פעדערן־פוך פון כפרות־היגער האָבן אים אַ פאַטש געטאָן אין די פיסקעס אַריין און שיר ניט אַרויסגעכאַפּט די שיסל פּאָמאָיעס פון זיין האַנט.

ר׳ עקיבא אָבער איז ניט געווען פון די ייִדן, וואָס לאָזן זיך עפּעס אַזוי גרינג אַרויסרייסן פון זייערע הענט; פאַרקערט, ער האָט זיך נאָך מער פאַרעקשנט און פאַרטראָגן די שיסל, אויף צולהכעיס אַלע זאַווערוכעס, סאַמע ביז צום שכנס אָפּיצינע און דאָרט זי אויסגעליידיקט ביז אין אַ שפּענטע, ווי גאָט האָט גע־באָטן. זיין איבערפאַל וואָלט אים אַוודאי גלאַט אָפּגעגאַנגען. דער שכן וואָלט קיין אַנדער ברירה ניט געווען געהאַט, ווי נאָר מאָרגן אָדער איבערמאָרגן דאָס זעלבע שטיקל אַרבעט אָפּטאָן אויף זיין אָפּיצינע בגנבה, אָדער פּשוט אים אונטערגיסן אַן אַוויר אין אָפּטרעט אַריין. אפשר וואָלט זיך דערביי דעם שכנס ווייב צעאַמפּערט מיט דער עקיבאכען, אויף קאַטאָוועס, צי גאָר אויף דעם רעכטן אמת, אָבער בלי־שום־ספק זיך איינגיכן איבער־געבעטן ביים פּאָווידלע קאָכן, און אויב ניט דאָרט, איז צו פּל־נדרי אין שולעכל און ס׳וואָלט געווען שאַ־שטיל, ווי עס געהער צו זיין — ווען ניט דאָס, וואָס ר׳ עקיבא האָט פּלוצים דערזען.

אַזוי גלייך ווי ער האָט זיך אויסגעקערעוועט אַהיים צו גיין פון זיין געלונגענער אַטאַקע, האָט ער באַמערקט אַ פּויעריש פורל, פאַרקוטעט מיט שמוישענע פעלן און איבערבעטן, שטיין אין מיטן גאַס און אַ סבאַלמוטעטן מאָלדאַוואַן זיך פּלאָנטערן;

צווישן די טראָטואַרן און שטעלעכלעך. מסתמא אַ פגר אַ פעטן געבראַכט.

און כאָטש ר׳ עקיבא האָט פאַר פגרים קיין סחורה ניט, האָט ער ניט געקענט בײַשטיין דעם נסיון ניט אָנצושמעקן, וואָס, ווער און ווען — און ער האָט זיך פאַמעלעך מטריח געווען אַזש ביז צום פויער.

— „זשופוניע, הא, זשופוניע", — האָט דער מאָלדאַוואַן זיך צעטרייסלט איבער אים, געטאָן אַ קראַץ אויס פון דעם בוזעם אַ לאַנגע פאַטשיילע, מיט ציטערנדיקע הענט זי צעוויקלט און אַרויסגעשלעפט פון איר אַ קוויטל, וואָס ער האָט פֿרײַנגעשטעקט דעם יידן אין זשמעניע אַרײַן.

ר׳ עקיבא האָט אויף גיך אַ פאָר געטאָן מיט די אויגן איבערן צעטעלע און גלײַך דערגאַנגען, אַז ס'איז געשריבן צו דער חברה־קדישא פון עפעס פרעמדע עם־הארצישע ישובניקעס, אַ בקשה צום שטעטל, ווהין דער ערל וועט צום ערשטן פאַר־פאָרן, מ'זאָל זען ברענגען דעם בר־מינן, וואָס ליגט אויפן פורל, צו קבר ישראל און אויך, למען־השם, צונויפשלאָגן פאַר אים אויף תכריכים, ווײַל ס'איז עפעס אַ פאַרוואָגלטע נשמה, עלנד ווי אַ שטיין, מיט אַ פאַרקירצט לעבן, און אויף קהל ליגט דער הייליקער חוב פאַר איר צו זאָרגן.

ווי פריקרע די גאַנצע מעשה איז ניט געווען פאַר ר׳ עקיבאן, האָט ער דאָך שוין קיין אַנדער אויסוועג ניט געהאַט, ווי נאָר צו טראָגן די „צעדולע", ווי דער ערל האָט אַ נאָמען געגעבן דעם קוויטל, צום שכן צו זײַנעם, אַ גאַנצן כל־ולך אין דער חברה־קדישא, און זאָל ער אויף זיך נעמען דעם גאַנצן קלאָפּאָט.

צ'פגעטראָגן דאָס קוויטל ווהין מ'באַדאַרף און געפטרט אַן עסק, איז ער אָבער נאָך צוגעגאַנגען צום פורל און זיך מיט די אייגענע אויגן איבערצײַגט, אַז דער מאָלדאַוואַן האָט טאַקע באמת געבראַכט אַ יידן. ווער ווייסט פון וואַנען? וועמענס הענט האָבן אונטערגעשניטן דאָס לעבן? ס'איז געווען אַ גליק, וואָס דער נאָמען פונעם מת איז כאָטש אָנגעגעבן געוואָרן, מ'זאָל קענען אים אויפשטעלן אַ ברעטל מיט אַ „פ"נ" אויפן קבר.

און אָט מיט אַזוינע מיני מחשבותן און מיט אַ זיכערחייט, אַז דאָס שטעטל וועט שוין היינט גיין כאַדאָראָם, האָט ער זיך דערנאָך געלאָסן אַריינגעשאַרט צו זיך אין הייזל אַרײַן און גע־בראַכט דאָס נייס דעם ווייב, ווען זי האָט גראָד געהאַלטן ביים פּאָרען זיך אויפן פּריפּעטשיק. זי האָט אים אָבער, נאָך איידער וואָס־ווען, גוט אָפּגעשפּילט, הלמאי ער היט זיך ניט דאָס גע־זונט און שאַנעוועט זיך ניט אין אַזאַ קרירה, און הלמאי ער בלייבט שֶׁעהנוויַז אין דרויסן, אין אַזאַ הולך, אין דער הוילער קאַפּאָטע און אין די צעשפּילעטע תחתונים. אָבער ר׳ עקיבא האָט געהערט צו דעם סאָרט מענטשן, וואָס קענען אויף אַזאַ מענה־לשון ענטפערן מיט אַ מין יעכץ, אַז ניט נאָר דאָס ווייב זיינס און דער בן־יחיד זייערער, דער קליינער מאָטעלע אין בעטל, זאָלן פּאַרציפּיניעט ווערן אויפן אָרט, נאָר אויך אים אַליין זאָל זיך דאָס האַרץ שיר ניט אָפּשפּילן צווישן יאָ־ניין. נאָר וואָס שפּילט דען ביי אים אַ האַרץ פאַר אַ ראָלע?

איז ער דאָך שוין, ברוך השם, אַ ייד אין די יאָרן, כלעבן, און אַז ער האָט זיך ביז אַהער מיטן האַרץ ניט צערעמאָניעט, וועט ער זיך דערמיט ווייטער אויך ניט צערעמאָניען. ווייל, אַבייטעכעניו, אויב ס׳האָט שוין פון אים ביז איצט אויסגעהאַלטן, וועט עס במחילה זיך ווייטער אויך מוזן האַלטן. סיי ווי סיי האָט ער אַ קיימא־לן, אַז פאַר דער צייט שטאַרבט מען ניט. זיין פאָטער, זיין זיידע און זיין עלטערזיידע, אים צו לאַנגע יאָר, זענען אַריינגעוואַקסן אין די טיפע, געדיכטע זיבעציקער, ד״ה אין די זיבעציקער, וואָס אַז מ׳וויל, זענען זיי שוין טאַקע ניט קיין זיבעציקער, נאָר פולע אַכציקער, און אַז איר וועט זיך, זייט זשע מוחל, אַ קנייטש טאָן, וועט איר נאָך אַ ביסל צו־פּועלן. פּשוט, פון דרך־שלום־וועגן זאָגט מען אין די זיבעציקער, כדי ניט צו ברענגען יענעם צו קנאת־חנם. פון דער ווייבערישער זייט דאָס זעלבע צו הערן. און אויב אַזוי, קומט דאָך אים על־כּל־פּנים ניט ווייניקער. וואָס־זשע קען שוין דאָ אַ האַרץ, אַבײ־טעך, האָבן פאַר אַ ווערט און וואָס קען עס שוין, אַ שטייגער, קאַליע מאַכן? גאָרנישט מיט אַ נישט.

אמת, אַז מ׳וועט לאַנג בריען, איז אַפּילו צו די זיבעצי־
קער, פון וועלכע מ׳שמועסט דאָ, אויך ניט פאָלג מיך אַ גאַנג
ווי לאַנג. ס׳איז גאָרניט אַזאַ ווייטער מהלך געבליבן. און אַז ער
טוט זיך טאַקע אַמאָל אַזוי אַ מאַך דעם חשבון, אויף אויסווייניק,
ווערט אים אַזש קאַלאַמוטנע אויף דער נשמה. ווײַל... איז דאָך
די באָבע סאָסיע, עליה השלום, געווען אַ פופציק יאָר טויט, נאָך
איידער ער האָט צום דריטן מאָל חתונה געהאַט, אָט שוין מיט
דער איצטיקער פלוניתטע זײַנער. און זינט דער שווער, פון
דעם צווייטן ווײַב, האָט זיך אָפּגעטראָגן, ניט דאָ געדאַכט, אין
עולם האמת אַרײַן, איז אַלזאָ אַ סך־הכל פון אַ צוואַנציק יאָר
בערך, אויב ניט מער... און געווען זענען זיי אין איינע יאָרן...
אין חדר געגאַנגען... און פון דעם ערשטן זיווג די טאָכטער
זײַנע איז שוין אַן אלמנה אַ גוטע דרײַסיק יאָר און דאַרף שוין
אַזוי אַרום אַלט זײַן, לכל הפחות, אַ מין... ער ווערט אַזוי פאַר־
שלונגען אין תהום פון יאָרן, אַז ער קען דערפון קליגער ניט
ווערן. ער האָט שוין געוואָלט אַ פאָר מאָל אַ פרעג טאָן בײַם
„קאַזיאָנע" רב, וויפל זי דאַרף אַ שטייגער אַלט זײַן, וואָלט ער
שוין דאָרעמערט געקענט גרינגער דערגיין, וויפל ער אַליין איז...
נאָר רק ער פאַרגעסט זיך כסדר.

טאָ מוז ער דעם חשבון מאַכן פונדאָרטנאַרומערט. שטייט
נאָר, שטייט. זענען די „פּאָימאַניקעס", הייסט עס, געווען צו ערך
דעמאָלט, ווען ער האָט אָנגעהויבן גיין צום גמרא־מלמד אין דער
גרויסער כיתה אַרײַן. און דעם רוסישן קיסר אַלכסנדר דעם IIIטן
האָט ער באַגעגנט אין זשמערינקע אַ קיימא־לן פון פריער מיט...
מיט ?... וואַרט נאָר, וואַרט...

אָבער דאָס ווײַב לאָזט אים קיינמאָל ניט פאַרענדיקן דעם
חשבון. זי רופט אים גראָד צו פאַרזוכן אַ פאָר באַלאַבעשקעס,
ערשט פונעם אויוון מיטן ברויט אַרויסגעשאַרט. זי האָט געפוי־
נען אַ צײַט צו בריהנען זיך! און אַחוץ דעם מוז ער נאָך
אַ שמעק טאָן אין גאַס אַרײַן אויך. און סײַ־ווי־סײַ קען ער
ניט רעכענען מיט קײַלעכדיקע סומעס, נאָר מיט סימנים, פון דער
חתונה און פון יענעמס לוויה, פון דעם פדיון־הבן און יענעמס

ברית, און אַזוי ווײַטער. קומט אַמאָל בײַ אים אויס אַ גזמא מער, נאָר דאָס רוב איז ער בײַ זיך נאָך גאָר אַ בחורל, וואָס ס'הייבט זיך אים ערשט אָן צו לייגן דאָס צינגל, קוים כּונעם איי אַרויס־געפּיקט. אָבער ווי ס'זאָל ניט אויספאַלן דער חשבון, ווייסט ער און ס'קאַרטעט אים גוט, וואָס אַלצאיינס זאָגט ער זיך ניט אויס דעם גאַנצן אמת און זעצט שוין ווירעמערט ס'ניט־איז, מיט עפּעס אַ קונציק פּאָרטל, פון זיך אַליין צו פאַרכאַווירעווען אַ רעשטל מיט יאָרן, צו פאַרכאַווירעווען אַזוי, אַז ער זאָל עס אַ צײַט לאַנג, בשום אופן, ניט קענען מער דערטאַפּן אין זכרון. ערשט ווען ער צעשמועסט זיך מכּוח ערגעץ אַ ברית, צי אַ בריתיצע פון יענער צײַט, פון אַ געראָטענעם לעקעך־און־בראַנפן, כאַפּט ער זיך, אַז די גאַנצע סדרה פון יענעם זמן איז גאָר ניט אַרײַן אין זײַן בוכהאַלטעריע און ער זעצט זיך ווי־דער איבעררעכענען און צעטומלט זיך אויפסנײַ.

ביז ער האָט איינמאָל, נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת, בײַ זיך פעסט געפּועלט, אַז היות ווי ער האָט, קיין עין־הרע, נאָך אַ יונג ווײַבל און אַ בן־יחיד אירן, וואָס איז אָקאָרשט בר־מצווה גע־וואָרן — איז מהאי טעמא ניט שייך גאָר צו זאָגן, אַז ער איז אַ זקן און ער דאַרף זיך שאַצן פון הײַנט אָן פאַר ניט מער ווי אַ בן־ששים. און אַזוי דאַרף ער פירן זײַן חשבון מיט גאָט און מיט לײַט, און אַזוי קומט אים על־פּי־דין, און אַזוי וועט עס טאַקע, אם ירצה השם, מוזן זײַן, און לויט דעם דאַרף מען בעטן אויף ווײַטער.

און איז אַמאָל אויסגעקומען ווען־ס'ניט־איז צו הערן זײַנעם אַ יעכץ, אַ פּרעמדן צי אַפילו אים אַליין — איז פאַר קיינעם קיין ספק נישט געווען, אַז אַזוי קען נאָר אַ ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט, אָדער איינער פון יענער גוואַרדיע, שרײַען, און אַז דער ייד איז נאָך, לכל הדעות, אַ קרעפּקער, אַ ייד מיטביינער, פון די וואָס ס'איז זיי באַשערט לאַנג צו לעבן, און דרייען דרייט ער זיך נישט אַרום אויף קיינעמס וועלט, טאָ וואָס קען עס דען אַ שטייגער אַרן, אַז ער איז זיך טאַקע נישט מער פון אַ בן־ששים?

וויפיל ייִנגערע פון זיך ער האָט שוין „אַהין“ באַלייט? וויפיל זענען אים נאָך „דאָ“ געבליבן? ער האָט קיינמאָל וועגן דעם ניט געוואָלט אַ קלער טאָן. פאַרקערט, ער האָט זיך וואָס אַמאָל מער געחברט מיט זײַדענע יונגעלײַטלעך, אויסגעמיטן, ווי דעם נישט-גוטן, און געווײַכט אויף צען מײַלן פון די אַלטע דראַפּאַטשעס, וואָס פאַרמרה-שחורהווען די וועלט און וואָס אין זייערע אָפּגעבליאַקעוועטע, אויסגעקראָכענע בערד ליגט, ווי אַ ווערימל אויף אַ ווערימל, זילבערנע האָר און זייערע אויגן זענען אויסגערונען, גלײַך אַ פאַרשאָלטענע קרעניצע, און פאַרפאַלן, ס'קען שוין פון זיי מער קיין לײַט אַלץ איינס ניט זײַן. אַלטע תּרחס. ער, להיפך, האָט נאָך געהאַט פון וואַנען צו שפּילן אין אַמביציע אום שמחת-תּורה, וועגן אַן איבעריקער הקפה, מיט די גאָר-גאָר גרויסע שאַרלאַטאַנעס, מיט אַ בן-אַרבעים, מיט אַן ערשט אויסגעוואַרעמט נגידל, אַ יונג צאַפּיקל, וואָס זײַן בלאָנד בערדל קאַטשעט זיך אַרויף און פלעשלט זיך ווי אַ מגילה און איז סאַמע זײַד, און זײַן קול — אַ נאַר-וואָס אויסגעבויערטע סאָפּילקע. טוט יענער זיך אַ דריגע — טוט ער, ר' עקיבא, אַ היק. שטעלט זיך יענער מיט אַ געטעסעטער פלייצע האַרט בײַם אָרון — שפּרינגט ער נאָך העכער, און: תּרבות, שייגעץ!

דערפאַר אָבער זענען דאָ צײַטן, ווען ער איז בײַ זיך אויך אַ ביסל געפאַלן, אַ שפל-לב. און גראָד איצט איז די צײַט געווען. דערפאַר האָט זײַן ווײַב זיך אויסגעדרייט אָן אַ יעכץ פון אים. פאַרקערט, ער האָט אינגאַנצן אָפּגעשוויגן, אָפּגעווישט די ליפּן און שאַ, ווי נישט אים מיינט מען דאָס צומאָל. ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויפן טאַפּטשאַן בײַם אויוון, ווו כּפּרות ליגן צעטרייבערט מיט צעפּלאָכטענע געדערים, און אַראָפּגעשלונגען אַלץ, און ער זאָל זיך עס געווען פאַרקרימען אַפילו.

אין די ערב יום-כּיפּור-טעג איז בײַ אים אַ קבלה, אַז קיין הכמות גייען נישט אָן. קיין שווינדלערײַען נעמען נישט אויס. ווײַל בײַ יענעם פּנקס, וואָס ס'רודערט זיך אַזוי אַרום אים הײַנט אַ וועלט, דאָרט מוז מסתּמא זיצן אַ גוטער בוכהאַלטער און ווער ווייסט, וואָס ער קען עס אים אָנרעכענען?

און אפשר? אפשר טרעפט זיך אַמאָל דאָרט אויך אַ טעותל, אַ פאַרזעען, מ'טוט עמיצן אַ פאַרקוק און מ'לאָזט אים אויף דער־ווײַל זיך שטיל אַרומבלאָנקען, האַ?

אדרבה, איז דאָך אַוודאַי גוט. צו וואָס־זשע טויג טאַקע שרײַען? גיין יענעם דערמאָנען? ער איז גאָרנישט קיין מחוייב דערויף. ווי שטייט עס דען געשריבן?

און פון וואַנען איז עס געדרונגען, אַז ס'איז גאָר אינגאַנצן ניט פּוסטע, אַ לא־היה־ולא־נברא־זאַך? ער האָט גראָד אַ ראיה, אַז ס'איז שוין דווקא יאָ אַזוי. אָט זען מיר דאָך אַ מעשה, וואָס איז זיך פאַרלאָפן גאָר נישט לאַנג, בײַ אים אַליין, אין זײַן רשות.

אַז שײַע שוחט איז אַ קאַליקע און האָט געליימטע הענט, איז לית מאַן דפליג. ווער פאַרלאָזט זיך דען אויף אים צו שעכטן אַן עוף? דערפאַר וואָלט איר זיך אָבער געריכט אויף יאַנקעלע שוחט, וואָס איז ממש דער מלאך־חבלהניק אַליין פון די הינער און זײַן חלף איז אַ חלף כדבעי, ווי ס'באַדאַרף צו זײַן, — אַז ער, פּונקט ער וועט דאָס קוילען אַ האָן? אַ האָן זאָגט איר? גאָר קיין האָן ניט, נאָר אַ פּויקעלע, אַז מ'שמועסט אַ פּעדערל, און אָט דאָס וועט ער ניט דערקוילענען און ס'וועט זיך אַרומ־שלײַען צוויי מעת־לעת מיט אַן איבערגעשניטן העלדזל און לעבן. קענט איר זיך אַזוינס אויסמאָלן? משמעות, אַז ס'איז ניט אינגאַנצן פּוסטע. נישט אַנדערש נאָר דער בוכהאַלטער האָט, ווײַזט אויס, עס פּשוט „אופּושטשעט" פונם אויג, און ווער ווייסט אויף ווי לאַנג, ווען ס'זוכט זיך ניט באַשײַנפּערלעך אַליין דעם טויט. ווײַל אַניט, טאָ צו וואָס האָט עס עפּעס געטויגט דאָס קרייען אָן אַ שיעור און אָן אַן ערך אויפן סידעלע? וואָס איז עס דען אַרויסגעקומען פונם קוואַקען מיט אַ געלעכערטן גאָרגל, האַ? ס'איז אַ פאַרגעניגן אַ גרויס? וואָסווילט איר דאָ דען אויס־ברײַען? אים האָט אָבער זײַן האַרץ דעמאָלט נישט אומזיסט אויסגעלייגט, אַז פונם קרייען וועט דעם פּיצעדריניק קיין גוטס ניט אַרויס. ער האָט אַזש אַזוי רחמנות געקראָגן דערויף, אַז ער וואָלט עס געוועזן אָפּגעראָטן דערפון, ווען ס'וואָלט אים נאָר פאַרשטאַנען צו פאָלגן. ווײַל וואָס האָט דען עמיצן געקענט אַרן,

אַז עס דרייט זיך אַרום אויף דער וועלט אַזאַ באַשעפעניש אויך? עסן וועט מען עס דאָך שוין סײַ־ווי־סײַ ניט קענען מער עסן. איז עס אָבער ניט באַשערט געווען — אַליין אויף זיך דעם טויט גערופן.

אָבער ער איז דאָך אַ בר־דעת, אַ מענטש מיט אַ קאַפּעטש־קעלע שכל, האָפט ער נאָך טאַקע דערפאַר צו טאַנצן אויפן מוזיניקס קנאַסמאָל. דעמאָלט איז הפקר אַ וועלט. דעמאָלט הערט ער אין טראָק אַלע חשבונות און מאַניפּולאַציעס: אַ חילוק, ווער ס'וועט דערבײַ אויסשפּעגעלירן. אַ רענדל אַרויף — אַ רענדל אַראָפּ! אַ קנאַפּער נפקא־מינה, ווער ס'וועט כאַפּן די מציאה. אָבער ביז דעמאָלט מוז ער נעבעך ציען די ליאַמקע.

אדרבה, אַליין צופוס גיין ביזן בית־עולם, דאָס מאַכט בײַ אים ניט אויס, לחלוטין ניט. ער איז נאָר מוחל די טובה, מ'זאָל אים אַהין טראָגן. ער פאַרשפּאָרט זיי די טירחה. אַי, ווען די חברה־קדישא קען אים אַרויסגעבן אַ כתב, אַז ער זאָל פאַר איר ניט דאַרפן מורא האָבן! אַ שטייגער, למשל, ווי ער האָט ניט מורא פאַר קיין צווינטער. ס'זאָל אים אָנהייבן אַרן אַ צווינטער, אָסור צי יאָ. ער ווייסט, אַז דאָרט, ברוך־השם, וואַרט אויף אים קיין אָרט ניט.

און כדי דערווײַל יוצא צו זײַן לכל הדעות, לאָזט ער ניט דורך קיין איין לוויה, ס'מעג זײַן ווי וועמענס. ער וועט איצט אויך ניט פאַרפעלן, אַבי ס'וועט זיך נאָר אָפּקהלען מיטן קלײַבן אויף תכריכים. קיין געבער איז ער ניט אַזאַ מילדער. ער קען בײַ זיך שווער פועלן צו עפענען די האַנט און ס'איז אים ניחאר, אַז זײַנע נותנט פאַר אים הינטנאַרומערט, שטילערהייט און ער ווייסט כלומרשט נישט וויפיל. סײַ־ווי־סײַ ווערט עס דאָך דערנאָך פאַררעכנט אויף זײַן זכות און ער האָט נאָך אַחוץ דעם אַזאַ טײַערן פתחון־פה צו אַ פריטשעפּקע און צו כעסן זיך אויף איר. נאָר, הקיצור, ווי געזאָגט, נאָכן קלײַבן. דעמאָלט וועט ער הײַנט אויך גיין נאָך דער מיטה און ניט ווייניקער ווי ביזן פאַרקאַן, אָדער טהרה־שטיבל. וואָדען, ס'האָט עפעס אַ פנים צו טאָן ווי די הײַנטיקע יונגעלײַטלעך, וואָס זענען ניט אפילו בכוח זיך צו

דערשלעפּן ביז צו דער שול און אויסהערן אַן „אל מלא"? זיי אַנטרינען אין מיצקע דרינען.

און ער האָט זיך בפירוש געפּעדערט צום גיין, געמאַכט זײַנע הכנות און באַזונדערס האָפּערדיק געוואָרן, ווען דער שמש מיט דער „צדקה־תציל־ממות־פּושקע" האָט אָנגעהויבן צו פּאַר־אָבלן די גאַס. און כאָטש די קעלט איז געווען אַן אײַנגעגע־סענע, אַן אָסיענדיקע, ווי ס'געהער צו זײַן, האָט דאָך ווען־נישט־ווען אַפּירגעבעלמעט פון די כמאַרעס אַפּיר דאָס אייגל פון דער זון. ס'איז אָבער געווען פאַרגעלט, ווי די בלעטער אויף דער ערד, און געהאַט אַ פאַרזויערטן טעם. אויף די אָפּיצינעס האָט עס זיך געקאַלעמוטנעט אין די וואַסער־שיסלען און אקעלעך וואָס מ'האָט אויסגעשטעלט אויף צו וואַשן זיך די הענט. ווײַבער האָבן אַקעגן דער זשעדנער גרויקייט גענומען אַלץ העכערע אָקטאַוועס און צעפּלעסקעט דאָס פּכינקען זייערס אין פּערלדיקע טרערן און זייערע פאַרקרימטע צורות האָבן געוואָרפן אַ שווערן מלאך־המות־שאָטן אויף די פאַרקלעמטע הערצער פון קינדוואַרג.

אויך ער, ר' עקיבא, האָט דעמאָלט שוין געטאָן אַ נעם פעסט די קליאַמקע פון דער טיר און זיך געמאַכט האַרץ אויף אַרויסצוגיין אין דרויסן — ווי ער האָט פּלוצים דערפילט, אַז ס'האָט אים אַ צי געטאָן צו דער ערד. אַ גליק, וואָס זײַן ווײַב האָט, ווײַזט אויס, פון אים קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט און גלײַך דערשמעקט ווי ער מיניעט זיך. אַ ווײַב בלײַבט אַ ווײַב. וואָס אַ שטייגער, האָט זי אויף אים אַזוינס דערזען, וואָס זי האָט אים פון אינדערפרי אַן געשפּיאָנעוועט?

ס'איז איר מזל, וואָס ער איז גראָד ניט געווען אויפגעלייגט איר אָפּצושפּילן אַ ברוך־הבא, ווי זי האָט זיך כשר פאַרדינט, און איר נאָכגעגעבן די שמד. און זי איז וואָס אַמאָל עזותדיקער געוואָרן. צוערשט האָט זי אים אָנגערעדט, ער זאָל ניט גיין הײַנט אויף דער לויה. ער האָט אַפילו געפּרווט זיך אָפּדינגען ביז צו דער שול. נאָר ס'איז געבליבן בײַ אירן. דערנאָך האָט זי שטילינקערהייט אַראָפּגעצויגן פון אים זײַנע מלבושים און מיט אַמאָל האָט ער זיך געפונען אַ באַלייגטן אין בעט, מיט

אַ שומר צוקאָפּנס, מיט דעם בן-יחיד מיט אירן. האָט ער גע-וואָלט לייכעצן, איז גלייך באַשאַפן געוואָרן אַ טעפּעלע — ניט געלאָזט אויף דער דיל, ווי ביז אַהער. האָט ער באַדאַרפט טאָן אַנדערע באַדערפעניש — זענען געבוירן געוואָרן שיסלען, דער-נאָך, אויף מ'זאָל גאָרניט אָנקומען צו זיי, קליזמעס. דער אויוון איז אָנגעפּאַליעט געוואָרן, הייס ווי אין אַ באָד. אמת, דאָס איז גראָד קיין חסרון ניט געווען. שפּעטער זענען וואַרעמע פלעשער אויסגעוואַקסן, זענעפטלעך, טערמאָמעטערס, באַבסקע רפואות און אַנדערע שלעק. מיט איין וואָרט, ער האָט דערפילט, אַז מ'נעמט זיך אים אויף דער אמתן קראַנק מאַכן.

און ס'האָט זיי אָפּגעשפּילט, נאָך אַ מין אָפּשפּילן — ס'האָט זיך באַדאַרפט אַזוי פאַרלויפן, אַז ער זאָל פילן, אַז עס עפּנט זיך עפּעס ניט דאָס מויל אָנצושרייען, כאָטש נעם טו דיר אָן ווייס איך וואָס!

און דערפאַר האָט זי, דאָס ווײַב זײַנס, זיך שוין דערוועגט אַפילו צו פרעגן, צי זאָל זי ניט אַ רוף טאָן די צוויי זין זײַנע, פון דער ערשטער, וואָס ער איז מיט זיי אויף מעסער-שטעך מכּמה יאָרן. נאָר די צוויי הולטײַעס צו ברענגען האָט זי דאָך ניט געוועלט. לא מיט אַן אַלף. ניט בײַ מאָטיען!

ס'איז געווען איבערגעגנוג פון זײַן זײַט, אַז ער האָט אויסגעהאַלטן דעם צווייטן טאָג און געדאַוונט אויפן געלעגער. שטייט עס עפּעס אָן פאַר אַ ייִדן? און פריקרע, ווי ס'איז אים ניט געווען, האָט ער געמוזט לאָזן זיך טראָגן טיי און יאַיכלעך אין בעט אַרײַן, זופּן גאָגל-מאָגלס און זיך לאָזן גיסן אין האַלדז אַרײַן אַזוינע זאַכן, וואָס ער האָט זיי אויף זײַן לעבן פײַנט געהאַט שנאת-מוות, ערגער ווי חזיר. זי, דאָס ווײַב זײַנס, האָט אים אַפילו אײַנגערעדט, אַז אַלע קינדער נעמען דאָס אײַן און מיאוסן זיך גאָרנישט. אַ משל אַ פײַנער, ווי געפעלט אײַך? אָבער ער האָט עס אַראָפּגעשלונגען, זיך געמאַכט תמעוואַטע, כּלא יודע. מילא, צו וואָס אַ ווײַב קען זיך דעררעדן.

און ס'האָט זיך אים אויך נישט געעפנט דאָס מויל צומאָל צו פאַרקלאָגן זיך פאַר שכנים און סתּם גוטע פרײַנד, וואָס זענען

אים געקומען מבקר חולה זײַן. מאָלט אײַך, אַז זײ זענען גאָר־
נישט אַזױנע טיפּשים, למשל, אױף נישט צו פֿאַרשטײן, אַז ס'איז
אַ קינדער־שפּיל, אַ „פּאַנסקע כװאַראָבע", אַזױ צו זאָגן, און זײ
האָבן אָװעקגעמאַכט מיט דער האַנט דערפֿון, מעשה חוזק. נו,
װער, אַבעטעכוניע, איז איר דען שולדיק, דער ייִדענע, אַז זי װיל
גלאַט זיך לאָזן חוזק מאַכן פֿון זיך?

און אױבּ שפּעטער, אין משך פֿון דער װאָך, האָט ער
געקענט אָנהײבן זיך צו פֿאַרשטײן און מוחל זײַן זיך אַ ביסל,
װאָס, כ'לעבן, אַזאַ ייִד װי ער, שױן נישט קײן קינד, קײן עין־
הרע, נעמט עס אײַנמיטן דרינען, אין סאַמע בעסטן, און װאַלגערט
זיך אָפּ טעגװײַז אין בעט, האָט ער אָבער איר װײַטערדיק
אײַנלײגן אַ װעלט געהאַלטן פֿאַר אַ לױטער משוגעת, װײַל, מילא,
װי אַ זאַך מאַכט זיך, מ'פֿילט זיך עפּעס לא־עליכמדיק, ס'טרעפֿט,
אַז עס קלעמט אונטערן לעפֿעלע. ס'טוט טאַקע אַמאָל אַ גוטן
צופּ אױך. װאָס דען װאָלט איר געװאָלט? אַ מענטש איז דאָך
פֿאָרט נישט מער װי אַ מענטש, אַ בשר ודם. ס'מוז דאָך אַמאָל
אַ ברעך טאָן אױך. אָן דעם גײט דאָך נישט. אַמאָליקע צײַטן
האָט מען זיך דערפֿון אַ קלײנעם צימעס געמאַכט. אַװעקגעשטעלט
אַ פּלײצע באַנקעס, צי געלאָזט אַן אָדער — און פּטור אַן עסק.
הײַנטיקע צײַטן נעמט מען לענגער אַרױס דאָס חיות. אָבער על־
כּל־פּנים מוז עס דאָך האָבן אַ גרעניץ, אַ שיעור. נאָר דאָס, װאָס
זי טרײַבט, איז גאָר איבער דער מאָס. און ס'איז אים חלשות־
מיאוס, גרײַלעך און ס'שלאָגט צו דער גרינער גאַל און ס'עקט
בײַ דער נשמה.

הער נאָר, הער, אױבּ שױן פֿון הײַנט אָן רײַסן קבֿרים,
מינען זכות־אָבֿות און נאָך אירע זכות־אָבֿות, מ'שפּילט זיך עס
עפּעס מיט איר צד? (כאָטש ער האַלט אַפֿילו נישט פֿון אים,
נאָר ס'האָט ניט קײן שײַכות דערצו). מ'װאַרפֿט זיך דאָך דאָרט
מיט רבנים און מיט סתם גוטע־ייִדן, װי אַן אַנדערער מיט
אַ משומד אין דער משפּחה, און אױבּ זי װעט שױן נעמען זײ
פֿון הײַנט אָן טאָרען, טאָ צו װאָס קען זי באַלד אױפֿן רעכטן
אמת דערגײן? מאָרגן װעט זי דאָך דעם קיסר אַלײן פֿונעם

אָרט „סטרעוואָזשען"? ווי געשיקט זיך עס גאָר אַזאַ העזה? און נאָך ער, ער, וואָס גייט זיך עד היום לשיטתו, אַז וואָס ווייניקער רעש, וואָס מער סטאַטעטשנע, שאַ־שטיל, געטעכמערעט, קען מען זיך גרינג אויסלעבן אַלע יאָרן און קיינער זאָל אַפילו ניט אָנהייבן דערפון צו וויסן — און דאָ נאַדיר, ט'אָסטו, הימל עפן זיך. אַזאַ יריד! אַזוי פיל דאָקטוירים צונויפגעשלעפט, אַ קאָנסיליע רופט זי עס. אַחוץ טאָקערלעך, וואָס פליען דערבײַ ווי פּאַלאָווע און וואָס זענען במחילה אויך אַן עבירה, איז פשוט דער קוראַזש אַליין אַ חרפה און אַ בושה. ווי דערוועגט מען זיך גאָר אַזוינס צו טאָן?

נאָר גיי זײַ אַ חכם און שטעל קשיות, אַז די צונג איז געבונדן! זי ליגט בײַ אים אין מויל גלײַך ווי אַ קלאָץ אַ פאַר־רעגנטער און פאַרברודיקטער. ער ברעכט זיך דעם קאָפּ צו טרעפן, פון וואַנען נעמט זיך עס, און קען בשום אופן ניט דערגיין. איינס פון די ביידע: אָדער פון די יאַיכלעך און פון די קאַשקעס, וואָס מ'קאָכט אַלץ פאַר אים, און פון די פּילן און פלעשעלעך, וואָס אַ מענטש קען פון זיי קריגן די עקטיקע, אַ קורץ אויסכאַפּעניש; אָדער אפשר קומט עס אים גאָר פון די לעפעלעך, וואָס דאָקטוירים גזלנים שטופן אים אין האַלדז אַרײַן בײַם באַטראַכטן, אפשר ווייסט איר צוליב וואָס? נאָר ווי ס'זאָל ניט זײַן, דער אונטערצי איז, אַז ער ליגט ווי אַ שטומע לעליע. און דער פאַרדראָס וואַרגט אים אַזוי, אַז ס'פאַרפעלט אים אַזש אָטעם — דערפאַר שלאָגט שוין טאַקע אַ שווייס אויך אויף אים און ס'וואַרפט אים, אינמיטן דער נאַכט, אין אַ נײַן יאָריק קדחת. חכמים, אַנו וואָלטן זיי געפּרוווט זיך אַוועקלייגן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט אַרײַן, צי ס'וואָלט מיט זיי ניט די זעלבע קאָמעדיע געווען, אויב ניט אַ סברא נאָך ערגער. מ'איז דאָך ניט פון אײַזן, און דערצו האָט מען נאָך כּלומרשט אַ מוח אויך אויף צו קלערן, און אַז מ'ליגט אַזוי און מ'קוקט זיך אַרום און מ'טוט זיך טאַקע אַ דערמאָן, אַז גראָד אַזוינע ימים־טובים האָבן געדאַרפט פאַרשטערט ווערן און אַז פונקט ווי אויף צו־להכעיס האָט עס זיך געמוזט פאַרלויפן, ווען מ'האָט געבראַכט אַן אָנשי־

קעניש, אַ בר־מינן פון אַלדע שוואַרצע רוחות, און מ'הייבט אָן ווײַטער צו חקרנען — ווערט טאַקע, אין איינוועגס, צו וואָס זאָל מען עס דען לייקענען, אַ ביסל קאַלאַמוטנע אינעווייניק און ס'ווילט זיך טאַקע ניט, ווי קלערט איר, גיין אויסגערעכנט אויפן ווינטער אין דער קאַלטער, זינדיקער ערד... עס רעדט זיך נאָר אַזוי — האַלט עס שוין דען, חלילה, דערבײַ?

ווייניק וואָס זײַן ווײַב וויל אויסברײַען פון זײַן האַלטן זיך. זי מיינט, ווײַל ער האָט סוף־כּל־סוף נאָכגעגעבן און געלאָזט ברענגען צו זיך די זין, איז שוין אַ סימן, צי ווײַל ער האָט צוליב געטאָן און געהייסן שרײַבן אַ צוואה, איז שוין דערפון געדרונגען. מחמת, באשר זיי טענהן, אַז ניט זיי, נאָר דאָס איז ער אַליין געווען דערפאַר, מ'זאָל שרײַבן, און זיי האָבן אַפילו קיין פּיפּס נישט געטאָן. הע, דאָס קענען זיי דער באָבען די ציין פאַררייד̈ן. וואָס־זשע, ער האָט שוין חלילה קיין אויגן נישט צו זען, ווי זיי האָבן דאָס אַרומגעפּלאַטערט אַרום אים און ווי ס'איז זיי דאָס חיות אויסגעגאַנגען נאָך דער ירושה? האָט ער זיי געוואָלט צושאַרן דאָס פאַרגעניגן, ער זאָל דערנאָך, אַז גאָט וועט באַשערן אין פריידן, זיי קענען ווײַזן, וואָס פאַראַ הולטײַעס זיי זענען. יאָ, יאָ, אין פריידן... טאַקע באַלד, אין עפּעס אַ שטיקל יום־טוב. וואָס־זשע פאַר אַ יום־טוב האָבן מיר דען אינגיכן? ס'איז ווײַטלעך, אַ ביסל צו ווײַטלעך. ערשט פּסח איז אַן אמתער, אַ מחיה'דיקער יום־טוב, אַ יום־טוב ווי ס'באַדאַרף צו זײַן. עך, ווי דערציט מען עס ביז פּסח!

ער האָט אינמיטן דערינען געטאָן אַ דערפיל, אַז ס'איז ווײַט, היפּשלעך ווײַט — אַ שווערער ווינטער, אַ קאַלטער ווינט, אַן אומענדלעכער שניי־מדבר דורכצומאַכן, און די קאָלדרע זײַנע איז דין... דין... ס'רײַטן אַרום אונטער איר טויזנטער ווינטן ווי קעץ—דריגען זיי בײַ די פיס בײַ זײַנע... רײַסן די נעגל... די פיס זענען אָבער פאַרסטאַרטשעט... און ס'איז טיף אין חצות. פאַרוואָס שלאָפט אַיעדער? ס'איז אַ צײַט צו שלאָפן? פאַרוואָס העלפט מען אים ניט... ראַטע... — — זיי וואָיען וואָס אַמאָל ווײַטער־ווײַטער... און ס'איז אַרום שלעכט —.— שלעכט — — —

מאַלע, אַז ס'איז אים אַביסל שלעכט געוואָרן, וואָס=זשע דאַרף מען עס שוין אַזוי אַרויס פון די פּאַנטעליגעס? איר זעט דאָך, שלעכט=שלעכט און ס'האָט זיך יאַקאָש אויסגעשלעכטערט. קוק זיי נאָר אָן! דאָס האָט אַ פּנים, אַז ניט אים איז עס שלעכט געוואָרן — נאָר זיי. ווען זיי וואָלטן זיך אָנגעפּנימט אין שפּיגל — מוקצה מחמת מיאוס זענען זיי. ס'הייסט, די זין האָבן זיך דווקא ניט אַזוי גענומען צום האַרצן. עס ווײַזט אויס, אַז בײַ זיי איז אַ ווײַט האַרץ צוצוקומען. זייערע מעשענע פּנימער, גלאַנציק=רויטע, און די ליסעוואַטע קעפּ, האַרטע טשייכן — זיי שפּעטן פון אַ מלאך=המוות.

אָבער דאָס גרינע ווערימל זײַנס, דער מוזיניק. ס'איז פּשוט אַ שפּײַ צו טאָן, כ'לעבן, ווען ער וואָלט ניט אַזוי אײַנגעבאַקן געווען אין האַרצן. אַ מזיק פון אַ קעפּעלע און אַ טײַערער קדיש. ער קומט נעבעך אַממייסטן אָפּ. וואָס=זשע=דען? ס'קען אים דערפון קיין געזונט ניט צוקומען. וואָס דער טאַטע איז אַן אַלטער שוטה און מאַכט אַזאַ שפּיל. און ער, עקיבא, איז טאַקע דערפאַר ווערט געקנסנט צו ווערן. ווײַל—נו און אַז ס'ווילט זיך ברעכן, צי ס'עקט אין גומען, איז שוין אויס וועלט? דאַרף מען בײַ זיך אַזוי אַראָפּפאַלן? ווו איז עס דער שכל און די אַמאָלי=קע כוחות? נישקשה, ער איז אַמאָל אויך געווען אַ גבר. און צו זײַן בר=מצווה, האַלטנדיק אַ טאַנדעט=לאָדן אין מאַרק, צי אפשר איז עס חתנס=צײַט געווען, האָט ער געקענט אַמאָל אַזוי, מיר=ניט דיר=ניט, אַ יאַריד גויים צעמורשטן די ביינער. ער געדענקט עס נאָך ווי הײַנט. אַ חריפות, וואָס ס'ברעכן אים די ביינער, דאָרט ווו ער האָט געקראָגן אַמאָל אַ שלעכטן זעץ? ווינציק איז ער אויסגעשטאַנען? קאַרג צרות געטראָגן אויף זיך? און ווו זענען די „פּאָימאַניקעס", קאָזאַקן, מלחמה=יאָרן, טריקעניש און סתם אַזוי כוליגאַנעס, סטראַזשניקעס, היצלעס? אײַ=אײַ, אַ שפּילעכל אַזאַ צײַט דורכצולעבן? דווקא מאַכערס, אָבער אַנו וואָלטן זיי דאָס געפּרוווט? מיר וואָלטן גראָד געזען.

אָט טאַקע דאָס איינס וואָלט ער נאָך בעטן בײַם ריבונו=של=עולם: אים לאָזן אויספירן זײַן נצחון. וואָס קען עס גאָט

שאַטן? לאָז ער קענען זיך מיט זיי רייצן. לאָז מען ניט אים דאַרפן אָפּכאַיען, נײַערט פאַרקערט, ער זאָל נאָך צונויף קומען, זאָגן איר, דער ייִדענע: וואָס דו פוילסט זיך צו, ניט בכוח מער צו אַרבעטן, זײַ־זשע מוחל, איך וועל מיך נאָך אַליין אויך אַן עצה געבן מיט די געשעפטן, און דו, קלײנער, לאַפּצעדראַניק, ווילסט נאָר זײַן אַ למד־וואָווניק? ס'פּאַסט דיר ניט אַ שמעק צו טאָן אין מסחר אַרײַן? עס שטייט ניט אָן דעם טאַטן דײַנעם? דאַרף מען ניט. ס'איז, ברוך־השם, נאָך דאָ אָנגעגרייט פאַר דיר אַפּויתיקי. נאַ, לערן. וועסט שפּעטער חרטה האָבן. וועסט קליגער ווערן, וועסטו צוריק קומען. נישקשה, האָסט, נישט צום פאַרזינדיקן, אַ טאַטן!

וואָס־זשע דען, גראָד ער זאָל עס אַזוינס אָפּטאָן? שטאַרבן ווי אַ נאַר? לאָזן אַלץ אויף הפקר? מאַכן זיי פאַר יתומים און זי פאַר אַן אלמנה? האָט ער זיך אַזוי געפירט מיט די פריִערדיקע ווײַבער? אָט דאָס האָט מען אים געלערנט? הײַנט פאַרשטייט איר שוין, אַפּיקורסים, פאַרוואָס ער לאָזט זיך אַלץ טאָן און שווײַגט? ס'איז ניט אומזיסט. ער האָט זיך זײַן חשבון.

און מחמת דערפאַר, זעט איר, נעמט ער דעם צווייטן עק אויך. מהיכא תיתי, איר ווילט, הייסט דאָס, אַ קוק טאָן, ווי ס'וועט זיין אָן מיר? — נאַט זעט, וואָס פאַר אַ פנים איר וועט האָבן. אָט האָט איר אַ צוואה. וואָס קומט אײַך שוין אַרויס דערפון? סײַ־ווי־סײַ, קיין גליקן שטייט אײַך ניט פאָר צו כאַפּן, און איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר איז דאָך אַלץ אײַערס, מיטנעמען וועל איך עס ניט.

און מיטן ריבונו־של־עולם פּרוּווט ער אויך די צווייטע זײַט פון דער מטבע. מיט אים איז מען דאָך קיין תקיף ניט. רעדט ער מיט אים בלשון געפאַלנקייט און מענטשלעכקייט. קלאָר איז דאָך ווי דער טאָג, אַז ער דאַרף ניט שטאַרבן, ער האָט נאָך וואָס צו ברענגען צו אַ לאַד אויף דער וועלט. אלא־וואָס־זשע דען, מ'האָט זיך דאָרט אײַנגעשפּאַרט? איז דאָך ניט שייך: ערשטנס, ווי פּאַסט זיך בכלל עקשנות פאַר אַ ריבונו־של־עולם? און

צווייטנס, זאָגט ער, בין איך דאָך אַלעמאָל אין דיינע הענט, גאָט — וואָס־זשע דאַרפסטו צונעמען מיט שלעכטן, מיך דושען, וואַרגן, קלעמען, וואַרפן אין פיבער, כ׳זאָל ניט זיין ביי אַלע געדאַנקען; עלעהיי דו וואָלסט אַנדערש ניט געקענט? ווילסט נעמען, בין איך דאָך אַלצאיינס אין דיין רשות, איז טו מיט חסד; אַלא אָבער, אַז דו טוסט אַזוי, איז דאָך דער שכל מחייב, אַז ניט אַנדערש, נאָר האָסט גאָרניט אין זינען מיך צו נעמען, ווילסט מיך גלאַט עפעס אָנלערנען. שמייסן קומט מיר, לויט דיין מיינונג. איז ממה־נפשך: קומט מיר — קומט דאָך מיר טאַקע! אָדער ס׳קומט מיר ניט — וועט עס דאָך מסתמא פאַררעכנט ווערן צום גוטן.

און ביי ר׳ עקיבאן איז פאַרבליבן, ער זאָל זיך האַלטן מיטן שטראָם. וועט באמת טאָן אַ קום אָן אַ שטאַרקע כוואַליע און וועט זיך פאַרמעסטן אים צו דערטרינקען, וועט ער...

דאָ האָבן זיינע מחשבות געהאַט אַ ויתרוצצו: וואָס וועט ער? ווי אַזוי וועט ווייטער זיין? ווי גיט מען זיך אונטער? ווי ראַטעוועט מען זיך אַרויס? אויב פריִער האָט ער זיך געקלערט בישובדיק (עס שמועסט זיך נאָר אַזוי בישובדיק, ווייל וויפיל מאָל איז ער דען שוין ניט געווען ביי אַלע לעצט?), איז אָבער איצט געקומען די שווערע פראָבע.

די דעך פון אים האָט זיך ווי אַ פעדערל צעוועקגעטראָגן, אַזוי ווייניקסטנס האָט זיך אים אויסגעדוכט. די לעמפעלעך, אַרום אים, וואָס די משפחה איז לעבן זיי געזעסן, זענען געוואָרן אַזוי מאָגער, אויסגעצויגן, ווי עפעס שרעטעלעך. די פנימער פונעם וויב, פונעם קינד, פון די זין האָבן זיך געזעצט ווי פייערדיקע זומערפייגעלעך אין אַ חשכות. פליִען זיי אָפּ — ווערט אַ פראָסט אויף דער נשמה. קומען זיי נאָענט צו — בריִען זיי. זיי טוען וויי, ס׳טוט אַלץ וויי, די ווענט צעפאַלן זיך אַרום אים, ווי אויף אים, ווי אין זיין אייגענעם פלייש... וואָס ווילן די ליילעכער, וואָס בינדן אים די הענט, ניט אויף אַרויסצושלעפן?.. וואָס וויל פון אים די חיה־רעה, דער בייזער פיפערנאָטער, וואָס וואַרגט אים דעם האַלדז, שנירט אים צונויף... אָט־אָט...

זאָל ער זיך ווערן?

ווערן־ווערן — געוואַלד, ווו נעמט מען אָבער כוחות! ס׳זשומעט ווי אַ קאָכקעסל זודיק וואַסער. זודיק וואַסער זאָל אַזוי קאַלט זײַן! אַ פאַרע פאַרדעקט אַלץ... אַן אײַז פאַר... חלשות... חלשות... פחדים נוראים... די חיה וואַרגט... ווערן זיך? וואָס מער מ׳ווערט זיך, איז ערגער. ס׳איז פאַרפאַלן—פאַר—פאַ—... ווי אַ מטושטשדיקע טרייסט שווימט דורך דער אָפּגעריסענער געדאַנק: אפשר בעסער נאָכגעבן, נאָכלאָזן, וועט מען זיך אפשר ווי ס׳ניט־איז נאָך ראַטעווען... אפשר... זיך נאָכגעבן... דערנאָך... דערנאָ...

... דערנאָך האָט אָנגעהויבן שטיל טאָגן. דורך די פאַרבלאָכטע שויבן האָט מען געזען אַ פאַרשעמטן הימל מיט אַ רויטלעך־צעגליטן האָריזאָנט און אַ ווײַסלעכער אָדער אין זײַנע צעפּיקטע ברעגן. צווישן די הויף־קאַמערס האָבן שאָטנס געהאַט אַ בהלה, זיי זענען צוגעפאַלן צו די פענצטער, אַרײַנגעקוקט אין חדר אַרײַן. זיי האָבן געזען, ווי מענער זיצן אײַנגעבויגן אין דרײַען איבער ספרים, איבער תהילימלעך, אַ פרוי יעכצט איבערן בעט, אַ קינד ברעכט פּיסקעס: „אויף וועמען האָסטו אונדז געלאָזט? פאַרוואָס האָסטו אונדז אַזוי פאַרשעמט?”...

אַ פאַרשפּעטיקטער האָן האָט אַ קריי געטאָן און זײַן קול האָט געניכטערט אין דעם גרוי־געוואָרענעם מאָרגן. ס׳זענען אָפּגעווישט געוואָרן די רעשטלעך נאַכט־סילועטן און ווי אַ ראָגאָזשע האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ פאַרוואָלקנטער האַרבסט. און די חברה־קדישא איז אָנגעקומען, זיך אָנגעטראָגן אין נעפּל מיט פאַרשוואַרצטע, פאַרטרודטע פּנימער, ווי קוילנגרעבער, און אײַליק געמאַכט זייערע הכנות, געבראַכט דאָס טהרה־ברעט, אָנגעגרייט דעם קיטל, די מיטה. פרויען האָבן צוגעשניטן תכריכים אויף גיך, געשווענקט אָקעלעך. מ׳האָט אַרויסגעלאָזט די וואַסערן, און אַלץ ווי עמעצער וואָלט זיך נאָך זיי געיאָגט, ווי מ׳וואָלט עס באַדאַרפט אָפּטאָן פאַרן זון־אויפגאַנג. ווײַבער האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט פון אַלע עקן, געבראַכט פרישע געוויינען פון דער היים און אַ פאַרטומאַנעט אויסזען, געדרייט זיך אין די

ווינקלען און ווי איינגערוימט דאָרט עמיצן עפּעס בסוד־סודות, בפּיוון מיטגעשלעפּט מיט זיך וואָס מער בלאָטע אויף זייערע צעשפּילעטע שטיוואַלעס און וואָס מער קעלט אין זייערע אויס־געמאַרכעוועטע ביינער.

איבער דער גאַס איז מען דערנאָך געגאַנגען שוואַרצע געזעמלען, געטוליעט איינס אין צווייטן, גלייך אַ קניפּעקל סקאַנ־טושעטע מלחמה־געפאַנגענע, מיט צעריסענע קאַפּאָטעס און פּאַר־אַשטע בערד. בלויז פאַרשפּעטיקטע האָבן זיך געהאַלטן אין דער זייט. ווער ס'איז האָט געפּרוווט זיך פאַרשטעלן די אויגן און ניט זעען די מיטה, ער זאָל יוצא זיין אָן הענט וואַשן.

— „שוין אַריבערגעטראָגן?"

מ'איז שוין געגאַנגען אויפן פעלד, אויף די מיט פּאַפּישויע־שטעקנס פאַרבליבענע בייטן, אויף די אָפּגעצופּטע לאָנקעס און צווישן וועג־ריוועס, ווו עולם גייט צום תשליך אַלע יאָר. דער בית־עולם־פּאַרקאַן האָט רויט און אומעטיק אַרויסגעקוקט אויף די געסט און זיך אינמיטן איינגעוואַליעט אין דער ערד אַריין. פון דעם כּרת־גויעס הייזל האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אַ שיקסל אין הוילן סטאַן און געלאָפן עפענען דאָס שטיבל. נאָר עולם איז שוין געקראָכן איבערן פּלויט.

מען האָט דערווייל געגראָבן דעם קבר. שמשים האָבן זיך צעשאָטן איבערן פעלד און געפירט באַקוקן נייע מצבות, מענטשן האָבן אָפּגעזוכט ניט געצוימטע נאָך קברים פון אייגענע. מ'האָט געלייגט בינטלעך קנאָבל אויף די שטיינער און פון ערגעץ אַן עק האָבן זיך פאַרדומפּן געטראָגן די יעלות פון אַן אַלטער אַלמנה און עמיצנס קול האָט שטיל אַריינגעווײנט אין אַ גרוב אַריין. ווו־נישט־ווו האָט אָפּגעציטערט אַ געשריי, ווי פון דער ביידערקע אין מקווה: נאָך אַ שעפעלע!

מ'האָט שוין אַרויפגעלייגט די שערבלעך אויפן בר־מינס אויגן, גענומען די ריסקאַלעס צו פאַרשיטן. אַ גראָבער חברה־קדישאניק איז געשטאַנען אין גרוב און דאָרט געהאַלטן זיך אין פּאָרען. ביי יעדער גראָב און גראָב האָט ער בגנבה טועם געווען

פון אַ שקאַליק אין זײַן בוזעם. ד לעבן אים געריסן צום מת און ער האָט זי אָפּגעהאַלטן.

פונם קבר איז אַרויס אַ רויער האַרבסטיקער ריח, ווי פון פאַרפוילטע צוגעלעגערטע עפּל. האַלב צעקוועטשטע, לאַנגע און גליטשיקע ווערעם האָבן זיך געטריפּעט אויף די אויפגעגראָבענע זאַמד=שטיינדלעך און ליים.

— „שיט! האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן דער גראָבער חברה=קדישאניק.

דער ערשטער ריסקל ערד האָט זיך צעקלאַפּט אויף די ברעטער. פּלוצים איז געוואָרן אַן אומבאַשרײַבלעכע פּאַניק צווישן עולם. אויך די גרעבער האָבן זיך ס'באַלמוטעט. ס'איז געוואָרן אַ ליאַרעם.

ס'האָט זיך אויסגעדוכט? אָדער, איז עס טאַקע אין דער אמתן געשען?

דער רב האָט, נאָך אַ שטיקל שקלא=וטריא מיט די דיינים, האַלב ניונקענדיק געלאָזט איבערקוקן דעם בר=מינן.

מ'האָט ניט געקענט מער אָפּשטעלן דאָס געלויפעניש. ווער צום קבר, ווער ס'איז אַוועק ווהין די אויגן טראָגן. ווײַבער האָבן אָפּגעחלשט און מ'האָט זיי געמינטערט. מענער, פאַר=שוואַרצט ווי די ערד, האָבן אויסגעצויגן זייערע דאַרע העלדזער. איבער די אַרומיקע קעפּ, צו כאַפּן אַ קוק, וואָס דאָרט טוט זיך

מ'האָט אָבער גאָרנישט געקראָגן צו זען. די שמשים האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט האַלבע ווערטער און געשאָלטן. דערנאָך האָט זיך צעלייגט אַ טויטע שטילקייט און אײַנגעהילט די פאַר=גליווערטע מענגע. ביז איינער, עפּעס אַ גרין יאַדושליווע יידל, מיט אַ געלן שמייכל איבערן צעאַקערטן פּנים, האָט אַ זאָג געטאָן צו זײַן פאָדערשטן שכן:

— „מ'שלעפּט... אַ מענטש איז נאָך גאָר ביים פאָלנעם געזונט און מ'לייגט אים שוין אין דער ערד אַרײַן... זיי האָבן קיין צײַט ניט, די שיכורניקעס... זיי האָבן זייערס נאָר אין זינען... אײַ, אײַ, גיי פאַרטרוי זיי אַ לעבן...

— „ווי געשיקט זיך עס טאַקע? וואָס־זשע, דאָקטוירים האָבן גאָרניט געזען?

— „נאָט איין אַ פירער פאַר היינטיקע רופאים. דאָקטוירים זיינען זיי? באַגרעבער זיינען זיי"...

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטופעניש אויף צוריק. די מיטה מיט ר' עקיבאן איינגעם האָט מען אומגעקערט אין שטיבל אַריין. איינער פונם עולם האָט זיך דערביי קוים אַרויסגעריסן פונם „סטיסק" און געבליבן אַן אָנמעכטיקער שטיין:

— „פּ—פּע, כ'קען ניט זען, דאָס וואָס די ערד שוין איינמאָל צוגענומען"...

— „אָבער וואָס זעט מען ביי אים? ער גיט עפּעס סימנים? מ'האָט געפּרוווט דעם דופק?"

— „יאָ—יאָ, ס'אַ סברא, אַז ער האָט אַפילו געעפנט די אויגן".

— „און וווהין פירט מען אים איצט? זעט נאָר, זעט, ווי מ'פּאַרטאָפּטשעט דערוויילע אַלטע קברים. קריכט ניט אויף מתים, „כאַליאַסטרע!" — האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן אַן אָפּ־געריסענער שטאָט־קבצן, וואָס אויף אים איז, ווייזט אויס, מוטל געווען קהלס דאגות.

— „מ'זאָגט, אַז דער רב האָט געפּסקנט, מ'זאָל אים גלייך אַהיים פירן אין אַ פאַרמאַכטן פיאַקער. ס'זאָל קיינער ניט אָנהייבן אַפילו צו זען און צו הערן".

— „וואָס איז דער שכל?"

— „מסתם איז אַזוי דער דין. היינט פאַרשטייסט נישט?— מעוברתטעס זאָלן זיך נישט פאַרקוקן".

גלייך איז אָנגעפאָרן אַ ברייט־פּלייציקער שמייסער מיט אַ פּאָר ביסטרע פערד און אַ צעשאָקלט ביידל און אַריין צווישן עולם.

— „טפּ—רו! אַנו, מאַכט אַ וואָרע, צעשיט זיך. איר זעט דען נישט, אַ כוואַראָבע אויף די פערד, מ'פאָרט דאָך, דוכט זיך מיר. נעמט זיך אין דער זייט אַריין. אַנו, טוט זיך, זייט מוחל, אַ גיב".

מ׳האָט געטאָן אַ טראָג אַרויס ר׳ עקיבאן אויף צוריק. גע־האַלטן האָבן אים די צוויי זין מיט ברוגזע וואַזשנע פנימער, ווי זיי וואָלטן עס גלײַך געווען אָפּגעשלאָגן דעם טאַטן זייערן פונם פונם שונאס הענט.

— „אַנו, אַהער מיט די פערד!"

— „זעט נאָר ניט אַזוי משוגע פאָרן. טרייסלט ניט, ס׳איז אײַך נישט קיין אייער".

— „פאַרלאָזט זיך אויף מיר. וואָס־זשע, ס׳איז מיר דאָס ערשטע מאָל צו פאָרן מיט אַזאַ..." — האָט זיך דער שמײַסער פאַרגאַלאָפּירט, פריילעך צו קריגן אַ פעטן „מאַהאַריטש".

— „אַהיים פיר איך בילכער ווי אַהערצו־צו. וואָס איז דאָס אײַלעניש, טפּ—רו — מ׳וועט עס נישט אָנווערן. געהרגעט זאָלט איר, קאָבילעס, ווערן, וויאָ, האַטיאָ..."

און מ׳האָט זיך אַוועקגעקאַטשעט אין שטעטל אַרײַן. מענטשן זײַנען אַהיים געגאַנגען מיט אַ ביסל שרעק אין האַרצן, ווי עפּעס ניט שווה־בשווה מיט זיך, וואָס מ׳האָט זיי אויסגעבראַקעוועט אַ בירגער פון יענער וועלט. אויך די ערשט געוועזענע אַלמנה האָט זיך קיין עצה ניט געקענט געבן מיט איר שוואַרצן שאַרף, וואָס האָט זיך איר נאָכגעטעלעבעדעט, און מיט די געשוואָלענע רויטע אויגן, די אויסגעוויינטע און פאַראָבלטע, און זי איז גע־גאַנגען און האָט מיד געטאָפּטשעט די גרודעס און איר שאָף האָט געטשעפּעט זיך צווישן די בוריאַנעס און קאַטשענעס פונעם פאַרבליבענעם האַרבסט.

עפּעס ווילד־פרעמד, איבעריק, גאָר־גאָר אלולדיק האָט פּלו־צים זיך צעשײַנט די זון איבערן בית־עולם און איבער די בינט־לעך גייענדיקע, איבערן רב מיט די ברייטע קאַפּאָטע־לאַצן און איבער די דיינים און אַלטע ייִדן, וואָס האָבן זיך געפּילט בײַ זיך אַ ביסל פעסטער: „נאַרישקייטן, ס׳קומט אים, ווײַזט אויס, אויך ניט גרינג אָן", — האָבן זיי זיך געטרייסט, — „מ׳האָט אַרויסגעריסן פון זײַנע נעגל".

און דער קליינער מאָטעלע, נאָך ניט אינגאַנצן פאַרטיק בײַ זיך אין קאָפּ מיטן קדיש, וואָס האָט זיך גראָד איצט גענומען

בלוישן דאָרט, ווען מ'טאָר ניט, האָט געוואָלט טראַכטן וועגן טויט און וועגן דעם, וואָס איז אָקאָרשט זיך פאַרלאָפן, נאָר אין זײַן צעטומלעניש איז ער ווײַטער ניט דערגאַנגען, ווי פירן מיט צע־עפּנטע שוואַרצע אויגן איבער די בלוילעך־נעפּלדיקע בערג־ווײַטן, צעלייגטע ווי אין „קריעה”, איבערן שטעטל און דאָלינע און דעם יאַריד גויִם מיט זײַן רעש, פאַרקאַטשעטע און צעשאַרט העט־ווײַט אַוועק... אַזוי ווײַט, ביז וואַנען ס'גרייכן די שוואַרצע, זשומזשענ־דיקע טעלעגראַפן־סלופּעס...

*

דער האַרבסט־טאָג האָט געגעלט אויף די בלאָטיקע אָפּיצי־נעס און איבער די געמאַרקן. אַ פאַרמראַטשעטע זון, ווי אין גיהנום פאַרנע און פײַכט, האָט געלעקט די אָפּגעליפּעטע ציגלנע ווענט און ליימענע פּאָדמורעקעס. דער קליינער מאָטעלע און זײַן מוטער זענען געקומען אַהיים שוין אין מיטן טאָג מיד און פאַרחלשט. מאָטעלע האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט אַריבערצו־שפּאַנען די שוועל, וועגן וועלכער מ'האָט אים אָנדערציילט, אַז מ'לייגט צו צו איר אַן אויער, הערט מען אַרויס, ווי דעם נפטרס נשמה וויינט בײַם צעשיידן זיך. מענטשן שכנים האָבן געעצהט, מ'זאָל זיך נעמען אין די הענט אַרײַן און זיך „אוספּאָקאָיען” (באַ־רויִקן). אַ פּאָר ייִדענעס האָבן געבראַכט צושלעפּן יאַיכלעך מיט אַרומשווימענדיקע, פאַרזויערטע געלכלעך, וואָס דערמאָנען די חולה־נופלדיקע זון אויפן הימל. פאַרן טראָטואַר זענען נאָך די אויסגעגאָסענע וואַסערן ניט איינגאַנצן אײַנגעזאַפּט געוואָרן און געשראָקן, ווי טיפוס־פלעקן איבער אַ שוויצנדיק לײַב.

די שטוב זייערע אינעווייניק איז געשטאַנען ווי אויס גע־ליידיקט. ס'האָט זיך געמאָלט, אַז דאָרט איז פריִער אָנגעהויקעט געוואָרן אַ טויזנט־קעפּיקער ליאַרעם און מיט אַמאָל אויסגעוועבט געוואָרן. די עקיבאכע האָט זיך גלײַך אַרײַנגעכאַפּט אין קיך אַרײַן און ניט געוווסט, צו וואָס זיך פריִער צו נעמען. צעלייגן אַ פײַער? מאַכן אַ וואַרימעס פאַרן קינד, דעם פאַרכליאַנעטן? אָדער גאָר צושטעלן אָנבײַסן?

צו אים, צום מאַן, האָט זי מורא געהאַט אַ קוק טאָן, גע־פילט, אַז טאַמער רירט זי זיך נאָר און גייט אַהין צו, וועט דאָס בלענדעניש זיך גלייך צעקריכן — און זי קען בלײַבן שטיין פאַר אַן אָפענעם קבר, פאַר אַ הייל אַ פינסטערער און טיפער. יעדער שפּאַן, וואָס זי האָט געמאַכט, איז געווען, ווי זי וואָלט איבער אַ גרוב אַריבערגעכאַפּט זיך, אַ גרוב, וואָס פאַרמאַכט זײַן שלונג, כּדי באַלד אים נאָך טיפער צוצוגראַטשען.

און אויך דאָס קינד, מאָטעלע, האָט דאָס זעלבע געשראָקן. ער האָט זיך עפּעס מאָדנע פרעמד געפילט. עלעהיי ער וואָלט געקומען פון אַ ווײַטן שווערן וועג און קיינעם ניט געטראָפן אין דער היים, און די היים אַליין איז גאָרניט די היים, נאָר עס בלאָנקען זיך דאָרט אַרום, וואַרפן זיך דורך בערדיקע משונהדיקע פּנימער. אָט איז אַ לאַנגע לוויה, אַ מין שוואַרצע פּראָצעסיע... אַ פעלד אַ פאַרמצבהטס, אָן אַ סליאַד... אַ מת... אין ווייסע תכריכים... טרייסלט זיך ווי די אָסיען־בלעטער פון דעם בית־עולם־סאָד... וואַקלט זיך... זײַן באָרד פויל, און ווערעמדיק, ווי רויע ערד, קריכט אויס, אַ האָר נאָך אַ האָר, מיט אַ שטיקל רוי־פלייש אין אירע וואָרצלען... און אַ נעפּל לעקט דעם סטעפּ, וויסט, נאַקעט, קאַלט...

די זין, די צווי, וואָס האָבן דעם פאָטער אַהיים געבראַכט, זענען דערווײַל געווען באַקוקן דעם בוידעם, געפּאָרעט זיך אין קאַמער, עפּעס געזוכט, גענישטערט דאָרט, געכאַפּט אַ שמעק אין קעלער אַרײַן און צוריקגעקומען פאַרסאַזשעט און ברודיק.

זיי זענען, גלײַך קברים־גרעבער, שווערע, קלעצערדיקע, צו־געגאַנגען צו זייער שטיף־מוטער, דער עקיבאכע, און אָפּטרייס־לענדיק זיך די הענט איבער דער פאָמייניצע, אַ זאָג געטאָן דורך פאַרדומפּענע קולות: „מומע, אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן איר זאָלט אונדז מאַכן לכּבוד דעם... אָט יענעם קניש, וואָס עס גע־פעלט אַזוי דעם טאַטן אונדזערן ?..

זי האָט אויף זיי אויפגעהויבן די נאָך אַלץ פאַראָבלטע, טונקעלע רבנישע אויגן און באַטראַכט זייערע מזוהמישע פּרצופים מיט אַ קלוגן תּלמיד־חכמדיקן בליק. אַזוי, האָט געדענקט מאָטע־

לע, פלעגט זי אויך קוקן אויף דעם קורצנעזיקן שכנדל זייערן און דעם „קאַזיאָנעם" רב, דעם אַפּיקורס, ווען די ביידע, ר' עקיבאַס גוטע ברידער, פלעגן קומען צו כּיבוד, הושענא־רבה, לעקעך בעטן און איר דערוויַל אַ שטאָך טאָן מיט אַ ווערטעלע: „אַזוי זענען מיר זיך נוהג געווען בײַ אייער אַלטיטשקנס אַלע ווײַבער. איר זענט בײַ אים, דוכט זיך, די פערטע, צי די פינפטע, האַ? נאָר ס'שאַט ניט. לאָמיר מאַכן אַ לחיים! אײַערע פּראָקעס האָט דער אַלטיטשקער פאַסמאַקעוועט...

און ער, מאַטעלע, האָט דעמאָלט פון זייערע בראַנפנדיקע, זלל־וסובאניקישע מײַלער אַרויסגעפּילט אַ ריח פון נאַסע, פרישע הושענות, פון עפּעס שאַרפבלעטערדיקע ווערבעס בײַם טײַך, תּשרידיקע, פוילע און צעווינטלטע, טראָגנדיק דעם הויך פון טויט... אָבער יענער איז געווען אַן אַנדער טויט... גאָר־גאָר אַן אַנדערער...

ס'איז געווען יענער בלייכער טשאַכאָטעטשנער טויט פון יידעלעך אום יום־כּיפּור, צו נעילה צו, דער „מי־יחיה־ומי־ימות"־טויט, אַ צעשופּרטער, אַ ליכטענער, אַ טויט מיט אַלע פּישטשעווקעס, וואָס נאָך אים קומט נאָך אַ שמחת־תּורהלע און נאָך אים קומט נאָך... און קומט נאָך...

און דאָ?...

ער האָט געטאָן אַ בליק אויף די ברידערס יוכטענע שטיוול מיט די אָפּגעזעצטע אָפּצאַסן, אויף דעם פאַרשלייעמטן יאַיכעלע, אויף דער מאַמעס שוואַרצע רענדער אונטער די אויגן און איר פאַרקריוודעטן פּנים. און דערנאָך האָט ער ניט ווילנ־דיק, מיט אַ שפּאַרע פון איין אויג, אַ קוק געטאָן אויפן בעט. אויפן בעט, וואָס ס'ליגט אויף אים „דער"... מער ענדיקן האָט ער ניט געקענט.

און ער האָט געזען, אַז דאָס פּנים, ווי אַ פאַרקוסנעטע ראָשטשינע, ערדערן, אָן איעדער לעבעדיקער מינע, טוט אַפילו קיין פינטל ניט. נאָר צוויי קלײנינקע אײנגעשרומפּענע אויגן, גלײַך בײַ הענער אין סאַמע מיט נאַכט, שטאַרן פאַרגליווערט,

אַזוי ווי די גלעזערנע קאַרשן־שפּילקעס אויף ווײַבערשע היטע־לעך.

דער דאָקטאָר האָט אויך ניט געהאַט מער דעם טעם, וואָס פריִער. ער איז אַרײַן ווי אַ ווינט, געטאָן עפּעס אַ באַטראַכט, אַראָפּגעבּרומט זיך אין אַ וואָנסע אַרײַן און אויסגעוועזן די צײַט. דערנאָך האָט אָנגעהויבן נאַכט ווערן. און די שעהן זענען צו־געפּאַלן מיט אַזאַ שרעק, מיט אַזאַ שווערער גרויקייט, אַז פענצ־טער־ווײַסקייט טרערט אין איר און ווערט אַלץ טונקעלער, טונ־קעלער...

און נאָר פון די הויפן האָבן זיך געטראָגן קולות פון ווײַ־בער און אַ טרעשטשען פון פײַער־פלאַמען. אַ רויך האָט זיך גע־שאַרט איבער די שויבן און אַוועק מיטן ווינט. דאָס האָבן ייִדע־נעס געקאָכט פּאָווידלע און געפּרעגלט אײַנגעמאַכטס אין די ליקלעך. איין שכנה האָט אַפילו ניט אויסגעהאַלטן און אַרײַן הינטנאַרומערט צו דער עקיבאכע מיט אַ ביסעלע שוים אויף צו פּאַרזוכן, וויפיל מ׳דאַרף נאָך אַלץ מעלעס און צי איז דער סי־ראָפּ גוט פאַרקאָכט, און מיט גוואַלד אַרויסגעשלעפּט די עקיבאכע צו באַקוקן איר געפּרעגלטס, און דערווײַל אויך זײַן אַ שופט צווישן די ווײַבער, ווער ס׳זאָל דעם לייגן באַקומען אין דער ערשטער ריי.

דער עקיבאכען איז געווען נישט צום האַרצן דאָס גיין. ס׳האָט זיך אַפילו ניט געפּאַסט, אָבער זי האָט דאָך ניט געקענט בײַשטיין דעם נסיון און זיך געלאָזט פאַרנאַרן פון דער ייִדענע און אָנגעזאָגט מאָטעלען, ער זאָל אינצווישן האַלטן אַן אויג און זי רופן, ווען מ׳וועט חלילה באַדאַרפן. באַלד קומט זי סײַ־ווי־סײַ צוריק. נאָר ס׳איז געווען צו מערקן פון איר אַוועקאײַלן זיך אַז זי האָט זיך ווי אַרויסגעכאַפּט פון דאַנעט, פון די שווערע מחשבותן, פון עפּעס, וואָס זי קען זיך דערויף קיין דין־וחשבון ניט אָפּגעבן. זי האָט נאָר געלאָזט מיט מאָטעלען, כּדי ער זאָל ניט מורא האָבן צו בלײַבן אַליין, אַ ייִדן אַ קרוב, וואָס איז גע־קומען טאָן זײַן חוב און זיצן בײַם חולה.

זי איז טאַקע ניט אַזוי גיך געקומען, ווי זי האָט צוגעזאָגט, און מאָטעלען איז באַפאַלן אַן אומהיימלעך פּחד, וואָס האָט זיך אַלץ מער צעוואַקסן, וואָס מער ער האָט זיך צוגעקוקט צום בעט, צו דעם פאַרמעטענעם פּנים און די פאַרגלייזטע אויגן. דער ייד, זיצנדיק מיט אים, איז אינמיטן ריידן אַנטדרעמלט געוואָרן מיטן פּנים אין באָרד אַריין, עלעהיי ער וואָלט זיך פון עמיצן אָנגע־שטעקט מיט שלאָף. שפּעטער האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און עפּעס געמורמלט פאַרשלאָפן, נישט פונעם זינען, זיך געזען, וואָס גיכער אַרויסכאַפּן פון דאַנען און נאָר צוגעזאָגט, אַז ער שיקט גלייך אַהיים די מאַמען.

מאָטעלען האָבן אָנגעהויבן זיך קלעפּן די אויגן וואַרטנדיק, געקלעפּט מיט מורא, און מורא האָט זיי אַלע מאָל אויפגעריסן.

פּלוצים האָט ס׳פּנים אויפן בעט, באַשיינט פונם געלן טשאַדנעם לעמפּל, זיך עטוואָס אַ ריר געטאָן און געבליבן אַ ביסל אונטערגעהויבן. נאָר אַ מינוט, דערנאָך זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט.

ר׳ עקיבאַן האָט געשטערט דאָס ליכט אויפן טיש. ער האָט עס אָבער קלאָר ניט געוווּסט. אין זיין מוח האָט געפינצטערט נאָר איין זאַך: אַ פיר־עקיקער צייכן פון אַ גרוב, אויסגעצויגן און לויערנדיק. פאַר דעם צייכן דעם פירקאַנטיקן האָט ער באַ־דאַרפט אַוועק, אַריבערשפּרינגען, אַרויסראַטעווען זיך פאַר יעדן פּרייז. ער האָט אָבער געפילט די אַלע כּוחות אויספּאַפּליען זיך אין אים, ווי די הרובקע, לעבן וועלכער ער איז געלעגן. די וואַרעמקייט, וואָס האָט געזעצט פון דאָרט, ווייל די עקיבאַכע האָט אָקאָרשט גוט אייַנגעהייצט ניט זשאַלעווענדיק קיין האָלץ, האָט אים אַפילו ניט אָנגעהויבן צו גרייכן. נאָר דאָס ליכט פון טיש האָט אים אַלץ מער געשמערצט. ס׳האָט זיך אין זיין אָפּגע־ריסענעם געדאַנקען־טומאַן אַרומגעטראָגן אין אַ רויטן אָטעם אַ ברייטער לעקער, וואָס ציט זיך צונויף, פאַרשרומפּט זיך און באַלד ציט ער זיך אויס לאַנג, לאַנג. דאָס איז דער טויט. דער אָטעם, וואָס שלענגלט זיך, שטרעקט זיך און קרייצט זיך איבערן פיר־קאַנטיקן, קערפּערלאָזן חלל מיט גרוב־קאָנטורן. — — —

ער האָט זיך געפּרוּווט הייבן, אַוועק דערפון און ס׳האָט,

זיך אין אים אַלץ אָנגעשטרענגט. די אָדערן געצויגן זיך, ווי איבערגעשניטענע שטריקלעך, נאָר דאָס פּנים פון דרויסן איז געבליבן פאַרקוסטנעט און די אויגן פאַרגלייזט, שטאַר, אָן אַ פינטל. ער האָט קיינעם פון די הויז־מענטשן ניט געזען. זיי זיינען אין דעם מטושטשדיקן מוח ניט געווען, פאַרזונקען אין זומפּיק־גרע־נעצלאָזן שאול־תחתיה, וואָס אַרום דעם רויטן אָטעם איבערן פיר־עקיקן רוים.

ס'האָט שוין געהאַלטן אין שטאַרק נאַכט ווערן, ווען מאָטעלע האָט זיך געכאַפּט, אַז מער האַלט ער עס ניט אויס אין דעם חדר, פאַר שרעק. אַלע ווענט האָבן אָנגעהויבן הודזשען אַרום אים. אַלע שאָטנס זיך מענטשלען. ער האָט געוואָלט זיך ראַטעווען פון דאַנען, אַנטרונען ווערן, נאָר די פיס האָבן ניט געדינט. דער גוף האָט זיך ניט גערירט. ערשט העט־שפּעטער האָט עס אים געטאָן אַ טראָג אונטער און פאַרשלעפּט צו דער צווייטער זייט הרובקע, צו זיך אויפן געלעגער.

אַ קאַלטער צוגלופט האָט אים אויפגעכאַפּט אין מיטן חצות. ס'האָט אַזוי געבלאָזן, ווי אויף אַן אָפענעם סטעפּ... אין חדר איז געווען שטאָק־פינסטער. ער האָט גאָרנישט געדענקט. בלויז איינס האָט זיך אים געבאָמבלט אין מוח, אַז די מוטער האָט געמוזט פון ערגעץ קומען.

— „מאַמע, פאַרוואָס־זשע פאַרמאַכסטו ניט די טיר?"

די ווערטער האָבן זיך אַרויסגעגליטשט צעקראָכן, ווי פון אַ געליימט מויל. גלייך דערויף האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט נאָך גאָרנישט געעפנט די ליפּן אַפילו, צומאָל קיין פּיפּס נישט אַרויסגעבראַכט. ס'איז לאַנג געווען שטיל. און די שטיל־קייט האָט געאָטעמט מיט אַנגסטן. האָט ער ווידער געשריגן? ער איז געזעסן אויפן בעט לעמעשקעוואַטע און געריבן די אָפענע אויגן פון דעם חשכות־ווייטאָג. ביז דאָס בעט פון דער מוטער האָט זיך צעקרעכצט און די מוטער איז אַראָפּ אויפן דיל נאַקעט, פאַרשלאָפן און אַ פרעג געטאָן:

— „וואָסער טיר? ס'האָט זיך דיר געחלומט אַ טיר? שפּיי אויס, קינדעניו. ב—ר—ר!.. אָבער וואָס איז עפּעס פאַר אַ קעלט דאָ?".

זי האָט אַרויסגעדרייט דאָס קנייטל פון אַ צאַנקענדיקן קאַניצל בײַ זיך אין אַלקער. דאָס פֿײַער הינטערן גלאָז איז געווען פאַרגליווערט, אַ רויט שײַנדלעכל אין אַ טיפער קוילן שאַכט. זי האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט צו דער הרובע, צו זען צי איז דאָרט ניט געעפנט דאָס טירל, צי איז פאַרשטעקט דער קוימען. דערנאָך האָט זי אויפגעהויבן דאָס לעמפל צו באַטראַכטן ס'חדר און באַמערקט, אַז די טיר איז אָפן.

איז חלילה אַ גנב אַרײַן?

מיט אַ קאַלטבלוטיקייט פון אַ רבס אַ טאָכטער און מיט אַן איבערגליבערישן שרעק אינאיינעם האָט זי תּחילת געקוקט אין אַלע ווינקלען, פון דער זײַט אַפיר, און ערשט צום סוף, באָכן באַטראַכטן אַלץ, האָט זי געפּועלט בײַ זיך, אָנגעבויגן די שײַן פונם פאַרהוכקעטן גלעזל צו דעם בעט פון איר מאַן און דערזען — — — אויפן דיל אַ ווײַס צונויפגעקנוילטער עק פון אַ לײַלעך, די קאָלדרע האַלב אַראָפּגעוואָרפן, און דאָס בעט — ליידיק.

— „מאָטעלע, אַ בראָך צו מײַנע יאָרן, דער טאַטע איז נישטאָ!"

זי האָט דעם קלאָג אַרויסגעאָטעמט אײַז־קאַלט, פחדימדיק, אַזוי ווי אַ באַשולדיקטער, ווען ער וואָלט פאָרלייענען זײַן אייגענעם טויט־אורטייל.

מאָטעלע, וואָס האָט ביז איצט נאָך געלעבט מיט האָפענונג יוצא זײַן אָן אויפשטיין פון דער בעט־וואַרעמקייט, איז מיט אַמאָל אַראָפּגעשפּרונגען און אויף גיך אַרײַן אין זײַנע מלבושים.

די מוטער האָט מיט ציטערדיקע, האַלב־פאַרקרעמפּטע פינגער אים אָנגענומען בײַם אַרבל און נישט אַרויסריידנדיק קיין וואָרט, האָבן זיי זיך ציטערנדיק געלאָזט אין וועג אַרײַן.

דורך דער אָפענער טיר האָט פון דרויסן אַרײַנגעקוקט אַ קוואַדראַטנע שטיק חשכותדיקע וועלט: אויבן ווי אַ יאַרמלקעדיקער הימל, טיף־בלאָ ביז שוואַרצקייט, מיט געציילטע עטלעכע שטערן, און אונטן אַ לויזע זומפּיקייט, וואָס רוטלט זיך אַקעגן

דער שײַן און אַ שרעקפולע, אימת־מוותדיקע שטילקייט. צעשפּרייט איבער אַ דינער קאָרע פּראָסט אָדער שניי.

פאַר פּחד האָבן זיי בײדע געשטופּט דאָס קלײנע לאָמ־טערנדל פאָראויס. די מוטער האָט געפירט. זי האָט אינסטינק־טיוו געוווּסט, וווּ מ'דאַרף זוכן. דערפאַר האָט זי אַפילו ניט געפּרוּווט אָנקלאַפּן בײַ שכנים, כּדי ניט צו פאַרלירן קיין צייט, נאָר געקערעוועט דורך די שול־גאַסן, דאָרט צונויפצורופן דעם מנין יידן.

אויפן וועג האָבן זיך געטראָפן קלײנע שטעלעכלעך, באַפאַ־לענע נעבעך פון אומגעהויער שווערע שאָטנס און אונטער זיי, ציגן און חזירים. ערגעץ־וווּ האָט געגרעזנעט אַ פורל אין אַ טינטערל־בלאָטע און אַ פויער האָט אכזריותדיק אונטערגעביטש־קעוועט די פערד און געוויאָקעט: „ווי—אָ—אָ—אָ". אַ פאַרבלאָ־טיגטער הונט איז אַרויס אַקעגן זיי פון עפּעס אַ הינער־פּלעט און געגאַנגען צו חלום. דערנאָך האָבן זיך פון די ליקלעך אַרויסגעשאַרט פאָרלעך יידן, צום ערשטן מנין, מיט טלית־זעק אין די הענט.

די עקיבאכע האָט זיי מיט אַ געשלאָגענעם אָטעם מודיע געווען איר אומגליק און זיך מיט זיי געלאָזט איבער די שולן צונויפרופן מענטשן.

גלײַך איז אָנגעקומען אַ בינטל יידן, פאַרגענעצט און נאָך אַ ביסל צעוואַרעמט פון דער בית־המדרש־הרובקע, זיי האָבן גע־האַלטן אין איין פלאַטערן און געלאָזט געניצן איבער די צע־קראַצטע בערד. אַלע, גלײַך אָפּגערעדט, האָבן געהאַלטן, אַז זוכן דאַרף מען אים אויפן פעלד, דאָרט ווו די ערד רופט אים. און זיי האָבן זיך געלאָזט אינאײנעם אַהין, פאַרשטײַעט און צוטראָגן, ווי אויף קידוש־השם.

נאָך פון ווײַטנס האָט מען אויפן שאַריענדיקן סטעפּ גע־מערקט עפּעס לויפן, לויפן מיט אַזאַ אימפּעט, כאָטש שווער, גע־בּרעכט, אַז די גרודעס האָבן אַזש געוואַליעט זיך פון די פיס. ניט לויפן, נײַערט אַנטלאָפן פון עמעצן אַ יאָגער, אַנטלויפן ניט אויפן ריכטיקן וועג.

אַז זיי האָבן אָנגעיאָגט דעם אַנטלאָפּענעם, איז ער שוין געלעגן אויף דער ערד, צעשטרעקט מיט אַלע אברים בײַם ראַנד פון אַ פיר עקיגן וועג=גרוב.

אַ דינער שניי איז געווען צעזייט איבערן פוסטן פעלד, אַ ווינט האָט מרה=שחורהדיק געבלאָזן, געצויגן עפּעס אַן אָטעם פון אַ לאַמטערן, אים אײַנגעשרומפּן, פאַרקירצט ביז גאָר, דער=נאָך אָוועקגעשלעפּט לאַנג, לאַנג, איבערן ענדלאָזן וויסטן — רוים. — — —

.1934

סיניאָר זשיימאַ, גדליה בעל־עגלהס אַ מוזיניקל.

— „סיניאָר, סיניאָר, פּאַס פּאַפּאָר".

דער גערופענער האָט זיך אָפּגעשטעלט פּאַזע אַ נידעריק בריקל און זיך אַרומגעזען ווער ס'רופט אים. אַ קליין ייִנגעלע, באָרוועס, מיט אַ בײַטש אין דער האַנט און אין אַ צעריסן מלבושל, האָט זיך פאַרסאָפּעט אין אַ כיטרע שמייכעלע און צוגע־לאָפן געהויבן אויף די שפּיץ נעגל, כדי אײַנצורוימען דעם סיניאָר אַ סוד אין אויער אַרײַן.

— „זאָג דעם פּאַפּאַ, אַז די „מאַקויזע" (סחורה) איז נישט פאַר מיר, פאַרשטייסט? איך בין אַ קליינטעלשטשיק בין איך, סי, סי..." — האָט דער סיניאָר צו נישט געמאַכט דעם גאַנצן סוד.

— „אָבער דאָס מיידל זיצט שוין אויסגעפּוצט און וואַרט, בנאמנות... „קומפּער־מאַקויזע"... (קויפט די סחורה). — האָט זיך דאָס ייִנגעלע אַ קרים געטאָן אויף בראַזיליאַניש — „כ'לעבן, איך האָב אַליין געזען. זי זיצט פאַרן פענצטער און קוקט זיך אויס די אויגן. קומט אָקאָרשט בגנבה דורך, ווערט איר זען. זי האַלט אַ ביכל אין דער האַנט און פּאָכט זיך דערמיט" — און דאָס ייִנגעלע האָט אים געשלעפּט בײַם אַרבל.

דער סיניאָר האָט אומצופרידן אָפּגעטרייסלט דעם שטויב פון זײַנע לאַנגנאָזיקע שיך, זיך צעקנעפּלט און באַלד ווידער פאַרקנעפּלט און עטלעכע מאָל אָפּהענטיק געשנאַלט דעם ראַנד פון שטרויענעם הוט אויפן קאָפּ, ניט געפינענדיק פאַר אים קיין אָרט. דערנאָך האָט ער זיך פאַרקוקט מיט די שוואַרץ־ברענענ־דיקע אויגן, וואָס זײַנען געווען פאַרצויגן איבער די ווײַסלעכער מיט אַ קויטיק־געלן הײַטל, ווי געוויינלעך בײַ געקומענע פון טראָפּישע געגנטן, און גענומען קלאָגן זיך אויף אַ קול:

— „אַזוי פֿיל חזירים זאָלן זיך נאָך ראָיען דאָ, מ'קען דאָי די גאַס ניט דורכגיין, סי סיניאָר".

און ער האָט זיך מיט די ווערטער געלאָזט נאָכן קליינעם פירער אין דעם, מיט נאַכט פאַרגאָסענעם שטעטל. איבערן שטויב פון די ניט־ברוקירטע גאַסן האָבן זיך שטיל נאָכגעשלײַכט שאָטנס. איינצלנע ביימער, בײַ די זײַטיקע טראָטואַרן, האָבן זיך געפּרוכ־פּערט מיט נאָענטע, צעשיטע שטערן און ווי אַ צעשפּאָלטענע באַנאַנע האָט זיי באַקרוינט אַ נאַרישע לבנה. פון די הײַזער, דורך די אָפענע פענצטער, איז אַ קאַרגע לאָמפּ־ליכט אַרויס זוכן אַ גריל אין גראָז און פאַרמאַטערט האָט אין די צימערן אַן אָפּגלאַנץ פון ווײַטע פלאַנעטן געפּלעקט ווײַס־געשמירטע ווענט און געבלייכט קילימעס און קליינרוסישע האַנטעכער אין די פינצטערע ווינקלען.

דער סיניאָר, אַ בראַזיליאַנער פעדלער, וואָס איז דאָ ערשט בישט לאַנג געקומען צו זײַן פאָטער אַהיים און געשטאַנען אין שידוכים, האָט איצט, בײַ דעם אָוונט־ליכט, באַדאַרפט אַ מוסטער טאָן איינע פון די כּלות. ער האָט אָבער ניט געוואָלט גרינג מסכּים זײַן צו גיין, ווײַל פאַר דער וועלט האָט גיכער געפּאַסט צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער האָט גאָרנישט אין זינען אַ חתן צו ווערן און לעולם איז ער גאָרניט לָהוט נאָך קיין מיידלעך — און נאָך קליינשטעטלדיקע. דאָרט, אין ריאָ און אין פּער־נאַמבוקאָ און אויפן אַטלאַנטיק, האָט ער געטראָפן זיך מיט סיניאָ־ריטעס, וואָס האָבן געקענט מיט זייער פינטלען פאַרפירן אַפילו אַ רב, און מיט אַזוינע שאַנסאָנעטעס, וואָס האָבן אַרום אים אַרומגעטאַנצט מיט קאַסטאַניעטן אין די הענט. זיי האָבן אָפּגע־קאָסט אמת אַ פאַרמעגן, אָבער זיי זײַנען עס ווערט. הײַנט ווער שמועסט די שוואַרצע, די „חושכס", צי גאָר מולאַטקעס, מאַריעס... עך, די ליפּן קלעפּן זיך אַזש... און ער האָט נאָך ניט דערמאָנט ערשט די שפּאַניאָלקעס מיט קרעלן און טומבאַרינען — זיי ווערן פאַרברענט נאָך אַ ווײַסן. און די אַלע האָבן גראָד אים געוואָלט אָפּגילטן, ממש די כּפּרה געוואָרן נאָך אים.

איצט זאָגט: איז ער עפּעס זשעדנע? — פּשוט, ער האָט זיך מיט יענער ניט געוואָלט אַרײַנלאָזן ווײַט, נאָ סיניאָר, מחמת ער איז אַ דזשודעאַ, איר פֿאַרשטייט, וואָס דאָס האָט צו באַטײַטן; און אַחוץ דעם, ווײַל ער בכלל ניט אַ „פֿילאָדיאַפּוטאַ" פֿאַר אַ ווײַב, נאָר אַ כשר מיידל, וואָס זאָל זײַן אַ באַלעבאָסטע, צו גאָט און צו לײַט. ווײַל יענץ מין האָט ער שוין געהאַט איבערן קאָפּ. אָבער איינס מיטן דריטן איז ניט קײַן מחותּן. די איצטיקע כּלה זײַנע מוז אויך זײַן ניט עפּעס אַ כאַנצע פֿון לאַפּצעדראַק, נאָר אַ מיידל מיט אַ גימנאַזיע, אַ הײַנטוועלטיקע, וואָס קען אַ שמועס טאָן וועגן אַנאַטאָל פֿראַנסן ווען מ'דאַרף, אָדער האָט געלייענט דעם ראָמאַן דאָסטאָיעווסקי טאַקע אין רוסיש און זאָל זײַן אַן אויסגעשפּילטע, ווי מ'זאָגט. ס'מיינט, כאָטש זי האָט שוין עטלעכע ייִנגלעך פֿאַרדרייט דעם קאָפּ און געגעבן אַ פּאָר אָפּיצירן איבער די הענט, איז זי דאָך אַ קוראַנטע ייִדישע טאָכטער. ער ווייסט דען ניט, וואָס מ'מיינט דערמיט? וואָס־זשע דען, איז שוין אין שטעטל אויך אַרײַן יענע מגפה? ס'איז דאָך ניט פּאַריז?

אָט־אָ־די ברײַעניקשן זײַנע האָט ער אויסגעשיט אויפֿן טיש פֿאַר וועמען ס'האָט זיך נאָר געלאָזט: פֿאַרן טאַטן פֿאַר זײַנעם, פֿאַר גדליה דעם בעל־עגלה, פֿאַר דער מאַמען, די גדליהכע, פֿאַר די שדכנים און סתּם גוטע פֿרײַנד און האָט זיך ניט געפֿוילט, און ערגעץ אין אַ טיפֿן חצות, גייענדיק געאָרעמט מיט אַ האַלבער מאה מיידלעך, האָט ער זיי אויך, אין אַ גאַנץ איידעלן אופֿן, מעשה קאַוואַלער, וואָרט בײַ וואָרט אויסגעלייגט דאָס זעלבע און זיך מיט זיי אַוועקגעאַמפּערט דעריבער ביזן גרויסן טאָג אַרײַן. ער האָט אַפֿילו אָפּגעשניטן פֿון עטלעכע פֿון זיי, גאָר אויסגעפֿויגלטע און צופֿיל פֿאַרלייענטע אין די ביכלעך (וואָס ס'האָט זיי טאַקע, צווישן אונדז זאָל עס בלײַבן, פֿאַרשאַט צום פּנים. אַ רימער־מיידל וואָלט שוין אַזאַ נאַרישקייט ניט געטאָן. נאָ סיניאָר. יענע לייענען אַזוי, ס'זאָל צומאָל ניט אַ פֿינטל טאָן דאָס אויג, בלויז ווען מ'דאַרף עפּעס אַ יאָלד פֿאַרנאַרן אין אַ פּאַרק „וואַיביין". עפּעס איז ער דאָך שוין אויסגעווען אַ וועלט, צײַט געהאַט אַלץ צו וויסן).

דעם אמת געזאָגט, האָבן גראָד די גלאַט ניט נושא־חן געווען בײַ אים. זיי האָבן זיך ווי פּיאַווקעס צוגעזעצט און רק געוואָלט דערווײַזן, אַז מיידלעך, עמאַנציפּירטע, הײַנטוועלטיקע... עט, וואָס זיי האָבן דאָרט געהאַקט אַ טשײַניק... בסך־הכּל זײַנען זיי מיטן גאַנצן נאָר אויסן געווען... וואָס־זשע מ'דאַרף אים אַ פינ־גער אין מויל אַרײַנלייגן? ער ווייסט שוין, אַז ער קען געפעלן... דערצו האָט מען אַפילו ניט באַדאַרפט אויסזײַן אַ וועלט און דורכגיין אַזאַ חדר... אַז ער וועט אַפילו מיט די מיידלעך ווי ניט־איז אויסגעקומען, איז אים קלאָר ווי דער טאָג. און מיט טאַטע־מאַמע איז אויך קיין דאגה ניט. דער טאַטע וואָלט געוואָלט אַ באַלעבאַטיש מיידל, ניט פאַרריסן, ער זאָל זיך דאָרט פילן ווי אַן אָנגעוואָרפענער און דאָך צום גאַנג. ס'זאָל זײַן אַ ביסל געלט אויך. כאָטש דער זון האָט, קיין עין־הרע, זײַנס געבראַכט, וואַרפט מען זיך פאָרט ניט מיט קיין געלט, און קיין חסרון איז עס אַוודאי ניט — דאָס מיידל אַליין מעג אויך זײַן שיין אויפן ציפער־בלעטל. אַ פערד אַפילו, אַז ס'איז אַ חנעוודיקס, מיט גלאַטע באַקעס און אַ פושנער גריווע — לייגט זיך די בײַטש דערויף גאָר אַנדערש. אָבער בעיקר, זאָל זי ניט זײַן עפּעס אַ חולהטע, מיט אַ קרענק, ווי הײַנטיקע ווײַבער, וואָס פאַרפינצטערן דעם מאַנסביל די וועלט — אַ ווײַב מוז זײַן אַ ווײַב, מיט אַ באַלע־באַטישן הינטערן און אַ פון־פאָרנט... ווי אייגער באַגערט.

נאָר ווײַטער איז בײַ זיך גדליה אַ שווײַגנדיקער, ער שווײַגט אָפּ די טעג דורכאַנאַנד, פּאָרט זיך אַרום אויף דער קעלניע, וויאָקעט מיט די פערד און נאָר אויף דער פולער וואָך טוט ער אַ טשמאָקע מיט די ליפּן, ווי בײַם אָפּפאָרן, און מאַכט:

— „נו, בנאָק, ווו האַלטן מיר שוין אין וועג? — מ'דאַרף דאָך שוין „אָנפאָיען" (אָנטרינקען).

— „וועסט נאָך באַווײַזן צו זשליאָקענען, וועסט באַווײַזן"— קריכט אַרויס די גדליהכע פון איר זיץ לעבן פענצטער.

זי האַלט פון שבת בײַטאָג ביז טיף נאָך דער הבדלה דאָס אויג אויף דער גאַס. זי קוקט נאָך אַלע באַלעבאַטישע קינדער, ווען זיי גייען אויפן שפּאַציר צרויף. זי ווייסט, אַז זיי דרייען

זיך דאָס אומיסטן דורך איר פענצטער, וואַרפן זיך אין די אויגן אַריַין, זי זאָל זיי באַקוקן. וואָס פאַר אַ „נאַריאַדן" מ'נאַריאַדעוועט זיך אָן. איין גאָט ווייסט, ווו מ'נעמט געלט דערויף. אַ מין פאַרשיַיטקייט און אַ מין חציפות ביַים גיין! היַינט דאָס ריידן זייערס און דאָס אָנהענגען זיך אויף די בחורים! פשוט, מ'שלעפט ווער עס גייט נאָר אין אַ פאָר הויזן. זי, די גדליהכע, האָט קיין ציַיט ניט געהאַט ביז אַנומלט נאָכצוקוקן. געהאַט ביַילכערס אין זינען. אָבער איצט, אַז ס'איז פאַרלאָפן זיך אַזאַ זאַך, מ'האַלט אַ זון אין פאַרקנסן, וויל זי אים ניט פאַרטאָן אין דער בלאָטע אַריַין. מ'דאַרף גוט נאָכוועגן. וואַרפט זי איבער אַ ביסל סחורהס, איין מיידל נאָכן אַנדערן, באַטראַכט און מעסט אָפּ און באַטאַפּט ביז אין אַ ביינדל אַריַין. די איז צו מאָגער — און אַ מאַמען זאָל מען פרעגן, וואָס ס'הייסט אַ מאָגערע פרוי. מ'זאָל אָפּגעהיט ווערן דערפון. זי וועט מען מיט גאָרסעטן, קישעלעך און היַינטיקע שווינדלעריַיען ניט פאַרפירן אין באָד אַריַין — זי ווייסט צומאָל, וואָס עס טוט זיך הינטערן ליַיבלעכן העמד, פאַרלאָזט זיך אויף איר. און די איז אַ שלימזלניצע — און זי דאַרף זי אויך ניט אין דער משפחה.

זי דערקענט גליַיך וואָסער מיידל עס האָט קאָלטענעס ניט פאַרקעמטע האָר און טוט זיך, זיַיט־זשע־מוחל, אַלע רגע בגנבה אַ קראַץ, ווייַל ס'ביַיסט. אַזוינס, וואָס וויל זיך אַפילו נישט אויסצוואָגן דעם אייגענעם קאָפּ, וואָלט זי געטריבן אויף צען אייל. דערנאָך דאַרף מען זיך היטן פאַר אַ פאַרביסנס. טרעפט זיך — אויף דעם פּנימל אַ חנעוודיקס, מיט שוואַרצע אייגעלעך פרומע, מיט רויטע בעקעלעך — נאָר אַ ווערעמדיקס, אַזש נו! ריר מיך נישט אָן! אַזוינס איז קאַפּאַבל אַ מאַן אויסצוזאַפּן דער מאַמעס מילך. אַ נישט דערלעבן זאָל זי עס!

היַינט הייבט זיך אָן אַ סדרה מיט אויסבערענגערינס, צי גאָר „ניע ליודנע", ווי מ'זאָגט, אַ פאַררוקטע אויפן פּעקעליק ערגעץ, ביַי דער מאַמען אין פאָדערליק. אַ, ס'איז ניט גוט אַזוי? — איז אָבער אַ צו־צעלאָזענע, אַ ווילדע ציג אין גאָרטן נאָך טויזנט מאָל ערגער. און גראָד פון די האָט זי אויסצושטיין,

ווײַל זיי האָבן געפונען דעם וועג צו זייער קליאַמקע. אַ גאַנצן טאָג ווערט די טיר נישט פאַרמאַכט. איינע גייט, די צווייטע קומט. די אַרויס, די אַרײַן. מ׳האָט זיך פאַרלייגט אויף אים, אויף דעם זון, אויף חיימלען אויף אירן, אָדער, ווי מ׳רופט אים אויף דאָרטעריש: זשיימאַ. און די מיידלעך, גלײַך לייגט זיך זיי די צונג — אַ־נו, צי זי אַליין קען דאָס נאָכזאָגן. ס׳האָט זי׳ שוין געקאָסט געגוג מי — און די טשערעפּאַניעוועס, זיי זײַנען גלײַך מחותנים געוואָרן: „זשיימאַ, גייט איר מיט אונדז אין קינאָ? זשיימאַ, פאָרט איר זיך מיט אונדז הײַנט דורך אויף אַ בײַלע? זשיימאַ אַהין — זשיימאַ אַהער".

וואָלט זי זיי פאַרטריבן, ווי מ׳פאַרטרײַבט אַ זלידנע פליג, לאָזט עס זי ניט. הײַנטיקע צײַט מוז אַ בחור אַזוי זײַן. פערצן דעם קאָפּ פאַרדרייען און פון קיינער קיין צימעס ניט מאַכן— ערשט דעמאָלט קומט דערנאָך אַ שדכן און ברענגט אַ ווילד־פּרעמדע מציאה, דאָס אמתע אַנטיקל, דאָס אויסגעראָטענע קינד— און די אַלע מוידן בלײַבן מיט אַ לאַנגער נאָז.

ס׳איז אָבער גאָר ניט געזאָגט, אַז ס׳איז אַ חיוב פון אַלדע שוואַרצע יאָר, פון דער פרעמד. אַמאָל מאַכט זיך, אַז הינטער די פּלייצעס גייט נאָך שטיל דאָס גליק און מ׳ווייסט ניט דערפון. טאַקע דאָ, אין דער גאַס, וווינט אַן אַראָפּגעקומענע נגידיתטע און אַן איינאונאיינציק טעכטערל, אַן אויג אין קאָפּ, פון די גאָר־גאָר חריפותדיקע. אַ ברילֿיאַנט — ניט קיין פאַרזעסענע, חלילה, נאָר אויך ניט פון די מלופם־קינדער און אַ „קראַסאַוויצע", קען לייענען אַ בלאַט און ווייסט ווי מיט מענטשן אַ וואָרט צו ריידן. נאָר מכּוח נדן — שווײַגט מען צו.

אַוודאי, וואָלט אַזוינס געלט געהאַט, וואָלט זי זיך געמעגט דעם קיסר אָנביטן — איז אָבער ניט באַשערט. ס׳ברעכט ממש דאָס האַרץ צו זען, ווי מ׳לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט צו האַלטן פּאַסאָן, ווי זייער גראַד פּאַסט. דאַרף מען אויסנייעכצער — איז אויסצופּאָרן אַ וועלט. מ׳גייט אַרויס אין גאַס אַריין — אויף יעדער הערעלע אַ פּערעלע. און דאָס אַלץ פאַר אומזיסט ממש. קוים ביידע עקן צונויפגעבראַכט. פאַרשטייט

זיך, אַז קיין פּיפּס ניט. גאַס זאָל זיך ניט דערוועגן צו וויסן. נאָר ווירעמערט־וואָרעמערט ס'איז דערגאַנגען צו אים, צו גדליהן, און אַז ער האָט זיך ד'מינעט און האָט זיי אָנגעבאָטן אַ הלוואה, גראָד ווען ס'איז בײַ זיי געווען הימל עפּן זיך — איז ניט פּוסטע. ווײַזט אויס, אַז ער האָט גלײַך געהאַט אַ מיין דער־בײַ. און פאַרוואָס ניט? עס איז גאָרניט קרום. אַ טאַטע קאָן אַמאָל אויך קומען צום געזונטן שכל. און אַזוי איז ער טאַקע, מיט די ווערטער, אַרײַן דעמאָלט צו איר, צו דער גדליהכען, אין קיך אַרײַן:

— „דו קוקסט, זאָגט ער, אַמאָל אין הימל אַרײַן און זעסט ניט, שוטה איינער, וואָס לעבן דײַן דישל טוט זיך. אַקעגן וואָס איז עס צו רייד געקומען? כ'מיין אַקעגן אונדז אַליין. צו וואָס דאַרף מען זיך, צו אַלדע רוחות, דעם קאָפּ ברעכן, אַז בײַ פייגע־שרה פינקעלשטיין וואַקסט אַ טאָכטער".

— „ביסט משוגע, צי מטורף, צי נישט בײַ די ריינע גע־דאַנקען? צי ס'האָט זיך דיר געחלומט אין דער נאַכט, צי אין אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר? ווי קומסטו גאָר אויפן שכל?"

— „שאַ, שאַ, אַ פּיסק געעפנט, זיך צעהערזשעט אַ ביסל. האָסט אפשר דערשמעקט האָבער? הער אַקאָרשט אויס. לפנים לאָז זיך אויסזאָגן. כ'זויג ניט פונעם פינגער".

און אַז מ'האָט זיך אַזוי צעוויקלט און גדליה האָט גענומען דערציילן וואָס, ווער, ווען, איז געבליבן, אַז ס'איז טאַקע אפשר אַ גאַנג, ס'לאָזט זיך אַ רייד טאָן. לעולם דאַרף מען זיך מיט דער אייגענער סחורה נישט בראַקעווען. פּרײַז אויף מאַנסבילן שענערט זיך פון שעה צו שעה. און נאָך אַזאַ מאַנסביל. און הײַנט וואָס קען מען דערלייגן? אַ געניטער שדכן ווייס ווי אָנצושמעקן, און ווען ניט איז ניט, געקוילעט מיר די קאַפּאָטע. ווער שמועסט, אַז זיי ליגן נאָך בײַ גדליהן אין די הענט מיט וועקסלען, וועלן זיי גאָר אַנדערש דבּרן. צו קיין בזיון וועט עס חלילה נישט דערגיין.

און דערבײַ איז מען זיך צעגאַנגען און גענומען פירן דעם שידוך. ביז מ'האָט בײַם מיידל געפועלט, זי זאָל זיך לאָזן

אָנקוקן — אָן דעם גייט דאָך ניט — און ביז מ'האָט באַשטעלט אַ „סווידאַניע" (אַ זעעניש). עס איז אַ בוך צו פֿאַרשרײַבן. לסוף האָט מען זיך דערקלערט צו מאַכן עס קונציק. זי, דאָס מיידל, הייסט דאָס, האָט געטענהט, אַז ס'איז מעשה חוזק, ער, זשיימאַ, זאָל קומען ווי אַ חתן צו איר, וואָס זעט דאָס ערשטע מאָל די כּלה. גלײַך זיי קענען זיך חלילה ניט? נאָר מילא, מ'דאַרף דאָך דעם אָנשטעל, וועט זי זיצן אין דרויסן אויפֿן באַלקאָן בײַ דער היים און כּלומרשט אַרײַנקוקן אין אַ בוך, אָדער אַ גאַזעט (ניין, אַ בוך טאַקע בעסער). ער, זשיימאַ, וועט דאַרפֿן אונטער־קומען פֿון דער גאַס, ווי ניט אומיסטן, סתּם טאָן אַ פֿרעג איז דער וועלט אַרײַן, וואָס זי לייענט, און נעמען שמועסן. הײַנט־וועלטיקע קינדער איז מען דאָך, וועט מען שוין וויסן וואָס מ'האָט צו ריידן, און אָן דעם מ'זאָל זיך אַרויסזאָגן איבער ביכער, טעאַטער און פֿאַרשיידענע „ווזגליאַדן" (אָנשויונגען), געשיקט זיך דאָך ניט, מ'זאָל כאַפּן ברעכן טעלער. מענטשן זאָלן זאָגן, אַז מ'האָט געהאַט ס'אײַלעניש.

געהערט אַזאַ קלוגן מענה־לשון און צו דער זאַך, האָבן גדליה און די גדליהכע זיך שיר ניט צעשמאָלצן פֿאַר פֿאַרגעניגן. אָט דאָס איז כּדאַי צו האָבן פֿאַר אַ שנור. אַ מאַנסבילשן קאָפּ אויף זיך. און מ'האָט עס צוגעטראָגן זשיימען. האָט זיך ערשט אַרויסגעשטעלט, אַז ער ברעקלט זיך נאָך. ס'איז אמת, ווי אַ זשעדנער קאָטער איבער אַ טעפּל סמעטענע, אָבער אַ שווער לייענען איז עס מיט אים דאָך געווען. אַ גאַנצן שבת נאָכאַנאַנד געהאַקט מיט אים האָלץ, און נאָר צו פֿאַרנאַכט צו האָט מען אים כּמעט ווי אײַנגעביסן און ער האָט שוין האַלב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, זיך אָפּגעבעטן בלויז אויף אַ שפּאַציר, אָפּצוגעזעגענען זיך מיט די מיידלעך מיט זײַנע, ווי די גדליהכע האָט פֿון אים געטריבן קאַטאָוועס, און אַהין האָט מען אים געשיקט דעם קליינעם שליח, מודיע צו זײַן, אַז דאָס מיידל וואַרט.

זשיימאַ איז אַ פּאָר מאָל בגנבה דורכגעגאַנגען דורכן באַלקאָן, און אַז ער האָט זיך איבערצײַגט, אַז דאָס מיידל זיצט באמת און וואַרט — איז ער מיט אַמאָל געוואָרן פֿעסט און

אַ טראַכט געטאָן בחוריש: „כּל־זמן זי וואַרט, וועט זי במחילה טאַקע וואַרטן״ — און ער האָט, פּײַפנדיק אַ שפּאַניש לידל, פאַר־קערעוועט אין אַ צווייט אָרט אַרײַן.

אויף אַ הויכן גאָרן האָט יאָקל סעטשקאַרניקס מיידל אַרויס־געקוקט אויף אים. זי האָט אים נאָך אינדערפרי, דרך־אגב, אַרײַנגעוואָרפן אַן אַנצוהערעניש, אַז זי איז אויפדערנאַכט מיד און וויל ניט גיין אויפן שפּאַציר, נאָר בײַ זיך אויפן גאָרן זיצט זי אַליין און קוקט אָן די לבנה.

זי, די רויטלעכע טשאַרנע, מיט קלײַנע איבערן ברייטן און אַ ביסל מענלעכן פּנים, איז פון לאַנג געווען אַ מיידל פאַר אַלע. מיט אַנדערע האָבן בחורים מורא געהאַט צו פאַרטשעפּען. אַ קשיא אויף אַ מעשה—גלײַך באַרעדט דאָס שטעטל, באַלד מאַכט מען פאַר אַ חתן. מיט איר אָבער האָט מען ניט געהאַט וואָס מורא צו האָבן. זי אַליין האָט זיך קיינמאָל גאָרניט אײַנגערעדט, ניט גענומען שטאַרק צום האַרצן — און עפּעס האָט די גאַס אויך געלאָזט צורו. אַפילו דער פאָטער אירער, יאָקל דער סעטש־קאַרניק, וואָס פלעגט כּסדר טרייסלען דעם קאָפּ אין אַ זײַט אַרײַן, ווי ס׳פערד בײַם דרייען דאָס רעדל אין סעטשקאַרניע, ווען ס׳מאָנט דאָס פרישע סעטשקע, האָט אויך גאָרניט בדעה געהאַט צו פאַרטאָן זי אַזוי ביליג, מיט אַ יונגן שנעק, וואָס זוכט גרויסע נדנס. ער האָט געוווּסט, אַז זי וועט זיך גוט אויסזיצן, וועט זיך מסתמא צושאַרן צו איר אַן אַלמן, אַ ישובניק, און וועט מיט דער, חופּה פאַרדעקן אַלע חטאים. האָט ער דערפאַר אָוועקגעקוקט זײַן וועגס און געלאָזט זי לויפן. און זי, טשאַרנע, האָט דערפאַר געהאַט די חזקה אויף אַלע נײַסן, געקענט יעדנס צעבראָכן האַרץ געוווּסט, ווי אַ שטאָך צו טאָן, אַז ס׳זאָלן זיך אַזש פאַרהיילן די אַנדערע אַלע מכּות און ווייטאָגן, צי גאָר אַ חוזק טרײַבן, ס׳זאָל אַזש נמאס ווערן די וועלט און יענע וועלט.

און עס האָט צו איר געצויגן, ווײַל זי האָט מען געמעגט אַ קוש טאָן צומאָל, ווען אַנדערע האָבן זיך ניט געוואָלט לאָזן — אָדער פאַרקערט, דערענדיקן דאָס, וואָס מ׳האָט ערגעץ אַנדערש אָנגעהויבן. און אויך דאָס נאָר צוליב דעם, ס׳זאָל שפּעטער דאָס

גאַנצע מין מיידלעך נמאס ווערן ניט אויף אַ וואָך, נאָר אויף חדשים=לאַנג. און דעמאָלט איז מען שוין געוואָרן איר מענטש און איר צוגעהאָלפן שפּאָס טרײַבן: „כאַ, כאַ, דו האַלטסט פון מיר ווי פון אַ המוציא ברויט. ס'אַראַ פּוסנע ביסן, נאַר, וואָס האָסטו זיך צוגעכאַפּט? ס'איז עלעהיי אַ ברעטל מ'טאַפּט, אַ וואַנט להבדיל, שלימזל". — און דאָך האָט איעדער פון דער חברה שטילערהייט הנאה געהאַט און זיך אײַנגערעדט, אַז מיט איר האָט ער דאָס ערשטע מאָל געמאַכט אַן עראָבערונג אויף אַ מיידלס האַרץ.

זשיימאַ האָט זי געקענט פון די וויקעלעך אָן, העט=העט פאַרן פאָרן קיין בראַזיל. ווען ער איז נאָך אַ חדר=יונג געווען, האָט ער זי שוין כסדר געזוכט צו טרעפן אין די טיפע פינצטערע שטאַלן פון זײַן פאָטער. און זי האָט אויך מיט אים נאָך פריִער אָנגעהויבן. אפשר שוין דעמאָלט, ווען ער פלעגט איר אַפילו באָכשרײַען: „קלײַען, באַשפּײַען, דומענדייען" — און זי פלעגט זיך אַרויפוואַרפן אויף אים, צו צעגראַבלען מיט אירע נעגל, און פלוצים, שוין ליגנדיק אויף אים, זיך טאָן אַ צעלאַך און ווילד אים נעמען קיצלען אונטער די פאַכוועס.

און אָט די אַלע געשיכטעס האָט זי, טשאַרנע, אים געפונען אַ צײַט גראָד איצט צו דערמאָנען. דערבײַ האָט זי זיך אַליין געמאַכט אויסצודרייען: „זעסטו, אַן אויסוווּרף דערקענט זיך פון קינדווײַז אָן. אפשר האָב איך דיר גאָר דער ערשטער מאַנס געווען, כאַ, כאַ! כ'מיין, אַנדערע איז שפּעטער גרינגער אָנגעקומען. וואָס? נו, נעמסט זיך שוין אויסשטעלן? שוין געהערט, שוין געהערט. דאָס וועסטו דערציילן דער כלה דײַנער. שאַ נאָר, האָסט דאָך הײַנט געדאַרפט גיין זיך אָנקוקן, וואָס=זשע טוסטו דאָ? די מאַמע קען שוין זוכן דאָס מוזיניקל אירס. אַי, ס'וועט דיר ניט העלפן קיין אָפּלייקענען, ניט בײַ טשאַרנען!"...

און ער, זשיימאַ, האָט שוין פּשוט פאַר פאַרדראָס ניט גע= געוואָלט אַוועקגיין פון איר פריִער, איידער ער זאָגט איר אַרײַן, ווי ס'קומט איר, און זיך דערפאַר פאַרזעסן ביז טיף אין דער נאַכט, איר גערעדט אויף צופּיקעניש, זיך געחכמהט, אַז ער רעכנט

זי מיטצונעמען מיט זיך אין וועג אַרײַן, ווײַל אין אַרגענטינע ווייסט מען אַפֿילו מיט רויטע מיידלעך זיך אויך אַן עצה צו געבן, און געפֿרעגט צי זי וואָלט ניט וועלן נעמען אַ שוואַרצן... יענע איז ניט קיין חילוק וואָס פֿאַר אַ שמאַטע, אַבי אַ ווײַסע... איר געגעבן אָנצוהערעניש, אַז אַנדערע אין אירע יאָרן שעמען זיך מיט אַזאַ פּנים אין גאַס אַרויסצוּווײַזן, און ווי פֿאַרלאָזט מען זיך אַזאַ נאָז?.. און מיט די אַלע ווערטלעך איר דאָך ניט אָפּגעצאָלט צומאָל קיין העלפֿט דערפֿון, וואָס ער האָט פֿון איר געקראָגן.

דערווײַל איז די ערד אין מיטן גאַס אַלץ ווײַסער געוואָרן און געלעגן אַ פֿאַרשעמטע מיט איר ווײַסקייט אַקעגן פֿעלציקע כמאַרעס, אויסמושטירטע קעמלען אין הימל=מדבר און פֿון די הייכן האָבן זיך אַראָפּגעכאַפּט בלייכע געשפּענסטער, געקהלט זיך בײַ דער ווײַבערשער שול, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון די הײַזלעך צענדליקער יאָרן און אַרויסגעפֿירט צוריק פֿאַרזשמורעטע, ניט אויסגעשלאָפֿענע, אויפֿגעכאַפּטע שטערן פֿון פֿאַרצײַטן.

ער האָט ניט געוווּסט, ווי אַזוי זשיימאַ, נאָר אויך אים האָט מען אַראָפּגעוואָרפֿן אַ שטויס מיט יאָרן פֿון די פּלייצעס, און ער האָט זיך געפֿילט, ווי ער וואָלט עס נאָך געווען דער שמײַסער בײַ זײַן פֿאָטער, ער צוגלײַך מיטן צווייטן אָנטרײַבער, וואַנקע פּילשטשיק, דער שייגעץ, וואָס רעדט אַ טרייפֿענעם ייִדיש און פֿאַרמאָגט אײַזערנע פֿויסטן. אָט זיי ביידע האָבן דאָ אויף דער טאַלעקע אָנגעפֿירט אַ שײַקע יונגען פֿון דער שקאָצישער גאַס און געפֿירט מלחמה מיטן גבירישן מאַרק. אָט דאָ, פֿון די טרעפּלעך פֿון דער שול, האָט מען זיך אָנגערוקט צווישן טאָג און נאַכט, אַ שוואַרצע כמאַרע מיט גרודעס ערד אין בוזים און מיט גומענע קניפּעקלעך, געפֿירט פֿון אַ „דיאַדקע" און אַ קיסר. דאָס איז ער, זשיימא, וואָס האָט דעמאָלט געהייסן חיים בײַסטרוק, געווען, און געהאַט אָנצוברעכן די ביינער האָבן זיי אַ בן=יחיד הערשעלע צאַפּ, ווי זיי האָבן אים אַ צונאָמען געגעבן, וואָס איז געווען דער קאָמענדאַנט פֿון די רײַכע ייִנגלעך, די סאַמע תּלמוד=תּורה=יונגען. אָבער דעם הערשלען האָט מען קיינמאָל ניט געקענט מאַכן דעם פּסק, ווײַל ער פֿלעגט אונטערקויפֿן פֿאַר

אַ קערבל אַ חודש אַ געזונטן יתום, יענער זאָל פֿאַר אים אַוועקשטעלן אַ פֿלייצע.

נאָר איינמאָל האָט ער, חײמל בײַסטרוק, אים נאָכגעשפּירט מיט צוויי אַנדערע חבֿרה־לײַט און אים דערטאַפּט אין אַ פֿינצטער ליקל, האָט ער זיך צו אים אַזוי צוגערוקט, האַלטנדיק רציחה־אויגן אַראָפּ און אַ שנײַץ געטאָן די נאָז מיט צוויי פֿינגער: — „אויך מיר אַ מענטש! כ׳הער, דו שלעפּסט זיך נאָך נאָך טשאַרנען, כ׳וועל דיר די פּיס אונטערהאַקן, דו קאַרמאַנשטשיק" — און דערנאָך גוידערדיק צוגעגעבן: „טשאַרנע ווערט פֿאַר מיר די כּפּרה, הערסט? ווען כ׳טרעף זי אין אַ ווינקל אַליין, וואָלט איך איר אָנפּ... אין די אויערן. דו צאַפּ איינער".

און אַז הערשל האָט זיך גענומען גלעטן זײַנע פֿליסענע הויזן און זיך צעלאַכט פֿון דער חכמה, האָט עס אים, חײמען, אַ ברי געטאָן אין אַלע כּלים און ער האָט פֿון זיך אַרויס אים דערלאַנגט אַ פֿאַרפֿאָר אין די שיניים, אַז אַ ליפּ האָט זיך גלײַך אויפֿגעשפּאָלטן און גענומען נעצן רויט — אָבער ער האָט אַ שלעכטן חשבון געמאַכט, חיים, און פֿאַרזען, אַז הערשלס צד איז אויך דאָס מאָל געווען שטאַרקער און מ׳האָט אים רעכט צום צעטל געשטעלט, פֿאַרהאַקט אַן אויג און די נאָז אַזוי צעפּלעטשט, אַז ס׳איז אים פֿאַרבליבן אַן אײביקער סיניאַק אויף איר, אַ „קאָזיע", ווי חבֿרה האָט עס גערופֿן, אַ ציגענע באָבקע. אָט דער סיניאַק איז עס געווען, וואָס האָט שפּעטער אַזוי אויסגענומען בײַ אַלע שאַנסאָנעטקעס אין בראַזיל.

נאָר הערשל צאַפּס ליפּ איז אים אויך ניט גלאַט אַראָפּ. מ׳האָט אים אָנגעהויבן רודפֿן, אַ שטאָט מיט מענטשן. ביז טאַטע־מאַמע האָבן אים געמוזט פֿאַרשיקן פֿון די אויגן אַוועק. האָט מען אים באַשטעלט אַ ווײַס פּיקייענעם גאַרניטער, ווי אַן אַמעריקאַנער, צונויפֿגעשלאָגן אויף אַ שיפֿסקאַרטע און געהייסן אַריבערשטעלן דעם ים.

געפֿאָרן אים באַגלייטן זענען די צוויי שכנים און קרובֿים: יאָקל סעטשקאַרניק און שמערל קאַשקעטניק. פֿאַרוואָס גראָד זיי?

ווײַל מ'האָט זיי געהאַלטן פאַר „ביוואָלע" מענטשן אין דער משפּחה, אויסגעפּאָרענע אַ וועלט און פאַרדינט דעם נאָמען האָבן זיי זיך כּשר. גלײַך נאָך זייער בײדנס חתונה, אָראָפּגייענדיק פון קעסט, האָבן זיך יאָקל און שמערל געוואָלט צעפירן די הענט אין מסחר. אַ ביסל געלט פונעם נדן איז נאָך געווען, האָבן זיי זיך אויפגעזעצט און אַ פּאָר געגעבן קיין יאַרמעלינעץ, צונויפגעשטעלט אַ קראָם שניט־סחורה און עס געפירט אַהיים. מיט דער אָקס איז צו ווײַט — איז מען געפאָרן מיט דער באַן. געפאָרן איז מען לאַנג און ווייל מ'האָט פאַרגעסן זיך צו פאַרזאָרגען מיט עסן, האָט מען געכליאַנעט. פלוצים האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין וואַגאָן אַרײַן דרײַ חסידיש־אָנגעטאָנענע לײַט, איידעלע פּנימער און גאָר־גאָר צוגעלאָזטע מענטשן. וואָס שייך צו ריידן — דאָרט, ווו תּורה... ווײַזט אויס, אויך פון אַ פײַן הויז, ווײַל מ'האָט געהאַט מיט זיך מכּל־טוב און ווי אומיסטן צעפּעקלט פעטן געענדזענעם קאַלבאַס און לעבערלעך און אַפילו אַ קעלישקל בראָנפן גענומען, גאָר בהרחבהדיק, און גערופן די צוויי מיטקומען עסן.

— „אַך, פאַרוואָס ניט? מיטן גרעסטן פאַרגעניגן".

און ביידע האָבן זיך אַזש באַלעקט. סטייטש, גאָט שיקט צו אַזאַ מציאה. האָט אָבער דער עלטערער חסיד, ווײַזט אויס, גאָר אַ פרומאַק, גענומען דרייען מיט דער נאָז: „נו אָ, עפּעס אָן נעגל־וואַסער? יידן זאָלן עסן אומגעוואַשן?..

— „גערעכט באמנות" — און יאָקל מיט שמערלען האָבן זיך אַ ביסל פאַרשעמט און געלאָזט אין דעם וואַשצימערל אַרײַן די הענט באַנעצן. שמערל צוערשט און יאָקל האַרט הינטער אים. אָבער, ווי אויף צולהכעיס, איז ניט געווען קיין וואַסער צו געפינען, כאָטש טו דיר אָן ווייס איך וואָס. האָט שמערל, דער כיטרערער פון זיי, זיך דערטראַכט: „ווייסטו וואָס? מירן זיי באַקלערן און זאָגן, אַז שוין געוואַשן, האַ? און זאָלן זיי גיין דערווײַזן, אַז ניין".

— „אַוודאי, אַ ייד אַ למדן גיט זיך אַן עצה. אַט אַזוי וועלן מיר זיי פירן אין באָד אַרײַן, נאָך אַ מין פירן".

אוןביידע האָבן זיך אַ ווײַל געזוימט אין קאָרידאָר, עס זאָל ניט אויפפאַלן עפּעס, און דערנאָך צופרידן, וואָס ס׳וועט זיי אַזוי גרינג אָנקומען יענעם אָפּצונאַרן, זענען זיי אַרײַן צוריק צו זיך. מ׳פאַרשפּאָרט מסתמא שוין צו זאָגן, אַז איידער וואָס־ווען זענען דערווײַל די „חסידים״ מיטן ביסל שניט־סחורה אויסגעוועז די צײַט — און פאַרפאַלן.

פון דעמאָלט אָן איז יאָקל געוואָרן סעטשקאַרניק און שמערל — קאַשקעטניק. אָבער אין שטעטל האָבן זיי זיך שוין פאַרדינט זייער נאָמען. און זיי האָבן טאַקע אין דעם זכות זשיימאַן באַגלייט צום פאָרט.

אַוועק פונעם שטעטל איז מען דעמאָלט מיט אַזאַ לוויה, באַגלײַך מ׳וואָלט געפירט געוואָרן אויף יענער וועלט. די וועלט האָט זיך געוויגט. סטייטש, אַ קינד פאָרט אָפּ קיין בראַזיל. מאָרגן זעט מען אים ווידער? ווער ווייסט, וואָס ס׳וועט פון אים דאָרט ווערן? מ׳קען וויסן, וואָס ס׳וואַרט אויף אים אין דער גרויסער וועלט? שונאים האָבן פאַרגעסן אין דער שנאה. פרײַנד האָבן פאַרגאָסן טרערן. עגונות זענען געקומען איבערגעבן גרוסן צו מענער, קינדער האָבן געשיקט בילדער זייערע עלטערן, וואָס זענען שוין מי יודע וויפיל יאָר אַוועק מיט די געביינען אינעם טריפענעם לאַנד, און דער שטעטלדיקער מילנער, אַ ייִד אַ בלײַ־כער, אַ פאַרמעלטער ביז אין די אָדערן אַרײַן, האָט, ווי כּסדר, מיט גוואַלד געצוווּנגען אַלעמען צו נעמען די גלעזלעך בראָנפן און טרינקען איינמאָל און נאָכאַמאָל אַ לחיים פאַר אַמעריטשקע און פאַר דעם גאָלדענעם לאַנד, פאַרן פּרעזידענט.

ער האָט מיטן גאָלדענעם לאַנד געהאַט אַ באַזונדער חשבון: צוויי זין האָט ער אַהין אַוועקגעשיקט און צוריק באַקומען פון זיי טויטע גרוסן און געררירט געוואָרן פון זינען, און זינט דע־מאָלט טרינקט ער בײַ יעדער געזעגענונג. און מיט אים האָט גדליה גענומען ניט איין גלעזל און זי, די מאַמע, האָט אויך וויינענדיק און צעטאַראַמט איבערגעקערט עטלעכע און מיט־אַמאָל שיכּור געוואָרן. און אַז ס׳איז געקומען אויף דער הייסער מינוט, בײַם אָפּפאָרן, ווען ווײַבער האָבן געחלשט און יעדער

האָט זיך חיימלען געהאַנגען אויפֿן האַלדז, האָט מען דער מאַמען ניט געקענט געפֿינען און ער האָט געמוזט אַוועקפֿאָרן אַזוי, אָן איר.

געפֿאָרן איז מען אין אַ האַרבסטיקער, קליינשטעטלדיקער נאַכט. די בלאָטע האָט געגרייכט ביזן גאַרטל אַרײַן און די רויטע סטורקאַטשן, אָנגעצונדן אין די עקן פֿון די קאַרעטעס, האָבן פֿון נעפּל אַרויסגעדעכעט, ווי בלוטיקע יאַטערס אויף מכּות. דער ערשטער וואָגן האָט געפֿירט דעם באַגאַזש, פֿול געפּאַקט מיט אַלטע קישנס און קאָלדרעס. אינעם צווייטן האָט מען אים געפֿירט מיט זײַנע באַגלייטער.

די רעדער זײַנען געזונקען איבערן קאָפּ אין טינטערלעך, שיר אַן אַקס ניט צעבראָכן. דערנאָך האָט געפֿעלט אַ האָר, מ'זאָל עמיצן איבערפֿאָרן, און ווען־נאָך? — טאַקע די מאַמען. צעקאָכט פֿונעם איבעריקן טראָפּן, וואָס זי האָט גענומען, איז זי אַוועק זוכן אַן אַלט תּפֿילין־זעקל, וואָס זי האָט אויסגענייט פֿאַרן זון און באַהאַלטן אויפֿן בוידעם, גדליה זאָל זיך ניט דערוויסן, און דערפֿאַר פֿאַרשפּעטיקט דאָס אָפּפֿאָרן. און מיט אירע מאַנסבילשע שטיוול פֿאַרלאָפֿן דעם וועג די קאַרעטעס, ביז זי איז שטעקן געבליבן אין אַ קאַלוזשע, אַזוי טיף, אַז מ'האָט זי ניט אַרויסגעזען. נאָר דער שמײַסער, וואַנקע, וואָס איז געגאַנגען פֿאַר די פֿערד אָנצוטאַפּן אַ סטעזשקע, האָט זיך אין איר אָנגעשלאָגן. תּחילת האָט מען געמיינט, אַז ס'איז גאָר פּראַסקיכע די שיכּורטע, ווײַל זי איז געווען פֿאַרשוווּמען ביז די אויגן אין קויט. און אַז מ'האָט זי דערמינטערט, האָט צום וויינען און קושן ניט גענומען קיין סוף.

און אַז מ'האָט זיך אָפּגעטשעפּעט פֿונעם שטעטל און זיך דערשלעפּט מיט צרות צום פּאָרט, האָט ער, חיימל, אַ דערשלאָגענער אַרומגעכאַפּט זײַנע צוויי שטאָטס־לײַט, געקוקט אויפֿן צעבורעטן ים און אויף די רעווענדיקע שיפֿן און ס'איז פֿון אים זיך ניט געווען אָפּצורײַסן. שפּעטער איז ער צו זיך געקומען און אַרויסגעוויינט צו יאָקלען: „און גיט מיר איבער אײַער טשאַרנען אַ גאָר פֿרײַנטלעכן זײַ־געזונט"...

זי איז דעמאָלט געווען דאָס אײנציקע מײדלשע פּנים, וואָס איז אים נאָכגעשווּוּמען פונעם שטעטל.

אין דער שטילער חצות=גאַס איז געעפנט געוואָרן אַ טיר. אַן אַלטער ישובניק, וואָס איז די עלטערע יאָרן איבערגעוואָרפן געוואָרן צווישן ייִדן, האָט זיך פאַרבענקט אַ געניץ צו טאָן אויף פרישער לופט, איז ער אַרויס אין די הוילע תּחתּונים, אַ דרײ געטאָן זיך אַהין און צוריק און דערזען דעם בראַזיליאַנער מיט טשאַרנעץ אין אַזאַ פּאָזע, ווי נאָך קײנמאָל ניט. האָט ער געטאָן אַ שפּײ אויס, זיך אָפּגעווישט מיט דער זשמעניע דעם ליס אויפן פאַרהויבענעם קאָפּ צום הימל און אַ מאַך געטאָן אין דער הויך:

„פּכע, נעכט=יקע ט=טעג".

דערבײַ האָט סיניאָר זשײמאַ זיך דערמונטערט פון זײַן תּאווה און מיט אַ טיאָכקענדיק האַרץ אַ שפּרונג געטאָן די טרעפּ אַראָפּ און זיך געלאָזט אַהײם אָן אַ זײַ=געזונט.

אין דער הײם איז שוין געווען אָנגעשטעלט דער סאַמאָוואַר און געזאָטן, פּונקט ווי גדליה און די גדליהכע. בײדע האָבן די נאַכט קײן אויג ניט צוגעמאַכט. שוין פון לאַנג האָט מען זײ צוגעטראָגן די שײנע נײַסן מיטאַמאָל: אי דאָס, וואָס דער זון האָט פאַרשעמט נעבעך אַ ייִדיש מײדל אַ יתומה און געלאָזט זי זיצן אומזיסט און אומנישט, אי דאָס, וואָס ער האָט מיט דער רויטער מויד דעם סעטשקאַרניקס אָפּגעטאָן, אַז ס'ווילט זיך אַזש אויף אים ניט גלויבן, ער זאָל אַזוי זיך געווען באַשפּעטן.

די גדליהכע אָבער האָט נאָכן גאַנצן פּעס ניט פאַרגעסן צוצושטעלן פאַרן זון אַ גלעזל טײ מיט אַ מאָן=קיכל, נאָר געפלאַמט האָט זי און געשאָטן פּעך=און=שוועבל אויף די מוידן, די פּאַסקודסטוועס, וואָס האָבן זיך פאַרלײגט נעבעך אויף איר שטיקל נחת און ווילן אים פאַרשוואַרצן די יאָר — און אינמיטן האָט זי זיך אָפּילו ניט אײַנגעהאַלטן און געטאָן אײנוועגס אַ שפּיל אָפּ טאָקע דער אלמנהס טעכטערל אויך. וואָסי=וואָס? וואָס האָט זי אַזוי מורא צו האָבן פאַר יענער? געהערט אַזאַ גדליהניצע? פּי—טי—טע. ס'פאַרלויפט זיך אַזוינס אויך מיט בילכערס פון

איר. וואָס-זשע דען? נים אומזיסט זענען דאָך היינט חתנים עפּעס אַ ווינטשפּינגערל. איז מה רעש, טאָמער בריקען זיי זיך אַ ביסל? זי האָט אויך מיידלוויַז אָפּגעווישט די ליפּן און שאַ. זי איז אויך געווען ביַי זיך אַ געפּועלטע און דאָך געמוזט לאָזן אירס איבערגיין. קאַרג האָט זי זיך אָנגעווייַנט אין אירע יאָרן? מ'דאַרף וויסן, ווי מ'ווערט אויסגעריסן און מ'באַקט בייגל. ס'קומט גאָרניט אָן אַזוי גרינג. איר איז ער, חיימל, אויך ניט גרינג אָנגעקומען, און דאָך מוז זי אים איצט אָפּגעבן אַ ווילד פרעמדער, וואָס האָט אויף אים ווייניק וואָס געהאָרעוועט, קנאַפּ בלוט פאַרגאָסן.

אָבער גדליה האָט זיך ניט געוואָלט לאָזן. ניין, אַ צו „סאַמאָסטאָיאַץ" איז ער געוואָרן, דער בן זיַינער, אין דער פּאַנסקע בראַזיליע. ס'איז עפּעס שווין מיט אים גאָרניט צו ריידן קיין וואָרט. וואָס איז די גדלות אין אים? ער איז דאָך פאָרט ניט מער ווי גדליה-בעל-עגלהס אַ זון, און ווי לאַנג איז עס, אַז דער טאַטע האָט אים צעקנעפּלט די הויזן און געמאַכט אַ „מי שברך" אויף דעם נאַקעטן זאָדיק, האַ? היינט זאָל ער זיך אַזוי בריקעווען? ס'איז גאָרניט פאַר אונדזער שפּאַן אַזאַ ספּאָלאָשעטער לאָשעק. אַ צו אַלטע קאַרעטע פאַר אים. און היינט, אַז מ'וויל טריַיבן שטיק מיט אַ נקבה, מוז דאָס גראָד זיַין יאָקלס? אַ ליַיבלעכן מענטשן אַזוינס טאָן? האָט ער זיך ניט געקאָנט אויסקלייבן אַן אַנדער שקאַפּע? פון דער זעלביקער קאָריטע עסן און דערנאָך דאָרט מיסטיקן? ער מיינט, ס'וועט גלאַט אָפּגיין?"

דערהערט אַזאַ זידעניש אין שטוב, האָט זשיימאַ פאַרשטאַנען, אַז ער איז מיאוס אַריַינגעפאַלן. האָט ער אָבער נאָך געוואָלט באַוויַיזן, אַז ער איז ער און שוויַיג געטאָן: „אַז ס'איז טאַקע יאָ אַזוי, וויל איך מיר גאָר היינט אַ פאָר טאָן קיין טשערנאָוויץ. איך האָב דאָרט אויסצובייַטן גראָב געלט און כ'וויל מיר לאָזן אַ ביסל ווויַלגיין, וויַיט פון טאַטע-מאַמע און מוידן, וואָס דערגייען מיר די יאָרן. טאַטע וועסט, זיי-זשע מוחל, מיך היינט פירן צו דער באַן און נעם ניט מער קיין אַנדערע פּאַסאַ-

זשירן. דאָס פּאַרט דײַן זון, ווי ס'איז הײַנט „פּרימאַפּײַראַ" (זונטאָג) אויף דער וועלט. און איך בין גראָד בײַ זיך אַ מיוחס און אפשר פּאַר איך עס אַ חתן ווערן פּאַר אַ טשערנאָוויצער פּיסטעקראַטקע. האַ? עס שטייט מיר ניט אָן? אַלע ווילן נאָך פּאַר מיר די כּפּרה ווערן. ס'ט'זען, וואָס זשיימאַ קאָן. שפּילסט זיך עפּעס מיט בראַזיליע? נאָ סיניאָר".

און מ'איז מיטן גאַנצן קנאַק אָפּגעפּאָרן אינעם בײַטאָג. באַלייגט מיט עטלעכע גלאַנציקע וואַליזקעס, אָנגעטאָן אין אַ געקעסטלטן אָנצוג מיט אַ גראָבן ציגאַר אין מויל און אַן ענגליש וועלאָסיפּעדן-היטל אויפן קאָפּ, האָט זשיימאַ זיך צעזעצט אויבנאָן און דער פּאָטער האָט אָנגעשמיסן — און שטאָט האָט תּיכּף דערפּילט, אַז ס'איז ניט פּוסטע מיט דעם בראַזיליאַנער. ער פּאַרט אַוודאי אַ חתן ווערן פּאַר אַ מיליאָנטשיקס אַ טאָכטער.

אָבער ווי נאָר זיי זענען אַרויס די שטאָט און ס'האָבן אָנגעהויבן ציִען זיך נאַקעטע פעלדער און שטומע דעמבעס לענגאויס דעם וועג, האָט גדליה אויף דער קעלניע אָנגעהויבן ווידער קרעכצן:

— „פּאַפּאַשע, אפשר אַ סיגאַרעט? נעם פּאַרזוך אויך אַ ביסל פון גן-עדן".

און דער זון האָט אים אַרײַנגעשטעקט אַ גראָבן סיגאַר אין מויל אַרײַן אויף איבערצובעטן.

— „דער סיגאַר דײַנער קאָסט מיך גוט געלט" — האָט גדליה זיך ניט געלאָזט.

— „וואָס פּאָר אַ געלט, פּאַפּאַשע?"

— ס'הייסט, וואָסערס? מיינסט, איך קריך אַזוי גיך אַרויס מיט די ממתּקים, וואָס כ'האָב אַרײַנגעבאַקט בײַ פּייגע-שרהן, ווײַל געמיינט הײַנט מאָרגן ווער איך אַ מחותּן?"

— און „לעטערס" (וועקסלען) האָסטו?" — האָט זשיימאַ זיך אויפגעשטעלט אויפן זיץ — „לעטערס האָסטו? הער די וועלט אין טראָק, ס'וועט זײַן „קאַבאַסאַ".

דערהערט אַזאַ טערקיש לשון פונם זון, האָט דער פאָטער צעטומלט זיך אַ דריי געגעבן, ווי איינער רעדט: פריש, געזונט און משוגע — און אַ טרײַב געטאָן אין וואַלד אַרײַן.

פלוצים האָט פון דעם פאַפּישויע-שליאַך געגעבן אַ הייב אויף זיך אַ הייכער שייגעץ אין אַ טשערקעסקע, מיט אַ פּאָר געלע גלאַנצנדיקע כראָם-שטיוול און אַ האָריקער „פּאַפּאַכע" אויף זיך. ער האָט זיך צו זיי דערנענטערט, ווי ער וואָלט געהאַט אין זינען צו נעמען זיך צו אַ קאַזאַטשאָק, מיט די הענט פאַרלייגט אין דעם קינדזשאַל-גאַרטל און מיט פּײַפנדיקע ליפּן. כוואַטסקע האָט ער זיך אַ שטעל געגעבן מיט צעשפּרייטע פיס אַקעגן די פערד און אַ מאַך געטאָן מיט אַ הויך-ברוסטיקער שטים עטוואָס שיכורלעך:

— „זדראַיעם-זשעלאַיעם, גדליה, פּירסטו, הייסט עס, דײַן זון, ווילסט איך זאָל אים אָנקוקן? טאָ קומט דאָך דיר מזל-טאָפ".

און ער האָט רויִק אַרויסגעצויגן זײַן רעוואָלווער, אַ גלעט געטאָן זײַן נעזל, ווי בײַ אַ פאַרסמאַרקעט זינדל, מיט אַ פעסטער האַנט אײַנגעהאַלטן דעם דישל און אַרויסגענומען די לייצעס בײַם דערשראָקענעם גדליהן פון די זשמעניעס.

— „וואָס איז, חיים, דערקענסט מיך ניט? איך האָב דאָך דיך געפירט צו דער באַן קיין בראַזיל, איך, וואַנקע פּילשטשיוק. נישקשה פון אַ קאַוואַלער ביסטו אויסגעוואַקסן. אָבער ווּעסט דאָך מיך נאָך דערקענען. ס'קומט מיר עפּעס בײַ דיר אַרויס. גיב אַהער מײַן חלק. אַזוי פיל אויף דיר געוואַרט דאָ".

— „פּאַפּאַשע, וואָס וויל דער פאַיאַץ? פּאָר ווײַטער".

און ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף די הינטערשטע פיסלעך און מיט דער האַנט געקראָכן אין די הויזן-קעשענעס אַרײַן, ווי עס כאַפּן זיך געוויינלעך בראַזיליאַנער צום רעוואָלווער. אָבער פּילשטשיוק איז נישט נתפעל געוואָרן פון אים, נאָר אַ מאַך געטאָן צו גדליהן:

— „פע, גדליה, סקאַזשי יעמו, זאָג אים, ער זאָל ניט זײַן קיין דוראַק. געווען אין בראַזיל און שטעלט זיך אַקעגן פּילשטשיוקן? איז שיין אַזוי?"

און ער האָט כיטרע אַ טרייסל געטאָן די באָמבע, וואָס איז געהאַנגען אויף זײַן זײַט.

— „נו, נעם אַרויס וואָס דו האָסט, גיב אַהער. אַז דו ווילסט ניט מיט גוטן. שטעל אַרונטער די וואַליזקעס".

דערנאָך האָט ער אויסגעקערעוועט די פערד אין שטעטל, אַרײַן צוריק און באַפוילן שפּאָטיש:

— „איצט פלי, פאַרקלאַג מיך צום שעף. קענסט אים נאָך טרעפן, איידער ער פאָרט אָפּ אין דאָרף אַרײַן, און גריס אים אין מײַן נאָמען. אַ טי, חיימקע, ס'צווייטע מאָל זאָלסטו אין בראַזיל מער שכל לערנען און קענסט אויך מיר געלט ברענגען. ס'שאַדט ניט. וואַנקע וועט אויף דיר וואַרטן".

און ער איז מיט אַ פריי לעך הוכקען דערטרונקען געוואָר אין די פּאַפּישויעס.

געטראָפן האָבן זיי ביידע טאַקע דעם שעף פּונקט ווי וואַנקע האָט זיי אויסגעלייגט, גרייט צו פאָרן אין דאָרף אַרײַן. ער האָט זיי באַגעגנט מיט אַ באַליידיקט שמייכעלע און אַ זאָג געטאָן רומעניש:

— „טשע, גדליה, מ'האָט דיך באַנומען ?" —

— „פּר—ריק, ווייסט שוין דערפון ?" — האָט גדליה אַ נבהל־דיקער אַרויסגעשטאַמלט.

— „אַ שעף ווייסט אַלץ, זשידאַן" — און ער האָט זיך צופרידן פאַרקאַטשעט מיטן גראָבן פינגער אַ שפּיץ וואָנסע.

— „סיניאָר... פּאָס פּאַפּאָר... בראַזיליעראַ... עטראַנזשייראַ... שעף דע פּאָליסיאַדאַ..." — איז זשיימאַ אַרויס מיט לשון.

דער שעף האָט מיט ניט פאַרדעקטן ביטול זיך אָפּגעווענדט פונעם פינענדיקן בראַזיליאַנער און אַ מאַך געגעבן צו גדליהן:

— פּראָשטולע, ניטש נאַ אינוואַצאַט אַקאַלאָ לאַ דינסע לאַ בראַזיליאַ, סע וואָרבעשטע ראָמאַנעשטע קום סעקאַדע. וועז ? אפּאַי שע סעפּאַק ?" (אַזאַ פּראָסטאַק אַפילו ניט אויסגעלערנט זיך דאָרט בײַ זיך אין בראַזיליע צו ריידן רומעניש ווי ס'באַדאַרף צו זײַן, זעסט ? וואָס־זשע קען איך טאָן ?).

— „פריץ״ — האָט בײַ גדליהן זיך אַרויסגעכאַפּט אַ פּאַר־קלעמטער בויך־געשריי — „ס'איז דאָך אַ רציחה, פּריץ, אַזוי באַנעמען? אויף די עלטערע יאָרן? ס'מוז דאָך זײַן מיט אַ דרך?״— און ער האָט זיך ווילד גענומען קלאַפּן מיט די קולאַקעס אין קאָפּ אַרײַן.

— „אַסקולטע, זשידאַן (הער, יידליק)״ — האָט דער שעף זיך עפּעס גערירט — „סעפּי קומינטע, דוטע אַ קאַסע שי טאַש דינגורא, אַי אוזיט? (זײַ ניט קיין נאַר, גיי אַהיים און מאַך אַ שווײַג. האָסט געהערט?).

און ער האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

אַ צעפּאַרבטער, ווי אָפּגעשמיסן, איז גדליה אַרויס פון שעף און זיך געלאָזט אַהיים, זינקענדיק אין די בלאָטעס, וואָס האָבן דאָ ניט אויסגעטריקנט אַ קיילעכדיק יאָר. ער האָט שווער גע־שפּריצט מיט זײַנע שטיוואַלעס און פאַרפלעקט דעם זון זײַנעם, וואָס איז פּאַר אים אַרומגעשפּרונגען, גלײַך ווי אַ יונג קעלבל געשמיסן איבער די קנעכלעך.

— „פּאַפּאַשע, נו, וואָס־זשע וועט איצט זײַן מיט מיר? וואָס וועט זײַן? —

— „וואָס האָט דען צו זײַן? וואָס וועסטו דען זײַן?״ — האָט גדליה צעטראָגן זיך געפּעסט — „אַ שמײַסער וועסטו זײַן... יע... יע... אַ שמײַסער... נאָך וואָס פּאַראַ...״ —

.1934

מאַסן־קוואַרטיר...

— „ווּעסטו קומען נעכטיקן צו מיר ?" — האָט נאָטע געפרעגט.

— „יאָ, ערשט אַרום צוועלף" — האָט מאַרי קוים־קוים געלאָזט מיט אַ וואָרט באַרירן אירע בלאָע אויסגעטריקנטע ליפּן און אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ צו דער בלאַסער אויפגייענדיקער נאַכט. אַ לאָמפּ אויפן ראָג האָט אַ שווערן אָטעם געטאָן און אויסגעגאַנגען צווישן די פאַרשמירטע שײַבעלעך פונעם לאַמטערן, און זי האָט נאָך פאַרכאַפּט זײַן לעצטן גוססדיקן בליק און אים פאַרטראָגן מיט זיך אין אַ ליקל.

נאָטע האָט זיך געלאָזט אַהיים, מיט אַ פאַרדערעטן קאָלנער אין טרײַבנדיקן ווינט און מיט אַ נודנעם זשום אָפּזעצעכטס פונעם צעקלויצעטן שטאָט־טאָג.

די ברייטע טויערן פון אַרום האָבן דערווײַל אויסגעטרייסלט בײַכיק־צעליאַפּעטע ווײַבער, און ווי פאַרסמטע שטשורעס, זײַ געלאָזט טראַמפּלען אויף בלאָטיקע טראָטואַרן. פונעם נאָענטן מאַרק האָבן אויסגעדייווערטע אַלטע זיצערינס, אָפּשניצלעך פון שימעלדיקע צײַטן, געשלעפּט קוישן אויבס אויף די קוואַרע רוקנס און אַרײַנגעשריגען אין די אויערן פון חלל ביטערע קללות און זידלערײַען פון אָנצייענערדיקע יאַסלעס.

און צו אים, צו נאָטען, האָבן זיך אַלע מאָל צוגעטשעפּעט אַנדערע פאַרזעעניש, וואָס האָבן ווי פלעדערמײַז אָנגעניוכעט די נאַכט: קראָכמאַלעטע זונה־פּנימער, גרייטע אָפּצושפּרעכן דעם יצר־הרע פאַר אַ פּאַפּיראָס, שיכורע הענט פון קרעטשמע־געסט און סתם אַלטע אויסוואורפן, גרינע פון לאַנגן ברעכן הינטער

אַ פּליטל, ביז ער האָט אין זײַן שווייסיקן גוף דערפילט שווער בלוט, קרעציק און פאַרפּעסטעט, שווענקען די אַרטעריעס און זינקען אין טיפענישן פון שטאַרע פּיס.

מיט אַן אַלץ וואַקסנדיקער מורא האָט ער באַטראַכטן דעם אײַנגאַנג צו זיך אין הויף. אַ שאַרפער זויער־געשטאַנק האָט פון ווײַטע קעלערס אַ זעץ געטאָן אין זײַן נאָז אַרײַן, ערגעץ־ווו האָט אָפּגעהאַקט און מאָנאָטאָן געזעגט דאָס שטומפּיקע קול פון אַ לונגען־קראַנקן, אַ יונגען שוחט, וואָס האָט געחזרט מיט אַ ניגון „הכּל שוחטין” און אײַנגעוויגט פון דעם לערנען, האָבן בײַם טויער שטייענדיק געדרעמלט צוויי בחורים און אויף זייער גאַנץ לעבן אײַנגעזאַפּט די אָוונט־קעלט אין רויטע בלוטיקע פליאַמעס אַרום די אויגן.

צווישן אָנגעוואָרפענע פורגאָנעס אויף אַ הויכער קופּע ליים האָט אַ צעשויבערטע גאַליציאַנערין זיך געראַנגלט מיט איר חתן, עפּעס הייזעריק געטענהט, געוועדט זיך, פאַרכליסנעט, באַלד אויף האַלב זיך נאָכגעגעבן און פאַרקנוילט געוואָרן אין חשכות.

נאָטע האָט זיך גיך דורכגעשלייכט דורכן הויף און אַ לאָז געטאָן די טרעפּ אַרויף. פון אַן אָפענער טיר איז אים אַנטקעגן אַרויסגעקראָכן אַ געדיכט־געפּאַלענער שאָטן און נאָך אים האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ טרוקענער דאַר־לײַביקער בחור אָן אַ העמד אויף זיך. ער האָט געטראָגן אַ לאַנגן אַ בעזים און אַ ליכט אין זײַנע הענט און זיך געיאָגט נאָך שפּינען און טאַראַקאַנען, וואָס האָבן שוין מיט זייער בלוט די ווענט רויט געמאַכט. דער בחור האָט זיך מינוטנווײַז צוגעהערט צום זידן פון אַ ספּירט־מאַשינדל אויף זײַן טיש, אינמיטן אַלעמאָל געטאָן אַ דריגע מיט די פּיס, ווי דערפילנדיק עפּעס אונטער די פּיאַטעס, און דערנאָך מיט הנאה געטונקט דעם בעזים אין אָקרעפּ. טרינקענדיק דאָרט די געפּאַקטע שרצים.

נאָטע איז פון אים אַוועק צו זיך אין חדר אַרײַן. אַ שפּאַניש ווענטל האָט אים אָפּגעטיילט פון די אַרומיקע צימערן, אַ ווענטל, וואָס האָט מיט איין זײַט געשפּאָלטן אַ פענצטער און מיט דער צווייטער זײַט זיך אָפּגעגעבן אויף עולמות. דורך אָט

דער צווייטער זײַט האָבן פּאַזע פינצטערע בוידעמער און חרובע דורכגענג זיך געריסן פאַרשיידענע אומעטיקע טענער, הייזעריקע זייגער־קלאַנגען, סקריפּענדיקע מעבל־קרעכצן. פון ערגעץ אַ שפּאַ־רינע האָט דאָרט אַ קוק געטאָן אַ שכנס אַן אַלקער. אויף אַ דרײַ־פוס־בענקל איז געזעסן אַ ייִד פאַרטיפט אין חשבונען. זײַן קאָל־טענעוואַטע באָרד האָט זיך פון זיך אַליין געטרייסלט און גע־וואָרפן אַ געשפּענסטיקן שפּור אויף דער וואַנט, אויף וועלכן ס'האָט געלויערט אַ קליין שמוציק ייִנגעלע מיט אַן אָפענער דלאָ־ניע. אין אַ ווינקל האָט זיך אַן עלטער מיידל געריבן די אָפּגע־וויאַנעטע באַקן מיט אַ פעט שמירעכץ און פאַרדרייט די צעפּ אויף פּאַפּירלעך מיט האָרנאָדלען. שפּעטער האָט זי מיט כעס אויסגעקוועטשט קליינע ווײַסע פרישטשיקלעך פונעם פּנים.

פון דער שטילקייט האָט זיך פּלוצים אַרויסגעשיילט אַ בייז געשריי, פון די זײַטיקע חדרים, אינאיינעם מיט אַ נערוועזער פוס־טופּערײַ און אַ הוסטן. גאָטע האָט זיך קאַלטבלוטיק אײַנגע־הערט. ער האָט שוין דאָס געשריי פון לאַנג אָפּגעוואָרט:

— „פאַרפּעסטעטע שרעטל דו, טפו! איך וועל דיך גלײַך פאַרקלאָגן פאַרן הויז־באַזאָרגער. געזען אַזאַ ייִדישע חוצפּה?

דאָס האָט אַ קריסטלעכע אַלמנה פון איר חדר־אַרויס אָנ־געשריגן אויף אסתרקען, דעם ייִדנס קינד, ווײַל זי איז שעהנווײַז איבערגעלעגן בײַ די שפּאַרינעס און זיך אונטערגעקוקט, וואָס בײַ די שכנים קומט פאָר.

דערוואַכט פון די געשרייען, האָט דער אַלטער ייִד אויפגע־הויבן אויף זײַנע אויגן אַן אויסגעלאָשענעם בליק און זיך גע־בעטן בײַ זײַן אסתרקען:

— „קינד, אַז מ'זאָגט דיר, זאָלסט ניט קריכן צו דער מרשעת. דער שונא־ישראלטע, דער... ס'אַן עבירה כלעבן אַפילו צו שטיין אין אירע טרייפענע ד' אמות. אָבער אַנו, פועל עס בײַ קינדער, אַנו. עך, גאָטעניו"...

און ער האָט פאַרביסן אַ ליפּ און רעזיגנירט זיך אונטער־געגעבן די ווײַטערדיקע געשרייען:

— „וואָס פּלאַפּלט ער דאָרט, דער פאַרפּלוכטער יודע, אויף זײַן ציגײַנערשער שפּראַך, בלוטזויגער!"

קיינער האָט פּאָר גרויס טומלעניש ניט באַמערקט, ווי ס'האָט זיך צעפּראַלט די טיר און אַ שאָט געטאָן אַ הויפן קישנס און קלימעקלעך און מיט זיי אַ נידעריטשקע יידענע אין אַ בור־נוס און שטיוול. די יידענע האָט אָנגעהוקעט אין די הענט, אַרײַנקומענדיק, און גענומען קרעכצן, בײַם לויפן פון דער הרובע, ווו זי האָט אַרײַנגעלייגט שפּענדלעך, צו דעם קאָמאָד, און פון דאָרט צוריק, ביז זי האָט אַ וואָרף געגעבן איר לעדערנעם בײַטל אויפן טיש.

— „אַ קרירה, סכּנת־נפשות, לכל הפּחות עפּעס געלייזט?"— האָט דער ייד איר צוגעוואָרפן מאָגערע מיטלײַד־ווערטער, ווי אָפּגעגריזשעטע ביינער.

— אַזאַ יאָר אויף מײַנע שונאים" — האָט די יידענע אים אַרויסגעגעבן רעשט, אַ זיפץ געטאָן פון די אײַנגעפאַלענע יאַסלעס און אויף איר פּנים האָט אויפגעטליעט דער גאַנצער צאָרן פון פאַרקריוודעטן מאַרק:

— „נו, וואָס, כאָטש געוועזן שטיל אין שטוב?" — האָט זי געלאָזט אַ ווונק מיטן אויגל אויף דער קריסטלעכער זײַט.

— „אַ גוטער שטיל. אַנו, פּרוווו מיט איר שטיל לעבן".

— „שאַ, שאַ, פּתח שין" — האָט די יידענע אויף גיך פאַר־פּאַטשט די פּיסקעס דערשראָקן — „די ערלטע איז מבין. סאַראַ גאָלדענע נשמה זי איז! מ'וועט דאָך אונדז אויף צוויי שפּענד־לעך אַרויסטראָגן פון דאַנען! אין הײַנטיקער צײַט? גולמות, וואָס איר זענט! כ'שרײַ באַלד גוואַלד אין אַלע גאַסן. קום נאָר אַהער, אויסוווּרף איינער" — האָט זי אַ שלעפּ געטאָן די קליינע אסתר־קען בײַם שויבער און איר אײַנגערוימט שטילערהייט: — „נעם אַ שטיקל געפילטע פיש און טראָג אַרײַן דער ימח־שמוניצע, זאָל זי זיך אָנפרעסן. זי האָט ליב יידישע מאכלים. גאָטעניו, טאַטע זיסער, ווי לעבט מען אויף דײַן וועלטעלע אין אַזאַ גלות, האַ?"

און זי האָט אַרויסגעפּראַוועט דאָס קינד מיטן טעלער פיש

פּוּנעם חדר און אַליין געלאָזט זיך צו דער עלטערער טאָכטער, איר באַהילפֿיק צו זײַן בײַם פּוצן זיך, כוואַטסקע צעשפּילעט דעם שמוציקן בוזעם און אַרויפֿגעשאַרט דאָס שטערנטיכל איבערן פּאַרוק, כאַפּנדיק אַלעמאָל אַ נײַגעריקן קוק אין שפּיגל, ווי ניט ווילנדיק.

— „אַז נאָכוואָס דאָס גאַנצע שמירן, טו נאָר אַ קוק! און דו, פּעסע־ריווע העלפֿסט איר נאָך גאָר? איז עס ניט קיין בוז־ובזיון אין אַ ייִדיש הויז, פֿרעג איך דיך, האַ?" — און דער ייִד האָט זיך אויפֿגעהויבן, הויך צעגענעצט, פּאַמעלעך אַראָפּגעשלעפּט די שטיוול פֿון די פֿיס, דערנאָך די קאַפּאָטע און זיך מיד אַ וואָרף געטאָן אויף דער סטערטע־קישן, וווּ ס'האָט נאָך פֿריִער האַלב־זיצנדיק פֿאַרוואָרפֿן מיטן קאָפּ דאָס קליינע ייִנגעלע זײַנס, און ער האָט זיך אויסגעצויגן לעבן דעם זון זײַנעם, פֿלאַטערנדיק מיט אַלע אבֿרים, לאַנג געשלעפּט אַן אָטעם פֿון דער פֿאַרפֿעדערטער לופֿט, דערנאָך זיך גוט אויסגעקראַצט די גאָמבע און זיך פֿעסטער צוגעלייגט צום שלאָף, ביז ער איז אַן אײַנגעטעכמערעטער פֿאַרגאַנגען אין אַ בלײַערנעם שנאָרכן און כאָרכלען מיט פֿאַרלייגטע האַלדז־סאָפּילקעס.

דערווײַל האָט זיך אסתּרקע אומגעקערט פֿון איר שליחות אָנגעפּיקעוועט מיט סודות. צוגעגנבֿעט זיך נאָענט און עפּעס וואָס אײַנגערוימט דער שוועסטער און דער מוטער אין אויער אַרײַן. זיי האָבן זי מכלומרשט ווי אָפּגעטריבן פֿון זיך, נאָר לאַנג ניִשט געקענט גובֿר זײַן דעם אייגענעם יצר־הרע און געכאַפּט בגנבֿה אַלע מאָל אַ קוק אין דער שפּאַרע פֿון דער אלמנה, אָנשרײַענדיק מיט אַ האַלב מויל אויף אסתּרקען:

— „ס'איז ניט פֿאַר דיר, קינדעניו. גענוג, וויפֿיל איז דער שיעור? דער טאַטע וועט באַלד אין כּעס ווערן".

— „דער טאַטע שלאָפֿט שוין".

— „ער שלאָפֿט? וויי איז מיר און ווינד!" — האָט זיך געכאַפּט די מוטער. — „ניט געבעט און ניט אויסגעטאָן? אָט אַ פּוילישאַק". — און זי האָט זיך געלאָזט אַפּירשלעפּן פֿון אונטער אים דאָס בעטגעוואַנט.

צוביסלעך האָט זיך געלאָשן דער טשאַדענדיקער דרייער־קאַניק, אַוועקגעשווומען מיט דער טונקלקייט אין אַ טאָנלאָזן גערויש פון שטאָק־פינסטער. שטיל און פאַרמאָרעט איז געהאַנגען די נאַכט מיט צעבראָכענע פליגלען אויף דער נאַסער שויב. אַ טרוקן וואָיען פון אַ הונט האָט מיטגעשלעפּט דעם לויזן מוח אין ווּיסטע סטעפּיקע זומפּן, אין אַ הפקרדיקן ניט־זײַן. ס'האָט גענאָגט די שווײַגנדיקע טיפקייט, דער אָטעם פון צונויפגעפּרעסטע ברואים מיט זייערע קאָשמאַרלעכע חלומות און אויסגעהונגערטע צעחושטע פאַרלאַנגען. און ס'האָט שווער־שווער גענאַכטעוועט. — — —

פּלוצים האָט, ווי אַ נאַקעט ווײַס לײַב אויף אַ פינצטערן תּהום, אַ בלאַנק געטאָן אַ שײַן אין אַן אַנטקעגנדיקן פענצטער. אַ יונגער בחור האָט זיך דאָרט אַהיימגעקערט אין זײַן חדר אַרײַן, גענומען אַרומדרייען צווישן די קאַלטע ווענט, געדראַפּעט זיך אויף בענקלעך און אויף קאַסטנס און עפּעס געזוכט אין דער שאַפע. ניט געפינענדיק גאָרנישט, איז ער אַ מידער געבליבן אינמיטן דערינען זיצן. פון זײַן בלייך פּנים מיט דער צעשויבערטער האָר־פּאַטלע האָט אָפּגעבליאַקעוועט אַ שיטערער שאָטן, וואָס האָט געבלאָנדזשעט אין חדר, הונגעריק צוגלײַך מיט זײַן האָר, ביז עס האָט זיך, ווי פון זיך אַליין, דערהערט אַ ברומיק געזאַנג:

— „און קיין געל—ט—ט איז אַלץ ניש—ט—אָ—אָאָ—אָאָ—אָאָ— —".

— „לאָזט אונדז רוען, מיר דאַרפן שלאָפן, שלאָפן" — האָבן זיך דערהערט דראָענדיקע קולות פון די נאָענטע קעלערס, און זייער עכאָ האָט מוראדיק אָפּגעציטערט און לאַנג געוואַנדערט אויף די טרעפּ, ווי אַ פאַרקלעצערטער פּאָליציסט אין אַ שטורעמדיק געוויטער. דערשראָקן האָט דער בחור אָפּגעבראָכן זײַן ברומען, אַ מינוט־לאַנג געפלאַטערט, גלײַך די קולות וואָלטן צו אים געקראָכן אויף שאָרכנדיקע שלענג, דערנאָך האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער קאַנאַפּע, פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט משונהדיק געבויגענע פינגער און געבליבן פאַרשטאַרט ליגן.

און ווי קרומע צעבויגענע פינגער, האָבן איבערן טונקעלן חלל צעהוידעט זיך ניט־געזועגנע אומרועו און צעשאָטן מאָנאָטאָנע קלאַנגען פון אַ צעדרויבלטער צייט: איינס, צוויי, דריי — די אַנדערע ניין קלאַנגען האָבן איינגעשלונגען די פריערדיקע.

— „אָט איצט וועט מאַרי קומען" — האָט נאָטען אַ צוויק געטאָן אין די קישקעס ביים דערמאָנען זיך, און דער אָטעם איז אים שווערלעכער געוואָרן, געצויגן צו דער דיל.

ער האָט זיך פאָרגעשטעלט: עלעהיי זי איז שוין אַריינגעקומען. אין דער חדרדיקער געלבלעכקייט איז אַלץ היימלעכער, לעבעדיקער געוואָרן. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו הערן. נאָר אַרום־ און־ אַרום האָט זיך ווי אומיסטן פאַרצוימט אַ שטילקייט. פון טיפע קעלערס האָט אַ קעלט געצויגן אין אַלע עקן, אַ שווערע קעלט פון אַ הארבער פאַרב־געשטאַנק. אויף דער וואַנט האָבן זיך אויפגעדעקט צוויי ראָבע פלאַטשיקע וואַנצן און געקראָכן צו די סופיט־ווינקלען און אויף זייערע פלייצעס איז לאַנג און עקשנותדיק נאָכגעקראָכן די צייט איבערן פעט־קאָלירטן, קויטיקן שפּאַליר.

ביז די טיר האָט זיך אויף דער וואָר געטאָן אַן עפן־אויף און מאַרי איז אַריין, געמאַכט עטלעכע דריבנע טריט און געבליבן שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. ווייסע שעמעוודיקייט האָט געבליט אין אירע בלייכע אויסגעמאָגערטע באַקן און אַ דינער ווינטער האָט זיך פון איר אָפּגעשיידט, ווי פון פרילינגדיקן ווייסן צוויט. נאָטע האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף די שפּיץ נעגל צו איר, אָנגענומען זי ביי דער טאַליע. איר קאַלט מענטעלע אויף די פלייצעס האָט ניט אַדורכגעלאָזט די קערפּער־וואַרעמקייט און ער איז דערפאַר גייציקער געוואָרן און געפּרוווט איר אַראָפּשלעפּן די קליידער פון די אַקסלען, נאָר זי האָט זיך אָוועקגערוקט פון אים, דערשלעפּט צום בענקל און אַראָפּגעלאָזט זיך דערויף פאַרטראַכט און טרויעריק.

— „נו" — האָט נאָטע פאַרדומפּן אַרויסגעאָטעמט — „וואָס וואַרטסטו?"

די שטים האָט אים געוואָרגן אין דער קעל. אים האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז פון אַלע זײַטן בוירען זיך אײַן די שוואַרצע ניט־געזעענע אייגעלעך פון אסתרקען מיט אַ קאַלט שפּעטעלע, און ער האָט אויף גיך פאַרלאָשן דאָס ליכט, זיך אַוועקגעזעצט און גענומען אַראָפּציִען די שיך, אינדערמיט זיך געכאַפּט אַראָפּציִען אַן אַרבל, דערנאָך האָפערדיקער געוואָרן, אַראָפּגעוואָרפן דעם זשילעט, די שעלקעס, דאָס אייבער־העמד און געבליבן אין הוילע הויזן. ער האָט געכאַפּט אַ קוק אין איר זײַט אַרײַן און דערזען אַ גרינעם פּאַס, וואָס האָט זיך געצויגן פון ערגעץ ווײַט, נידערן און אויסגיין אויף איר. זי איז געלעגן אײַנגעקאָרטשעט און פאַרדעקט מיט די שמאַטעס, וואָס זי האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן, און זיך ניט גערירט. ער האָט אַ נעם געטאָן איר נאַקעטן אָרעם, געוואָלט אים אַ ציִ טאָן צו זיך, אָבער גלײַך פאַרלאָרן די לוסט און געזאָגט שטיל:

— „וואַרט, וועל איך אויסבעטן, ווערט אונדז וואַרעמער ווערן" — און ער האָט איבערגעצויגן די קאַנאַפּע מיט אַ לײַלעך, אָפּירגעשלעפּט אַ וואָלענע האַריקע קאָלדרע מיט אַן אַלטן מאַנטל.

— „איצט לייג זיך" — און ער האָט אַראָפּגעלאָזט פון זיך די הויזן און אַרונטער אונטער דער קאָלדרע, זיך אײַנגעדעקט, דערנאָך זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג לעבן איר.

— „עך, סאַראַ קאַלטע פּיס דו האָסט" — האָט ער אַ בורטשע געטאָן און זיך אָפּגערוקט צו דער וואַנט.

אַ קאַלט בלײַ פון אַ צעיוירענער לבנה האָט אַרײַנגעטריפט דורך דעם פלאַטשיקן פענצטערל און געקאָוועט די אויגן מיט שווערן שלאָף. ערגעץ־ווו האָט אַ שטינקענדיקער בענזין־מאָטאָר אַרויסגעלאָזט דעם לעצטן צעטרענטן אָטעם און די הײַזער־בלאָקן, אינעם פאַרשאָטנטן חלל, זײַנען פאַרשטאַרט אָנגעוואָקסן מיט נאַכט, געפּרעסט די אָפּט וואַך־ווערנדיקע אויגן מיט זייער מאַסיווער שאָטנדיקייט און געפינצטערט אין חלום אַרײַן.

פלוצים האָט ווי אַ ציטער זיך דורכגעטראָגן — אַ פײַער? אַ ווינט? אַ רעגן? אַ גרויל האָט זיך אײַנגעשניטן אין דער לופט, אַ נאָגנדיקער אומרו. נאָטע האָט זיך אויפגעכאַפּט און

אַרויסגערוקט אַן אויער פון אונטער דער קאָלדרע, זיך איַינגעהערט, תּחילת פאַרחידושט, דערשראָקן, הייסבלוטיק, דערנאָך עטוואָס קאַלט־בלוטיקער. ס'איז אים צו ביסלעך אָנגעקוואָלן אַ קלאָרקייט אין זיַינע חושים. ער האָט דערפילט אין זיך אַריַינקריכן אַ געוויין, אַן אַ קול, עפּעס אַ וואַנזיניק מרוקען, ווילד און האָריק, ווי פון קליינע הינטעלעך אַרום אַ צויג אין אַ רעגן־נאַכט.

אין די פאַרשיידענע חדרים האָט זיך אויפגעהויבן אַ גערודעריַי, אַ טומלעניש. אין שכנישן יידישן צימער איז מען שוין געווען אויף, אָנגעצונדן ליכט. דערנאָך האָט זיך צעשאָטן אַ געלויפעריַי אויף טרעפּ, אַ סטוקעריַי מיט טירן. וואָס איז געשען?

מאַרי האָט זיך אויך אויפגעטשוכעט און מיט איר האַנט אָנגעקלאַמערט אין נאָטעס נאַקן.ביידע האָבן ליַיכט געפּרעסטלט. דאָס געוויין האָט זיך פון זיי דערוויַיטערט, שוואַכער געוואָרן, אויסגעגאַנגען, באַלד אויפגעפלאַקערט אין קאָרידאָר, נעענטער צוגערונען, גאָר נאָענט, ווי אין די אייגענע פיר ווענט, ווי אין די אייגענע אָדערן, ווי אין עפּעס אַן אייגענעם פיבער. באַלד האָט עס דיַיטלעך זיך דערטראָגן פון יידישן צימער און פון אַ פרעמד מויל.

נאָטע האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ בליק דורך אַ שפּאַרינע. אין דער אָפענער טיר דאָרט האָט זיך באַוויזן אַ קאַלך־בלאַס געזיכט, צעשויבערט, שמוציק. די אַלטע פּעסע־ריווע מיט איר טאָכטער האָבן דאָס אַריַינגעפירט אַ האַלב־געחלשטן בלייכן יונגנמאַן צו זיך אין חדר אַריַין, אַוועקגעזעצט אים אויף אַ שטול און צוגערוקט צו אים אַ ליכט. ביַי דער שיַין איז ליַיכט געווען צו דערקענען אין פּנים דעם בחור, וואָס האָט אָקאָרשט פריִער געזונגען ביַי זיך אין צימער. ער האָט איצט מעכאַניש געשלונגען דאָס וואַסער, וואָס מ'האָט אים געשטופּט אין די ליפּן אַריַין, און געבליבן אין דערמיט מיט אַ צעעפנט מויל. דער אַלטער ייד האָט זיך אין די הוילע גאַטקעס געשאָקלט איבער אים און אויסגעפרעגט:

— „וואָס, חלילה ניט מיט אַלעמען? אפשר הונגעריק? האַ? וואָס־זשע דאַרף מען זיך דאָס שעמען? מ'איז דאָך צווישן יידן,

ברוך השם" — און דאָס הויזגעזינד האָט אים געקוקט אין דער מינע אַרײַן.

דאָס עלטערע מיידל איז געשטאַנען האַלב נאַקעט אַ ביסל אין דער זײַט, איר האַנט איז געווען אויסגעשטרעקט און ווי ניט ווילנדיק געפּלאָנטערט זיך אין בחורס טשופּרינע. זי האָט גע־הערט איר פאָטערס רייד:

— „וואָס שייך וואָס, ס'טגישט פאַרפאַלן ווערן. קענסט דען ניט קריגן אַ שטיקל אָנשפּאַרעניש? אַ באַלעבאַטישן שווער? וואָס־דען, וואָס? האַ?" — און ער האָט זיך בהרחבהדיק געגלעט די באָרד און פאַרגלאָצט די אויגן מחותנדיק, משפחהדיק.

— „וואָס־דען, וואָס־דען" — האָט פּעסע־ריווע אונטער־געשמעלצט אירס — „מ'וועט דיך אָנווארעמען אין אַ משפחה. וויפיל איז דער שיר צו ווינען איינער אַליין, שלאָפן אָן אַ שמירה, גאָטעניו, האַ?

דער בחור האָט ניט אויפגעהערט צו ציטערן, זײַנע אויגן זײַנען ווילד אַרויסגעשפּרונגען פון זייערע לעכער און באַלד צוריק אַרײַן, ביז ער האָט אַ רעווע געטאָן: — „אוי, כ'האָב אַזוי מור—רא, פ—פאַר זיך — מור—רא —— פ—פ—אַר"...

— „נו, נו" — האָט אים געגלעט די יידענע — „נאַרעניו, וואָס פאַר אַ מורא? פּוסטע חלומות, ביסט דאָך שוין קיין עין־הרע אַ דערוואַקסענער מאַנסביל".

און דערנאָך האָט זי אַ ווונק געגעבן צו דער טאָכטער:

— „וואָס זאָגסט ניט עפּעס? בעט אים אויס בײַ אונדז. קוק ניט אַזוי, ער איז גאָרניט אַזאַ שפּעטנע בחור, בנאמנות ווי ניין. ער וועט צומאָרגס זיך שוין מענטשלען, נישקשה. בעט אים אויס. וועסט זען, גלײַך קומט ער צו זיך, ווי מיט דער האַנט, ס'אַ בחורשע קרענק".

דאָס מיידל האָט שעמעוודיק אויפגעהויבן אירע אויגן, כדי אָנצוקוקן דעם בחור, און זיי זײַנען געבליבן שטעקן אויף זײַן האָריקער צעכראַסטעטער ברוסט, ווי אויף אַ מציאה, וואָס האָט זיך פאַרוואַלגערט אונטער די הענט. די מוטער און דער פאָטער זײַנען צוריק אַרײַן אין זייערע געלעגערס.

אַלע האָבן זיך געלאָזט איילנדיק אָניאָגן דאָס פאַרזוימטע שלאָפן און שנאָרכן, נאָר ביי יעדן שנאָרך האָט דער בחור אַ ציטער געטאָן און זיך געהויבן פון זיין זיץ. דאָס מיידל האָט אים געוואָלט נעמען ביי דער האַנט, עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט זיך פּלוצים אויפגעשטעלט, געטאָן איין שפּאַן און אַ צווייטן און אַרויס ווי געיאָגט פון חדר.

נאָך זיין אַנטלויפן האָט די קליינע אסתרקע אַרויסגערוקט דאָס קעפּל פונעם בעטל און אַ מאַך געגעבן שפּאָטיש:

„עך, סאַראַ ווילדע בריאה דאָס איז, האָסט געזען?"

מיט אַ שווערן קרעכץ האָט דאָס עלטערע מיידל אַרויס־געשטעקט איר האַנט פונעם ליידיקן בעט און פאַרלאָשן דאָס ליכט. און ווען דער פלאַם האָט זיך אַוועקגעטראָגן פונעם קנייט, האָט ער באַגעגנט אַ נעפּלדיק־גראָען באַגינען נעצן אויף די שויבן. אַ קעלט האָט אַרומגעכאַפּט די אָפּגעדעקטע קערפּערס און נאָטען האָט באַהערשט אַ טרויער, וואָס האָט געצאַנקט אינעם שאַריען. ער האָט אַרויפגערוקט אויף זיך און אויף מאַרין די קאָלדרע און פאַרזונקען אין אַ שווערן ״לאָף, וואָס האָט געשווילט אין רויש פון אויפשטייענדיקע מענטשן.

1931.

ברעג-ייִדן

טאָג נאָך טאָג האָט דאָס פֿלאַטשיקע פאַסאַזשיר-שיפֿל אַרומגערינגלט דעם שלענגלדיקן קאַנאַל און געלאָזט זײַנע קרײַזלען רויִק זיך פֿלאָנטערן אין די ברעג-וועלדער און טיפֿע פֿאַרבויגענע הימלען.

אין דער לופֿט האָט נאָך ווינטערדיקע ווײַסקייט געציטערט אינעם ווייען פֿון זילבערנעם ווינט. פֿרילינגדיק האָט זיך שוין אָבער אויסגעגרינט די לאַנדשאַפֿט מיט אירע פֿאַרסקאַלעטע און פֿאַרכוואַליעטע האָריזאָנטן. בײַ די ברעגן פֿון דער פֿאַרטראָגענער ווײַט האָבן עלנדע ווילעס זיך געטוליעט צו סאָסנע-אַלייען און אַהין פֿאַרשטעקט זייער ווײַסן סוד און בלויז די בריקלעך פֿון זיי זענען געבליבן ווי אויסגעשטרעקטע הענט אויף וואַסערן, צו פֿאַרנאַרן דאָס בלאָנדזשענדיקע שיפֿל.

צומאָל האָט עמיצער אויסגעשטיגן. אויף גיך האָט דער מאַטראָס דערנאָך צוריקגעשלעפט דעם אָפגעטשעפעטן שטריק און מיט אים אָפגעצויגן געוואָרן ווײַטער.

אַז דער טאָג האָט זיך געזעצט, רויט געיאַטערט צווישן די בוימער און צעשפאָלטענע דאמב-סילועטן און פֿלעקנווײַז געשאַרלאַכט אין די פאַליעס, איז דאָס שיפֿל צוריק אין שטאָט אַרײַן, פֿול באַזעצט מיט די פאַסאַזשירן, וואָס זענען זינט באַגינען געווען צעשאָטן אויף די אינדזלען.

אין די קאַיוטעס האָט געבערענט אַ פֿאַרנאַכטלעכער שמועס וועגן זומער-וווינונגען, וועגן וועטער און מעטעאָראָלאָגישע פאָראויסזאָגונגען. ס'רוב פאַסאַזשירן איז געווען גענייגט צו גלויבן,

אַז ס'וועט הײַער שפּעט זומער ווערן, אויב מ'וועט איבערהופּט מעגן רופן די צײַט מיטן נאָמען זומער. מ'האָט אַרויסגעזאָגט מיינונגען, אַז ס'איז כּדאַי איבערצוּוואַרטן אין שטאָט נאָך אַ וואָך, צוויי און אפשר טאַקע אַ חודש אַ גאַנצן און זיך גוט אַרומקוקן איידער מ'לאָזט זיך מיטן גאַנצן געפּעק אין אַ דאַטשע אַרײַן, ווײַל מ'איז גאָרניט באַוואָרנט פון אַ פרעסטל, אַ רעגן אָפּגעשמועסט, און אויף יעדן פאַל דאַרף מען הייצן, ניט קאַרגן קיין האָלץ. הייצן איז אַ סגולה אַקעגן אַלע מזיקים.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז מ'האָט אויך ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט פון זאָגן אַ וויץ, אַ ביסל לשון־הרע איבער עטלעכע ווײַבער, וואָס דרייען זיך שוין אַרום הויל און בלויז בײַם פּליאַזש „פאַר היץ", מ'זאָל עס אָפּגעהיט ווערן... עטלעכע אַלטע רכילות־ניצעס אין ווינקל האָבן אַפילו געוווּסט צו דערווײַזן, אַז אין אַלעמען זענען די „אָריענטאַלישע" פרויען שולדיק. מ'האָט זיך אויך געעצהט, ווו ס'איז בעסער צו דינגען אַ זומער־וווינונג, אויף מערב־ צי מזרח־זײַט פון קאַנאַל? צי איז ווערט אַליין צו באַלעבאַטעווען אָדער אַרײַן אין אַ פּענסיאָנאַט? וועלכע ווילעס זענען ריין בתכלית הריינקייט און וועלכע זענען פול, ניט דאָ געדאַכט, מיט וואַנצן, פלײי און להבדיל אַנדערע ניט־געוווּנטשענע עלעמענטן. און אַזוי ווײַטער.

די פענצטער־פײַערלעך זײַנען דערווײַל איבערגעשפּרונגען געענטער און נעענטער צו די שטאָט־ברעגן און די שטאָלענע שיף־פליגלען, פאַרשניטענע אין ים, האָבן אויף זיך געטראָגן אַ קאַלט אייגל פונעם נאָרד־שטערן, געדרוקט זיך דערמיט אַקעגן רויטע צעבראָכענע שײַן־סלופּעס, צעהוידלטע איבער כוואַליעס, אָפּגעשפּיגלטע פון די האַפן־לאַמטערנעס.

שטאָט איז געוואַקסן מיט שוואַרצע מטושטשדיקע קאָנטורן, פאַרריסן אין דער נאַכט אַרײַן און מיט צעגעסענע פאַליעס פון ווינקענדיק־פאַרשאַרטע רעקלאַמען־שלענג. ערגעץ־ווו האָבן פון די שאָטנס אַפּיר אַרויסגעטויכט מעוועס, זיך געצויגן צו דער לופט און אין זייער פלי געפליגלט שטיקער פרייד, ערדענע, שטיינערנע, ימיקע.

אַז דאָס שיפֿל האָט זיך דערשלעפּט צו די ברעגן, זענען אַלע פּאַסאַזשירן אַרויס, זיך געלאָזט אין דער טונקלקייט אויף גיך, ווער צום טראַמוואַי און ווער צו אַן אויטאָבוס. דאָס רוב ווײַבער, באַגעגנט פֿון זייערע מענער, האָבן אויסדערציילט, ווי זיי האָבן עס אָנגעשפּאַרט, וויפֿיל ווילעס זיי האָבן באַוויזן צו באַקוקן, וועלכע זיי רעכענען צו דינגען, און די מענער האָבן אויסגעהערט און זיי אײַנצווישן געמונטערט מיט צוקערלעך און אַנדערע נאַשערײַען.

בײַ דער זײַט איז געבליבן אַן אויסגעשטיגענע גרופּע פֿון פּרויען, קענטיק ייִדישע. אַ פּאָר קינדער האָבן זיך געהאַלטן אָנגעהאַנגען אין זייערע הענט. מ'איז געשטאַנען און זיך גע־סודעט. געריידט האָט מען, ווי ס'געשיקט זיך, אויך פֿון זומער־וווינונגען: פֿון דעם, אַז די און די פּענסיאָנאַט־ווירטין האָט זיי קאַלט אויפֿגענומען און זיך געבערעקלט, אַן אַנדערע האָט גלאַט זיך אָפּגעזאָגט זיי צו פֿאַרדינגען, אָדער אומיסטן פֿאַררײסן אַזאַ פּרײַז, מ'זאָל ניט זײַן ביכולת צו בלײַבן, און איינע, די אמתע חזירטע, האָט זי אַרויסגעשיקט אַ הונט אַנטקעגן און אַליין זיך ניט געוויזן.

אין רעכטן שמועס זענען אָנגעקומען די מענער זייערע, לעבעדיק, היציק. זיך אַ קליינעם צימעס געמאַכט דערפֿון, וואָס עפּעס אַ פּאָר נאַרישע גויעס גוידערן זיך און ווילן ניט קיין ייִדן. פּוסטע מעשיות, זיי וועלן אַ יאָר צוויי קיינעם ניט האָבן, וועלן זיי ווייכער ווערן — האָבן די אָפּטימיסטן נביאות געזאָגט. אַזאַ קאַמעניק, ווי אַ ייִד איז, קריגט מען ניט אַזוי גרינג. און סײַ־ווי־סײַ איז ניט קיין דאגה אין קיין זומער־וווינונג. וואָלט מען אַזוי גרינג געקראָגן צו באַצאָלן, ווי גרינג מ'קריגט אַ זומער־וווינונג. ניט דאָ — איז דאָרטן. אַ חילוק אַ גרויסער.

און איינער פֿון זיי האָט זיך אַזוי צעוואַרעמט, אַז ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— „ווייסט איר וואָס? דער וועלט אויף צעפּיקעניש, וועלן מיר הײַנט גיין אין „פּאַלע־דע־דאַנס" און זאָלן די שונאי־ישראל טאַקע האָבן האַרץ־ווייטאָג מײַנעטוועגן".

און דאָ האָט שוין געהאַלטן אין גוט נאַכט ווערן. אָבער אַ פרילינג־נאַכט, ווער הערט זי? שטאָט איז שטאָט. ליכטיק. קאַפּעליעס שפּילן, אין די רײַכערע פערטלען געווײנטלעך. קאַפעען זענען העל באַלויכטן. אײנעוויײניק — רויך, זשום, שווי־צנדיקע קעלנער. מיט איין וואָרט — ליהודים! ווו מ'וואַרפט אַן אויג, זענען ברוך־השם ייִדן פאַרטראַטן. און כאָטש מ'האַלט זיך פונדערווײַטנס אײנער פונעם צווייטן, גראַדנוויי, לויט די קאַטעגאָריעס, איז עס דאָך ייִדישלעך. ווער ס'האָט אַן אַפּעטיטיק, האָט ווי צוגעשניטן אַ ווײַבל מיט אַ געפּאַנקעוועטן קוק פון אַ צער־בעל־חיים. אַזוינע קען נעבעך ניט קוקן אויף געמיינערס פון זיך, דער קאָפּ פאַרדרייט זיך איר. וואָס־זשע איז זי דען שולדיק? מוז שוין דער מאַן אויך, אַפילו נאָר צוליבן שלום־בית־וועגן אַליין, אַוועקשטעלן אַקעגן יענעם אַ בלינדע פלייצע. אַ בלינדע, אָבער אַ ייִדישע, און ס'איז צו דערלײַדן. הײַנט ווער שמועסט, אַז קיין גויִים קומען ניט, אָדער זיי ווערן שיטערער, אַנטרינען, דעמאָלט ברעכן זיך אַלע צווימען. איין טישל ווערט חבר מיטן צווייטן, שמועסן שווימען פון איין עק ביזן אַנדערן און צוריק. עס פאַרשטייט זיך, אַז מ'זאָל זיך דערהערן, זשאַלעוען שוין ניט די שמוסערס קיין האַלדז, און בפרט נאָך, אַז גאָט האָט באַשערט אַזאַ געלעגנהייט, אַ קלייניקייט עפּעס זומער־ווויּנונגען! איז רעדט מען טאַקע:

— „וווהין־זשע רעכנט איר צו פאָרן?"

— „סטײַטש וווהין? — רופט זיך אָפּ איינע פון די אָקאָרשט־אַנגעקומענע מיט דער שיף — ערגעץ מוז מען דאָך פאָרן. דערצו איז דאָך זומער".

— „יע" — מאַכט אַ דריט טישל — „מיר קלײַבן זיך אויך, אָבער הײַנטיקס יאָר געפינט מען ניט וואָס מ'דאַרף".

— „דאָס וואָס מ'דאַרף — איז טײַער און שאַרף. מ'האָט שוין אומעטום, ווײַזט אויס, פײַנט אונדזערע קלינגערס".

— „ווייסט איר, וואָס איך וועל אײַך זאָגן?" — האָט איינע אַ פרוי אַ סך וואָס צו זאָגן — „טוט אָקאָרשט אַ טאַפּ דעם דופּק אין „פּאַרעוועו אינדזל", דאָרט איז דאָ אַ קריסטין, וואָס האָט

ערשט געעפנט אַ פּענסיאָנאַט און ס'האָט נאָך דערווײַל קיין הונט אַפילו אַהין ניט אַרײַנגעשמעקט".

— „נו, איז פאָלג מיך אַ גאַנג. וואָס־זשע, איינע אַליין דאָרט וווינען, מיט שטומע דעמבעס?"

— „און ערגעץ אַנדערש איז אײַך בעסער? מ'קוקט אײַך אַ סך דאָרט אָן?"

— „דאָך אַ מענטשלעך פּנים. אַזוי וועט דאָך קיינער אַפילו ניט וויסן, אַז מיר זײַנען אויף זומער־פרישע, ווו מיר זײַנען, ווער מיר זײַנען. ס'נעמט דעמאָלט אַפילו אָפּ דער חשק זיך אָנצוטאָן, אויספּוצן. פאַר וועמען און פאַר ווען? און מ'קען גאָר פאַרווילדערט ווערן. ניין, ס'איז ניט קיין פּלאַן".

— „פאָלגט מיך. שפּעטער וועלן זיך אַהין אַנדערע אויך באַווײַזן. דערפאַר אַן אָרט, זאָג איך אײַך, אויף אויסצופּאָרן אַ וועלט" — איז דער אײַנרייידעריין געגאַנגען אין לעבן אַרײַן צו שטעלן אויף אירן.

און דעם גרויסן פאַרטאָג זײַנען די ווײַבער אַוועק אַהין טאָן אַ קוק. געווען זײַנען עס צוויי ווײַבער. איינע אַ דיקלעכע, נידעריק באַהאַנגען מיט פלייש און מיט אַ גוידער אין איין זײַט אַרײַן, ווי אַ פלאַסטער. די צווייטע אַ העכערע, אָבער נאָך דיקלעכער. ביידע האָבן פאַרמאָגט זייערע קראַנקע אָנגעשוואָלענע פיס, געוויקלטע אין באַנדאַזשן, און זיך מיט זיי געוואַקלט איבער די שטיינערנע וועגן. און געווען איז, קיין עין־הרע, אַ לאַנגער שאָסיי, וואָס מ'האָט באַדאַרפט לאָזן הינטער זיך, און ווען ניט דאָס פאַרטאָן זײַן אין שמועסן און שוויצן, ווער ווייסט צי זיי וואָלטן עס באַוויזן.

די פענסיאָנאַט־ווירטין האָט זיי באַגעגנט אויף די טרעפּ און אַ באַטראַכט געגעבן מיט אַ געניט אייגל און גלײַך געוווּסט מיט וואָס זיי צו נעמען:

— „המם, אַ דאַטשע זוכט איר? אויף זומער נאָך? ס'איז שוין בײַ מיר כּמעט ווי פאַרנומען. ס'הייסט, טאַקע שוין פאַר־נומען. לויטער בעסערע לײַט, דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן און

ערשט חתונה־געהאַטע פּאָרלעך. כ׳ווייס ניט צי זיי וועלן מסכּים זייַן, כ׳זאָל נאָך עמיצן אַרייַננעמען. הייַנט וווּהין?"

די ווייַבער האָבן אומעטיק אַ קוק געטאָן אויפן וועג צוריק. און די ווירטין האָט אָנגעשמעקט, אַז אירע ווערטער האָבן געטראָפן אין קאַרב אַרייַן, האָט זי פּאַמעלעך פּאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך גענומען, ווי ניט זי מיינט מען, וואַשן דאָס מעבל, וואָס איז געלעגן אָנגעוואָרפן סטערטעסווייַז. און געווען איז דאָרט ניט צום פּאַרזינדיקן נישקשה פון אַ ביסל כלאַם, צעדרייטע פיסלעך פון איבערקערטע בעטן, צעלאָמעטע סאָפּקעלעך און טישן־בעטגעוואַנט, וואָס האָבן געלאָזט אין ספק מכּוח ריינקייט. וואַשנדיק אַזוי דאָס אַלטוואַרג, האָט די ווירטין ווי צו זיך אַליין געשמועסט:

— „מענטשן קומען תּמיד צו שפּעט. פריִער, ווען כ׳האָב געהאַט געגנוג און געראָמע צימערן, זייַט איר ניט געקומען. כ׳זע דאָך, אַז איר זייַט ניט אַבי ווער און וועט זיך ניט לאָזן פּאַרשטופּן אין ערגעץ אַ לאָך. און אַ גוט צימער פּאַרשטייט איר דאָך אַליין, ווען אַלץ איז פּאַרנומען, קאָנפיצירט זיך ניט אָפּצוגעבן פּאַר ביליג".

— „ווער שמועסט דען וועגן פּרייַז? האָט איר דען נאָך אַ צימער?" — זייַנען די יידישקעס אַרויף אויף איר ווענדקע.

— „זעט איר אַרום און ווינונגען?" — האָט די ווירטין זיך געדעדט אירס — „דאָרט איז, איר זאָלט מיר מוחל זייַן, שמוציק. לויטער יידישע קבצניוקע ווינט דאָרט. כ׳האָב גאָרניט אַקעגן זיי, נאָר איר וועט דאָך אַהין אַפילו קיין שמעק ניט טאָן, כ׳ווייס דען ניט? און דאָ בייַ מיר זייַנען בעסערע לייַט. אַן אָפּקלייַב. און די אָרדענונג. איז דערפּאַר וואָלט איך וועלן, איך זאָל ניט אַרייַנפּאַלן אין קיין דרויבס און אויך איר זאָלט ניט אַרייַנפּאַלן. און אייַך צוליב וועל איך מיר אפשר אַן עצה געבן. מאָרגן קענט איר האָבן אַ תשובה".

— „מיר קומען גלייַך מאָרגן, מיט דער ערשטער שיף. זייַט אויסגעזאָרט".

און די ווייַבער האָבן געטראָגן אַ לייַכט האַרץ אויף צוריק. בייַם ברעג האָבן אויף זיי געוואַרט די מענער. און אַז מ׳האָט

זיך אַ גאַנצן וועג קוים מיט מי און מיט אַנגסטן אײַנגעהאַלטן און געשוויגן, האָט מען דערפֿאַר איצט מיט אַמאָל אויסגעשאָסן ס'פֿולע ביגטל נײַס:

— „וואָס ווייסט איר, ווי מיר האָבן די ערלטע באַאַרבעט. מיר זײַנען איר גלײַך אויפֿן קוק געפֿעלן געוואָרן. מ'שפּילט זיך עס עפּעס מיט דער פֿרוי? סאַמע פּראָפֿעסאָרן, מיניסטאָרן און גלאַט פֿײַנע לײַט שלאָגן אָפּ איר שוועל. וואָס=זשע דען מיינט איר? אַ קריסטלעכע וועט עפּעס גיין אָפּנאַרן יענעם? זי איז שוין איבערפֿולט ביז אין אַ שפּענטע און בסך=הכל קיין יידן נעמט זי גאָרניט, פֿאַר קיין געלט. צו וואָס? ס'איז בײַ איר אויך אַ רענדל אַ צימער. אָבער אפֿשר וועט אונדז אויך דאָך באַשערט זײַן צו זומערן, מיט גאָטס הילף, מיט לײַטן צוגלײַך".

— „איר זאָגט דאָך אָבער, אַז קיין יידן נעמט זי ניט. ווי זשע קומט די קאַץ איבערן וואַסער?"

— „אַי, איר זענט, ס'זאָל אײַך ניט פֿאַרדריסן, אַ נאַר. וואָס זשע, ס'שטייט אויף אונדז אָנגעשריבן, וואָס מי'זע'מיר? פֿאַרקערט, זי מיינט, אַז מיר וועלן זיך נאָך וואַרפֿן מיט יידן, אַז ס'וועט אונדז ניט אָנשטיין. הײַנט זעט איר שוין, ווי מיר זײַנען איר געפֿעלן געוואָרן און בײַ וואָס עס האַלט?"

— „אַזוי גאָר? אָבער פֿאָרט טאָמער פֿאַלט זי שפּעטער דערויף".

— „עט, שפּעטער וועט ניקאָלאַי זײַן יעפֿרייטער. שפּעטער וועלן מיר איר אַרויסשטעקן אַ לעקער. צען פֿײַגן".

— „דער עיקרשט דאַרף מען זען מאָרגן פֿאַרטיק מאַכן הכל=בכל, אַרײַן מיט אַ פּוס און חי געלעבט".

און צומאָרגנס פֿרי זײַנען זיי געקומען, די גאַנצע צווײ משפּחהס, מיטן גאַנצן רעמענעמט. מיט די בעטגעוואַנטן, מיט דעם געפֿעס, מיט די הויפּנס קלימעקעס, געקומען אויף צו אָקופּירן, איידער וואָס, ווען. און אלה בני ישראל: אַזוי און אַזוי האָבן זיי געהייסן און אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל זײַנען זיי געווען: די פֿרוי רבקה, גערופֿן — קי=קי; מאַדאַם קיקי און איר באַשערטער אליהו, פֿאַרקירצט אויף ווילי, מיט צוויי קינדער און איין זון.

ס'מיינט צוויי גלאַט אַזוי, און דער דריטער אַ מיוחס, אַ שיינדליק אין דער מיט.

די צווייטע פאַמיליע: אַ מאַן, גערופן מאָזעס, פאָרט ניט פאָלג מיך אַ גאַנג פון משה. דערנאָך זײַנע צוויי ווײַבער, איינע אַן אייגענע, ברײַנע, גערופן ברוני, און די צווייטע אַ שותּפֿס, וואָס האָט זיך זיי נאָכגעשלעפּט דאָס גאַנצע לעבן און ערגעץ פאַרלאָרן דעם נאָמען אין מיטן ווען. געהאַט דווקא איין קינד נאַר, דאַר ווי אַ ווערימל און טאַקע אַזוי ווערעמדיק, בלייך, קרענק־לעך און שלעכט, זאָל איין גאָט שומר ומציל זײַן. און אַ הונט אין דער משפּחה, אַ מאָפּס, אַ שמירה פאַר אַ גוט אויג, מ'זאָל זיי ניט אָנבעמען פאַרוואָס מ'דאַרף ניט.

געווען איז נאָך איין פּאַרשוין — ר' אברהם־אַלטער. כשמו־כן־הוא, אַזוי, הייסט עס, האָט ער געהייסן, אַזוי האָט מען אים גערופן און ס'איז שוין פאַרשפּאַרט, דוכט זיך, צו זאָגן, אַז ער איז געווען אַן אַלטער מאַן, אַ ייִד און אַ באָרד, פאַרפּעדערט, מיט אַ פּאַטשיילע, וואָס פאַרדויטלט דעם ריס פון קאַפּאָטע־פּאָלד, מיט אַ טלית־קטן, וואָס איז קיין קטן ניט געווען, נאָר אַדרבה, באַלעבאַטיש־לאַנג ביז די קני. שלאָפקייט — אַ געבראָכטער, אָן סוביעקטיווע סימנים.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז דעם עקזעמפּלאַר האָט מען געמוזט אַריבערכאַפּן בגנבה, שוואַרצן מיט אים די דײַטשע גרענעצן — און דערפאַר איז ער געבליבן איף נאָך אַלעמען, מיטן פּסחדיקן געפּעס, וואָס מ'נוצט אויף דער זומער־וווינונג. און די צוויי שליחותטעס: מרת רבקה, גערופן קיקי, און מאַדאַם ברוני, האָבן זיך ווידער געלאָזט אָנקניפּן באַצינונגען מיט דער פּענסיאָנאַט־פרוי און בײַ איר אויסדינגען וואָס ס'לאָזט זיך נאָר, אַ צימער, צוויי, אַ גאַנצע ווילע, אַבי אַ דאַטשע.

און געקומען זענען זיי צוריק מיט גאָר גוטע ידיעות, ממש אַ וווּנדער. זיי האָבן אַנטדעקט בײַ דער פרוי אַ יבשה, אַ נײַעם קאָנטינענט בצורת אַן אָפּגעזונדערטע ווילע, וואָס קיין מענטש־לעכנער פוס האָט נאָך דאָרט ניט געטראָטן עד־היום און דאָס אַלץ באַקומען זיי בזיל־הזול, ממש האַלב אומזיסט. אמת, די מענער

האָבן, דערהערנדיק דעם פּרײַז, זיך געהאַלטן בײַ גאָר אַן אַנדער מיינונג — אָבער די פולמאַכטן זענען שוין געגעבן געוואָרן און מ'האָט איצט געהאַט בלויז אײן שיינע ברירה — אָנצונעמען אַ מויל מיט וואַסער און שווײַגן.

און מ'האָט זיך אַרײַנגעצויגן אין דער ווילע לויטן פּראָ־גראַם. דער לעצטער איז אַרײַן ר' אברהם־אַלטער און זיך פאַר־שטופּט אין בוידעם־שטיבל, און אַזוי ווי ער האָט סײַ־ווי קנאַפּ געהאַלטן פון לופט און קרײַטעכצער און מער זיך גענייגט צום בעט, האָט מען געקענט כאָטש די ערשטע צײַט זײַן באַוואָרנט מיט אים, אַז ער וועט ניט פאַרשוואַרצן די משפּחה.

און סײַ־ווי־סײַ האָבן די שפּיאָנען, אין געשטאַלט פון קינד־וואַרג, אומקערנדיק זיך פון אויסקוקן די געגנט, געבראַכט דאָס נײַס, אַז ס'איז ניטאָ קיין זכר אפילו פון קיין מענטשן אין דעם גאַנצן פּענסיאָנאַט און תּרפ״ט מײַלן אַרום. ווײַזט אויס, אַז דיווירטין האָט זיי פּשוט געפּירט אין באָד אַרײַן און געשפּײַזט מיט באָבע־מעשׂיות און דערפאַר האָט קינד־און־קייט געטאָן אַ צעלאָז זיך פון די האַלאַבאַליעס אַרויס און נאָך אין דעם זעלבן טאָג האָט מען געקענט זען בחוש, אַז אויב ס'וועלן טאַקע נישט קומען קיין פרעמדע, איז אַ סכּנה, חלילה, ס'זאָל אַלץ חרוב־ונחרב ווערן, אַזוי האָט בײַ זיי געברענט אונטער די הענט.

און צו די גליקן האָט זיך געשטעלט אַזאַ וועטער, וואָס האָט דערוויזן באַשײַנפּערלעך, אַז לעולם האָבן די שוואַרץ־זעערס קיין טעות ניט געהאַט. ווײַזט אויס, אַז בישובדיקע לײַט זענען טאַקע געזעסן דערוויײַל אין דער היים און זיך גאָרניט אַזוי גע־אײַלט צו פירן אויף דער זומער־וווינונג. און די פּענסיאָנאַט־ווירטין, וואָס האָט אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט אין דער ווילע אַרײַן, האָט ניט געקענט גוט פאַרבאַהאַלטן איר שפּאָטיש געלעכ־טערל, ווי איינער זאָגט: „וואָס האָבן זיי זיך דאָס אַזוי געריסן אויס דער הוילער הויט? ווייסטו אפשר צו וואָס?"

און דאָך, אַז מ'וואַרט, דערוואַרט מען זיך. די טונקעלע טעג זענען סוף־כּל־סוף ווי מיט דער האַנט אָפּגעווישט געוואָרן. דעם לעצטן דראָזש זייערן האָט אַן אַלטע יאָדלע פאַרלאָרן אונ־

טער שווערע שניי־וואָלקנס, אויף אַ פעלז, און פּלוצים האָט איר אַ טשמעלע געטאָן די זון אין קאָפּ אַרײַן, אַ פײַערדיקן, פּלוצימדיקן זאַלפּ, וואָס האָט זי אַ וואַלגער געטאָן אין אָפּגרונט אַרײַן. און מיט איר טויט איז די שוואַרצקייט פאַרחתמעט געוואָרן.

און אַ פרישער פרימאָרגן האָט געלאָזט פאַרגעסן אַלדאָס בייז. איבערן ווייך־געוואָרענעם וואַסער־אָנבליק האָבן זיך אַדורכגעטראָגן בלינצערנדיקע אייגלעך, ווי פליענדיקע זומערפייגעלעך, און אַ ווײַטע צי־האַרמאָניקע האָט געטאָן אַן אָטעם מיט יוירנדיקן טאָג, מיט גלימערנדיקער צעשפּילטקייט.

אין דער שעה האָבן שיפלעך ווידער גענומען פירן מענטשן אין די וואַלד־געדיכטענישן אַרײַן, ווידער האָבן שטאָל־פליגלען געשניטן גרינע ים־אינגעווייידן און מיטן ווינט פאַרטראָגן זײַן געזאַנג אין צעהוידלטע הערצער.

און אין דעם מאָרגן זענען אויך אין זייער פענסיאָנאַט אָנגעקומען עטלעכע געסט, אָנגעקומען, זיך צוערשט גוט אַרומגעקוקט, גרינטלעך אונטערזוכט דאָס אָרט, געשמעקט צו די צעפּיקטע ליפּע־קאָרעס און צו די דאַך־שאָרנשטיינער און אַ קרים געטאָן מיט די נעז. די ווירטין איז אַרום זיי געלאָפן, זיי אַלץ צוגערעדט, געקראָכן דורך די נעגל, ביז זי האָט זיי אײַנגעביסן, זיי זאָלן בלײַבן אויף אַ פּראָבע.

פון דעם טאָג אָן האָט דאָס דינסט־פּערסאָנאַל איעדן מאָרגן געטראָגן טשײַניקלעך טיי און קאַווע צו די געסט אין די בעטן אַרײַן. איבער די ווענט האָט זיך צעלייגט אַן אָפּגערעדטע שטילקייט און בכבודיק זיך געצויגן ביז די אָפענע פענצטער און אויערן פון די קריסטן. די ייִדישע פאַמיליעס האָבן זיך געהאַלטן סטאַטעטשנע, רעזערווירט, געוואַרט, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. אין די גליִענדיקע טעג האָבן זיך די געסט געלאָזט פון די טרעפּ־אַראָפּ, ווי מחותנים פון חתנס צד בײַם אָפּשפּילן. אַ הויכער מאָגערער קריסט מיט אַ שווערן בליק און טערפּקע געגאָלט פּנים האָט שפּאַצירט פאָראויס, אויסגעצויגן, ווי ס'וואָלט אין אים אַרײַנגעוואַקסן אַ שטעקן. אין זײַן לינקער זײַט האָט זיך אָנגעהאַנגען מיט איר הענטל זײַן פרוי. זי האָט האַלב פרײַנטלעך געענט־

פערט אויפֿן גרוס פֿון די ייִדישע פּרויעז, וואָס האָבן זיך גראָד געפֿונען אויפֿן וועג און אַ קוק געטאָן צו איר מאַן, ווי פֿאַרענט־פֿערנדיק דערמיט זייַן עקשנותדיק שווייַגן.

אויף אַ קורצער דיסטאַנץ נאָך דעם פּאָר זענען געגאַנגען צוויי אַלטיטשקע אויסגעמושטירטע ווייַבער, ביידע די זעלבע הייך, ווי אָפּגעמאָסטן, ביידע אין שוואַרצע ראָטאָנדע־קליידער, פֿאַרקנעפּלטע ביז אַרויף, גלייַך בייַ קלויסטער־שוועסטער, נאָר פֿונעם האַלדז האָבן זיך בייַ זיי אַרויסגעגנבעט ווייַסלעכע שפּיצן־קעלנערלעך, נאָך פֿון די גימנאַזיסטישע יאָרן. די צוויי ווייַבער זענען געגאַנגען ביידע אין איין טריט, אָן אַ וואַקל, ווי אַלטע גענעראַלן אין ציוויל. זיי האָבן די קעפּ געהאַלטן לויט דער הייך פֿון זייער ווערט, מיט פּריזורן גרוי־סאַמעטענע האָר, גע־שפּיצט אַרויף ביז אַ קובליק.

דערנאָך, אין אַ געהעריקן מהלך פֿון זיי, איז געגאַנגען אַ פּרייַלין. אויפֿן פּנים אירס זענען געזעסן ניט קיין יונגע, אָפּ־געניצעוועטע יאָרן און זיך פֿאַרשטעלט מיט ברילן. נאָר קליידער האָט זי געטראָגן, ווי יונגע ערשט אַרויסרייַספּנדיקע מיידלעך, וואָס טוען אָפּ זייערע מלבושים אויף צולהכעיס און שפּאַרן זיי אַוועק מיט רונדע בריסטן, און אויף די פֿיס האָט זי נאָכגעשלעפּט סאַנדאַלן. אַחוץ דעם האָט זי נאָך פֿאַרמאָגט פֿון הינטן אַ לאַנגן בליטשקענעם צאָפּ, וואָס האָט זיך געבאָמבלט אין טאַקט מיטן אַנטשפּרעכנדיקן גאַנג. אין די הענט האָט זי געטראָגן אַ דעקע, אַ קישעלע, אַ ביכל, אין דער מיט אַרייַנגעשטעקט אַ פֿינגער אויף אַ סימן, און אַ הינטעלע ווי אַ מויז די גרייס און געצויגן צו זיך דעם בליק פֿונעם ייִדישן יונגוואַרג, וואָס האָט שוין גע־ווּסט אָפּצושאַצן, אַז זי איז ניט מאָדערן.

ערשט נאָך איר האָט זיך געאייַלט אַ פּעמפּיק אַ מאַן מיט אַ גוטמוטיק נאָר פֿאַרהאַוועט שמייכעלע. ער האָט געפּאָכט מיט דער נשמה בײַם גיין, דאָך זיך געהאַלטן וויל־יונגעריש און צע־נומען די הענט מיט אַ קאָמישער גרימאַסע, ווי איינער זאָגט: „וואָס־שייך, וואָס, מ׳שוויצט קיין עין־הרע“...

און געשוויצט האָט ניט נאָר ער, נאָר אַלע אויף אים קוקנ־דיק. די יידן און זייערע ווײַבער, וואָס האָבן פריִער אַפילו אין די גאָר קילע טעג געהאַט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַלץ ביזן קלענסטן, און באַזונדערס די ווײַבער זיך אַרומגעדרייט ווער אין אַ טוניק, ווער אין אַ הינטערראָק און ווער גלאַט נאָר עפּעס אַ מזוזה אויף זיך צו באַשירעמען, האָבן איצט בײַם קומען פון די קריסטן גלײַך אַרויסגעשלעפּט פונעם נאַפטאַלין דאָס גאַנצע קליידוואַרג און זיך אַפילו פאַרזאָרגט פון דער שטאָט מיט קאָטיקענע מאַנטלען און געניוכעט די לופט. אַבי ס'האָט נאָר געטאָן אַ ריר זיך אַ קליין ווינטל שבווינטל, איז תּיכף־ומיד זײַנען זיי אַרײַן אין די מאַנטלען און זיך געדרייט אין דרויסן. זאָלן די קריסטן זען, אַז מ'איז אויך ניט אַבי ווער, פון ביליקן שטאָף געשניטן.

דערפאַר האָט מען ערלעך געשוויצט, ווי ביבערס, און די מענער האָבן זיך געוואָרגן אין די קעלנער און זיך באַהאַלטן ערגעץ טיף אין וואַלד און זיך גוט אַרומגעקוקט, צי ס'גייט ניט עמיצער און צי ס'זעט קיינער ניט, און ערשט דעמאָלט זיך דער־לויבט צו צעשפּיליען דעם קראַגן, אַראָפּצושלעפּן אַן אַרבל פון רעקל און דערבײַ אויך געציטערט. און די ווײַבער האָבן ערשט דעמאָלט געהאַט די מעגלעכקייט צו אונטערזוכן, אויב זייערע מענער טראָגן ניט חלילה קיין צעריסן וועש.

געווען איז אָבער אַלץ גלאַט און גוט — נאָר איין שטער: זייער הונט. מיט אים האָט מען געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. ער האָט קיין חכמהס ניט פאַרשטאַנען, דער כּלב, און גלײַך ווי ער האָט דערזען דאָס קליינע הינטעלע בײַ דער קריסטלעכער פרײַלין, האָט ער געמוזט אַ שפּרונג טאָן, עס נעמען באַלעקן און דערנאָך פון וואָלטאָג־וועגן מרוקען און מרוקען אין טאָג אַרײַן. און די פרײַלין, האָט מען געזען באַשײַנפּערלעך, האָט דערפון געהאַט אויסצושטיין מוראדיקע עגמת־נפש: סטײַטש, היתּכן, עפּעס אַ פּרעמד־ראַסיקער הונט זאָל האָבן די חוצפּה צו לעקן איר בן־יחידל, דאָס הינטעלע, וואָס זי האָט אַזוי געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ, געוואַשן, געצוואָגן, געקאָרמעט מיט פייגל־מילך און מיט וואָס ניט?

אָבער דעם הונט איז ניט געווען אײַנצונעמען — אַ הינ־טישע נשמה — און ס'האָט שוין אין דער לופטן געשמעקט מיט געוויטער. און די צווייטע טעג יום־טוב איז געווען ר' אברהם־אַלטער.

יעדן מאָרגן האָט ער זיך, ווי געטראָפן פון אַ בליץ, געטאָן אַ כאַפּ־אויף, אַרויפגעצויגן אויף דעם הוילן העמד און תחתונים די קאַפּאָטע — די יאַרמלקע איז שוין סײַ ווי געווען אויפן קאָפּ — אין מיטן וועג אַרײַנגערוקט די פיס אין שטעק־שיך און אַזוי אַוועק אָן אַ דעקע ביזן שטראַנד. דאָרט איז ער פונעם בריקל אַרײַן גלײַך אין וואַסער אַרײַן און זיך געטובלט, ווי מ'איז זיך נוהג אין מקווה, אַז נאָר די פאות האָבן טועם געווען דעם טעם פון וואַסער. די גאַנצע צײַט האָט ער זיך מיט די הענט גע־קלעמט אין די טרעפּלעך, ווײַל ער האָט מורא געהאַט פאַר כוואַליעס. און נאָכן טובלען זיך איז ער אַרויס, אָנגעטאָן די קאַפּאָטע, די שיך און מיט אַ טריפנדיקער באָרד־ און־ פאות געלאָפן צוריק אין זײַן מקום־מנוחה אַרײַן. דערבײַ איז ער אַזוי צעטומלט געווען, אַז כסדר האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אין עמיצן, זיך ניט אומגעקוקט, נאָר געהאַלטן דעם טראַקט ווײַטער. און ווי בכיוון זײַנען די אָנגעשלאָגענע כסדר געווען די פרעמדע קריסטן בײַ זייער צערעמאָניאַלן שפּאַציר. זיי פלעגן זיך דערבײַ גלײַך איבערקוקן, דערנאָך זיך ניט אײַנהאַלטן און אים נאָכקוקן, ווי נאָך עפּעס אַ ניט־גוטן, ביז ער איז לחלוטין פאַרשוווּנדן געוואָרן.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז מ'האָט דערפון קיין נחת און קיין כבוד ניט געקענט שעפּן. און די יידן האָבן אומגעדולדיק געוואַרט, ס'זאָל טאָן אַ קום דער געבענטשטער זונטאָג. דעמאָלט האָבן די קריסטן זיך געוויינלעך געלאָזט אויפן פיש־געיעג ביז מאָנטאָג פרי, און מיט זייער פאַרשווינדן האָט דער וואַלד, די דאַטשע, הימל און ערד אויפגעלעבט.

דער ערשטער האָט זיך געיאַוועט אַ געקרײַזלטער בחור, זייערער אַ באַקאַנטער, וואָס האָט אויך געלעבט אין וואַלד בשכנות. ער איז אַרומגעגאַנגען אין אַ פּאָר קורצע שווים־הייזלעך און אַרויסגעשטעלט, ווי אין אַ וויטרינע, אַן אָפּגעסמאַ־

לעטע פון דער זון פאַרברוינטע פלייצע. מיט אים זיינען געקו־ מען אַ כאַליאַסטרע מיידלעך אין ברייטע פאַרביקע שאַראָוואַרעס, פיזשאַמעס. אַלע פריילעכע אויף באַשטעלונג, מיט ניט דערענ־ דיקטע געלעכטערס אין די העלדזער. דער געקרייזלטער בחור האָט זיך, ווי קוועקזילבער, ניט געהאַלטן אויף אַן אָרט, זיך געשטעלט אויפן קאָפּ און זיך געבראָכן איבער די הענט און געקולקעט אַזוי אויפן גאַנצן זאַמד־פּלאַזש. דערנאָך, ווי אויס דער הוילער הויט אַרויסגעכאַפּט אַ דערביי־זיצנדיק מיידל, אַרויפגעלייגט ביי זיך אויפן קאַרק און פאַרטראָגן אין סאַמע מיט פונעם וואַסער. די איבעריקע זיינען שוין ממילא נאָכגעגאַנגען מיט גומי־בעלער, מיט פאַכירן, מיט הינט.

גלייך איז אָנגעקומען אַ צווייטער, אַ נידעריק־געזועצטער יונגערמאַן אין גרויסע זון־ברילן, אָנגעטאָן די גאַנצע פאָרם. גע־ קעסטלטע הויזן, וואָס שפּאָרן ניט קיין סחורה, דערפאַר אַ קורץ רעקל אַן אויסכאַפּעניש, אַ מיתה־משונה־קאָליר־העמד און אויפן קאָפּ אַ שטרוי־הוט ביזן באַנט ניט פאַרגעסן, דערמאָנענדיק מיט יעדן שטעל זיינעם האַראָלד־לאָידן אָדער אַן אַנדער האָליוודער פילם־פּאַיאַץ. אָנקומענדיק, האָט ער שוין געהאַלטן ביים הונ־ דערטסטן אַנעקדאָט, אים איינגערוימט אין די אויערן פון די מיידלעך, וואָס האָבן שיר ניט געפּלאַצט פאַר כיכיקען. ער האָט זיי לפנים געפּרוּווט באַרויִקן מיט וויטערדיקע מעשיות, אָבער אויף אַזאַ אופן, אַז פון שווייגן איז אַפילו ניט געווען וואָס צו קלערן.

ס'האָט אויך ניט געפעלט קיין גראַמאָפאָן. דאָס האָט שוין פאַרזאָרגט אַ דריטער קאַוואַליר, אַן אַריינגעוואַקסענער אין יאָרן, וואָס האָט זיך אָבער אַלץ געבחורט און געפּרוּווט פון זיך אַראָפּ־ שליידערן די אַרויפקריכנדיקע עלטער מיט גוטן און מיט שלעכטן. אַליין איז ער ממש אויסגעגאַנגען נאָך יאָסעלע ראָזענבלאַטס אַ חזניש שטיקל, אָדער ווען שוין טרייף איז טאַקע נאָך אַ רוסישן ווערטינסקי, דאָך פאַרן יונגוואַרג האָט ער פאַרזאָרגט אַ טאַנגאָ־ און אַ דזשאַז־פּלאַטע און מיט דער גאַנצער נשמה מיטגעהעצקעט זיך מיט זיי צוקוקנדיק. דערביי ניט פאַרגעסן צו כאַפּן אַ בליק

צו די עלטערע און אױפֿגעװאַקסן פֿון דער יוגנט און זײער מוזיק, און װאָס ער האָט שפּעטער װעגן די עלטערע אין דער יוגנטס אױגן געזאָגט, איז זיך ניט שװער משער צו זײַן.

און װער האָט געבראַכט סאַרדינען, שאָקאָלאַד און מאַראַנצן, װילט איר װיסן? װער דען, אױב ניט דער דעליקאַטעסן־הענדלער, װאָס נאָר צוליב דעם אַלײן איז ער שױן אַ גאָר אָנגעלײגטער גאַסט? דער טאָג האָט זיך געװײנלעך געענדיקט מיט אַ גאָר ביז גאָר אױפֿגעשרױפֿטער שטימונג, מיט אַ געזאַנג פֿון טשאַרדאַש, װאָס האָט זיך געטראָגן איבער די רױטע פּאַראָמעטיקטע שקיעה־הימלען, זיך אַרײַנגעגנבֿעט אין דער צעקלױצעטער מנחה פֿון ר' אַבֿרהם־אַלטערן און לאַנג־לאַנג געציטערט איבער די װאַלד־שליאַכן, װוּ דערשראָקענע סאָװעס האָבן אױסגעפּיקט דער זון די אױגן. אױפֿן װאַסער האָבן דערװײַל פֿישערס, װאָס האָבן זיך פֿון ערגעץ אומגעקערט און ערגעץ־װוּהין געשיפֿט, אונטערגעכאַפּט דאָס ליד מיט זײערן אַ פֿישער־מאָטיװ, אַ ברעגלאָזן און אַן אָנגעדרײנזשעטן, און שטיל־שטיל האָט דער אָװנט אַרײַנגערוקט זײַנע לאַבעס און געגומען קױטיק האַלדזן די זון צװישן די פּײַערן, צװישן די קאָלירטע װאָלקנדלעך מיט אַ טײַ־גלאַנץ, צװישן די שעפּטשענדיקע בײמער — און װוּ־נישט־װוּ, אױף סטעזשקעלעך, אין די טיפֿענישן פֿון אורװאַלד, איז שױן געלעגן די נאַכט און שװאַרץ געקאָװעט אַ דאָמב צו אַ דאָמב...

און אַז די טשעװענדלעך און קאַנאַטן האָבן אױפֿגעפֿירט די חבֿריה, איז שױן אַרױסגעשװומען אַ נאָס־זילבערנע לבֿנה, אָפּגעקוקט פֿון צװישן גרינלעך געװאַסערטע װײַטן און מיטן רוקן פֿאַרשטעלט אַ רעטושירטן שװאַרצן פּאַן, אַ פֿאַל געטאָן האַלב אין געמױזעכץ און האַלב אין די כװאַליעס אַרײַן און זיך דאָרט שװער און האַרט צעלאָזט װי אַ גאָלדן צענערל.

װאַלד איז װאַלד. און נעכט זײַנען דאָ לױטערע און געשליפֿענע מיט אַ װײַסער דערשראָקנקײט אין זײער שטערנדיקן מילך־װעג, און ניט דאָס איז מײַן עבֿודה. אין דער מאָרגנדיקער אשמורה, װען דער װינט האָט געטאָרעט די צוגעפֿױלטע

ברעוונעס און גרעבליעס און זיי געווישט מיט געבויגענעם קאַמיש, האָבן זיך די קריסטן אומגעקערט צעווייקטע פון נעפּל און גאָל־דענעם פּיש־פּאַנג. דער מאַן, אַ ביסל איבערגעשנאַפּט, האָט שווער געלייכעצט אויף די טרעפּ און עטוואָס אומקלאָר אָנגעברומט. די צוויי ס'ווײַב זײַנס האָט אים מיטגעהאָלפן בײַם אַרויפגיין. די צוויי אַלטע פרויען האָבן נאָכגעשפּאַנט מיט שווערע טריט אָן אַ ווידער־קול, און ערשט העט־שפּעטער האָט זיך באַוויזן דער פּעמפּיק, וואָס האָט זיך פּאַרזוימט בײַם צובינדן זייער לאָדקע, און מיט אים איז אָנגעקומען די עלטערע פּרײַלין. און אינדערפרי איז אַ ברוגזער גוט־מאָרגן געלעגן ניט אויסגעניכטערט אויף זייער פּנים און זיך אַזוי געהאַלטן ביזן קומענדיקן זונטאָג.

*

ס'איז אָבער אָנגעשווומען איין מאָרגן, אַן אָפּגעריסענער פון אַ קייט, אַ מאָרגן מיט אַ צעעפנטן משיח־אויג, וואָס שמעקט נאָך זון, נאָך זשיוויצע, נאָך האָניק און קינדערשן שמייכל. אַ מאָרגן, וואָס איז, דוכט זיך, צוליב דעם אַליין נאָר געבאָרן געוואָרן, ער זאָל אויסטאָן די מענטשן נאַקעטערהייט, זיי אויסגליען ווי זיי האָבן עפּעס אַ קרעציקל, זיי צוטוליען צו דער שוואַרצער, געזונ־טער ערד, זיי אויסבאָדן אין פּערלדיקן ריינעם שווייס, אַראָפּ־טרײַבן דעם טע פון דער נשמה, אויפעפענען אויף אַלע פיר ווינטן פראַנק און פרײַ און דאָרט אַרײַנריזלען אַ שעלעשטשען פון עטער־טריפנדיקן נאָדל־וואַלד, אַ כליוסק פון בורשטינען קוואַל־וואַסער און גאָלדענע פליגלען פון דזשומזשענדיקע קאָלירטע באַשעפענישן.

אין דעם מאָרגן האָט די זון זיך פּאַרקליבן הויך, העט־העט. די ביימער, שטיל גערירט פון ווינט, האָבן דאָ און דאָרט אַ מידן קנאַק געטאָן און ווידער געבליבן אויסגעשטרעקט, ציִענדיק צו זיך פון אונטן דעם אָטעם פון אַ פאַרשלונגענעם שאָטן. אויפן זאַמד זײַנען געזעסן, אײַנגעגראָבן ווי די שטרויסן, פאַרביקע גרופּעס ווײַבער אין באָד־קאָסטיומען מיט העל־קאָלירטע שירעמס, און מענער האָבן זיך אַרומגעדרייט אין ווײַסע שווים־הייזלעך מיט גראָדקעלעך, ווי באַמאָלענע רוטענישע האַנטעכער. איבערן ווײַטן

פאַרווּנעטע האָריזאָנט, וואָס האָט זיך אַלץ אָפּגעטראָגן ערגעץ, האָט אַ וואַסער־פּאַס געקלויצעט און געבולבעט זיך נאָך אַ מאָטאָר־שיפל. ווו דאָס אויג איז געבליבן רוען, האָבן געגרינט זיך בערג־אָפּהאַנגען, געהעלט שטראָמען, ערגעץ־ווו האָבן פונעם גאָלדענעם נעפּל אַרויסגעשטאַרצט גלאַטע שטיינער ווי ליסעוואַטע קעפּ.

און אויף אַ באַנק, אין דער זײַט פונעם עולם, איז געזעסן ר' אברהם־אַלטער, דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט זיך אַרויס־געלאָזט אויף גאָטס וועלטל, און געבליבן צוגעקאָוועט צום אָרט. אין זײַנע גראָע אַלטע אויגן־שפּאַרעס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ גראָער אַלטער הימל, פאַרהײַטלט מיט בלויקייט, און איבער זײַן קוואַרן גוף האָט אַ מחיהדיקייט געטריפט איבער די אָפּגע־לעבטע ביינער, וואָס האָבן פונסנײַ אויפגעשפּראָצט מיט האָר.

ס'האָבן דאָ און דאָרט אָנגעשלאָגן צום ברעג באַרזשעס, טשעוועגדלעך, אַנדערע האָבן אָפּגעצויגן. ס'זײַנען אָנגעפלויגן ווײַסע מעוועס, וואָס האָבן פון דער לופט געלויערט אויף שרצים אין וואַסער. פּלוצים האָבן זיי זיך געטאָן אַ טונק אונטער און ווידער אָפּגעפלויגן, טראָגנדיק אַ צעפּלאַטערט ווערעמל אין שנאָבל. צומאָל האָט זיך געטאָן אַ צעפּליאַסקע מיט די פליגל אַ ווילדע קאַטשקע און ווײַס געצערטלט דאָס אויג און אין גאָר־גאָר ווײַטן האָט אַן אַעראָפּלאַן געצירקלט די הימלען. הייכן און טיפן האָבן זיך געקרייצט איבער זײַנע פליגלען און ער האָט זיי צעוויגט און צעווירבלט.

— „קוקט נאָר, קוקט נאָר, וואָס פאַלט עס פון דער פלי־מאַשין?"

אַלע האָבן אויפגעהויבן די אויגן צו דעם זיך דערנענטערנדיקן פלי־אַפּאַראַט. פון זײַנע זײַטן זײַנען אַרויסגעקראָכן און זיך אויסגעכראַסטעט לאַנגע פּאַפּירענע שלענג, זיך געהוידלט אין דער לופט, פאַרטשעפּעט די סאָסנע־ווערכעס, אַלץ גענידערט, געזעצט זיך אויף די כוואַליע־בײַכלעך, אָדער זיך געשאַרט איבערן זאַמד.

— עקסטרע בלע—טער!

— וואָס איז שוין נײַס?

מ'האָט מודיע געווען דער באַפעלקערונג, אַז געוויסע אומפאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן האָבן אויפגערייצט די אַרבעטער־מאַסן, אַז ס'איז אויסגעבראָכן אַן אַלגעמיינער שטרייק, אומרוען... אָבער ס'איז ניטאָ קיין גרונט פאַר פאַניק. די רעגירונג דערשטיקט יעדער אַנאַרכיע־פּרוּוו, פון וועמען ער זאָל ניט קומען, נאָך אין זיין אָנהייב. די מאַכט רופט די באַפעלקערונג צו דערפילן איר בירגערלעכן חוב און זיך האַלטן אין די געהעריקע ראַמען, אַכטן דאָס געזעץ און די אויספיר־מאַכט... און ראַט אַלעמען זיך באַצייטנס צו באַזאָרגן מיט שפייז־פּראָדוקטן און זיך האַלטן אין זיכערערע צענטערס... אויסצומיידן יעדע עווענטואַליטעט אאַז"וו.

דער טאָג איז מיט אַמאָל פינצטערער געוואָרן. דאָס ווייטערדיקע שיפל האָט שוין געפירט די יידישע משפחה מיטן בעטגעוואַנט, מיטן גאַנצן פאַרמעגן, אויפגערעגט און דערנערווירט אין שטאָט אַריין. ס'האָט זיי גלייך גענומען שרעקן דאָס פאַרסאַזשעטע און אייל־געשמירטע פנים פון די מאַשיניסטן, וואָס האָבן געשוויצט אין גהינום־פייער ביי די מאָטאָרן, און ס'איז זיי נישט געפעלן די פינצטערע בליקן פון די מאַטראָסן, וואָס זיינען עפּעס ווי אויף דער לינקער זייט. דאָס שיפל איז געווען פול באַזעצט מיט משונהדיקע, קיין מאָל ניט געזעענע פּאַסאַזשירן. נאָר אין די קאַיוטעס האָבן די געוויינלעכע דאַטשניקעס דעבאַטירט די געשעענישן. אַלע זיינען געווען ביי איין מיינונג, אַז ס'איז אַ נידערטרעכטיקע חוצפּה פון די אַרבעטער גראָד איצט צו שטרייקעווען, ווען ס'איז ניט קיין סעזאָן. עפּעס אַן עקזאַלטירטער מאַן האָט אַפילו געדרשנט, אַז די רעגירונג וואָלט באַדאַרפט שאַרפער רעאַגירן. שיסן, פשוט שיסן אין די פינצטערע מאַסן אַריין — און פּטור אַן עסק. אין אַזוינע צייטן און מיט אַזוינע לייט זיינען איידעלע מיטלען אומנוציק. זיי פאַרשטייען דאָס ניט. נאָר עטלעכע ווייך־האַרציקע דאַמען האָבן ניט אינגאַנצן מסכים געווען. זיי האָבן געמיינט, אַז פּאָליטיק איז אַ זאַך, וואָס באַרירט אויסשליסלעך די מענער. פרויען דאַרפן זיך נישט אַריינמישן און טאָרן דערפאַר ניט ליידן. אויב שוין יאָ שיסן, איז שפּעטער, ווען מען וועט באַדאַרפן, מעניער צווישן זיך. צוערשט מוז מען

אָנווענדן ווייכערע מיטלען, אַהיים טרײַבן די אַרבעטערינס. מ׳קען דערבײַ, צום בײַשפּיל, זיך באַנוצן מיט וואַסער־פּאָמפּעס; אויב ס׳וועט ניט העלפן, איז ווײַזן אַן אַראַפּניק. ס׳איז צו בעסטיאַל פּרויען צו הרגענען.

ס׳האָבן זיך אָבער געפונען אויך אַנדערע פרויען, וואָס האָבן דערוויזן, אַז די פּראָלעטאַרן, אַזוי צו זאָגן, האָבן שוין באמת פאַרלאָרן יעדער מאָס פון דרך־ארץ און אָנשטענדיקייט און ווייסן ניט ווו איין און ווו אויס. שטעלט אײַך פאָר, אַז צוויי טעג נאָכאַנאַנד האָבן זיי, די דערציילערינס, אַליין געזוכט אַן אַרײַנגייערין און אַ הילפס־דינסט און ניט געקענט בשום־אופן קריגן פאַר אַ צוגענגלעכן פּרײַז. אַלע זײַנען מיוחסטעס און פאַר־שאַרט. ס׳פעלט זיי נאָר שטרײַקן, גרינגע לעבערלעך — און גיי צערעמאָניעווע זיך מיט אַזעלכע. מ׳וועט פּײַן אויסזען. נישקשה, מ׳שטאַרבט ניט פון שיסן. ס׳ביט אַזוי די מעשה.

די יידישע פרויען האָבן זיך אַוועקגעזעצט אָן אַ זײַט. זיי וואָלטן אויך געקענט אויסשיטן דאָס ביטערע האַרץ, אָבער ס׳האָט זיך עפּעס ניט געפּאַסט און זיי זײַנען געווען צופרידן, וואָס מ׳לאָזט זיי צורו און מ׳זאַטשעפּעט זיי נישט — נאָר זיי האָבן זיך, ווײַזט אויס, צו פרי געפרייט.

אַז דאָס שיפל האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן ברעג, האָט אַקעגן געשוואַרצט אַן אויפגערעגטע בייזע מאַסע, צוזאַמענגעדרענגט בײַם האַפן. שפּאַלערן פּאָליציי און סאָלדאַטן האָבן מיט פערד אָפּגע־צוימט איעדער וועג. אויף אַלע ווענט און לאַמטערנעס האָבן געקלעפּט שרײַענדיקע אַפישן מיט גרויסע אָנגעגעסענע אויפרופן און פעטן שריפט.

די מאַכטהאָבערס האָבן מודיע געווען, אַז די לאַגע איז פולקום באַהערשט. אַז דער שטרײַק איז דערליידיקט, אַז מ׳זעט זיך באַרעכטיקט און געצוווּנגען איבערצוגיין צו אַ פעסטערן רעזשים, דאָך ראַט מען די פרעמדע עלעמענטן, וואָס ווייניקער אויפרײַסן די אויגן פון דעם אָרעמען גראַד און קיינעם ניט ברענגען צו קנאה און פאַרצווייפלונג דורך הויכשטאַפּלערײַ, אויף צו פאַרמײַדן ניט־געוווּנטשענע עקסצעסן אאַז״וו.

און מ׳האָט געפּילט אין דער לופט, אַז דאָס מאָל וויל מען אָפּקומען בלויז מיטן שרעקן עמעצן. און די דאַטשניקעס אונ־דזערע, וואָס האָבן זיך אַרויסגעלייגט מיט זייערע פּעק און קלו־מעקעס פאַר די אויגן, האָבן אומזיסט געזוכט אַ לאַסט־אויטאָ, אַ פורל, אָדער סתם אַ טרעגער פאַר זייער באַגאַזש. די באַווע־גונג איז נאָך געווען געליימט און ס׳האָט נאָך געפּולווערט.

און די ווײַבער, באַקומענדיק די זאַכן זייערע, וואָס האָבן זיך פאַריתומט געוואַלגערט אונטער די פּיס, האָבן געמיינט:

— „ווי קלערט איר, וואָלט עס ניט געווען אַ פּלאַן אפשר זיך נאָך אומצוקערן אויף דער זומער־וווינונג, האַ?״

1933.

הור—רַא! הור—ר——

הור—רַא, הור—ר—

אַ סווישטשענדיקער גראַנאַט־שפּליטער האָט אָפּגעריסן פֿון דער נאַכט־כוואַליע אַ פֿײַערדיקע פֿליאַמע און זי פֿאַרשלעפּט מיט זיך אין אַ צעדרויבלטן ראָוו אַרײַן.

צווישן די פֿינצטערע הײַזלעך האָבן אַ הודזשע געטאָן צעטראָגענע קולות. עטלעכע שווערע שאָטנס זײַנען צוגעפֿאַלן צום עלנדן לאַמטערן פֿון ליקל און צום ראָזעוון שײַבעלע פֿון ריסל דער בעקערינס הויז.

— הור—רַא! — האָט ווידער אָפּגעהילכט אין דער לופֿטן. ס׳איז קענטיק געווען, אַז ערגעץ־ווּ באַרג אַרויף, צום באַלויכ־טענעם וואָקזאַל־צו, האָבן זיך דערנענטערט צעיושעטע מחנות אָנגרײַפֿער, אָבער אין שטעטל איז געווען שטיל. ערשט נישט לאַנג האָט זיך אויך אָפּגעטראָגן דער לעצטער וואַך־פּאָסט און געלאָזט אויף גאָטס באַראָט דעם צעכאַוּז און די קאַזאַרמעס. עמעצער פֿון די טאַלעקע־געסלעך האָט עס תּיכּף דערשמעקט — און באַלד האָט זיך דאָס גאַנצע שטעטל געוויגט און געוואָר־טשעט: — „סטײַטש, אָפּצוטאָרען פֿון „קאַזנאַ״ אַזוי פֿיל גוטס? ווּ איז עס געהערט געוואָרן, ווּ?״

אינצווישן האָט מען באַהאַלטענערהייט אָנגעצונדן קאַנעצ־לעך אין אַיעדער הויז און נאָך פֿעסטער פֿאַרהאַנגען די פֿענצטער מיט די שאַלן, קישנס און לאָקשנברעטער, וואָס האָבן דעם גאַנצן ווינטער ניט דורכגעלאָזט קיין שײַן אין דער גאַס אַרײַן, כּפֿי אַ באַפֿעל.

די שפּאַלטן פון די פאַרפרענטעוועטע טירן האָבן באַלאַגערט די איבערגעשראָקענע מאַנסבילן און געציקלט אויף אויסווייניק פאַרדבקהטע לַמנצחס אין פאַרכמאַרעטן הימל אַרײַן. די ווײַבער האָבן ספּאַזמאַטיש געבראָכן די פינגער און אויפגעיעכצט נאָך יעדן שאָס און קנאַל, אָדער גיפטיק געשאָלטן:

— „אַז טאָרען זאָל אים שוין דער מלאך־המוות, גאָטעניו זיסער! שפּילסט זיך מיטן „טשעכאַוועס", שפּילסטו זיך?" — און געהאַלטן אין איין אַרומהאָפּקען צווישן דעם אויפגערעגטן קליינוואַרג.

די מאַנסבילן האָבן זיך ניט אַרײַנגעמישט אין ווײַבערשן שילטן און וואָרטשען, נאָר עפּעס מאָדנע בייז אַראָפּגעשלונגען די ליידיקע קעל און בשעת־מעשה געכאַפּט אַ קוק צו די געוועלב־ראַפּטן, וואָס זײַנען שוין פון לאַנג געווען פּוסט און ס'האָט אויף זיי געזעצט זיך אַ פאַרפאַפּטער שטויב — און ניט איינער איז בײַ זיך מסופק געוואָרן, צי איזס טאַקע אַזאַ גרויסער חטא געווען, ס'זאָל אָפּגעהיט ווערן...

פּלוצים האָט זיך צעוואַקסן אַ רעש אין גאַס. עפּעס אַ יידענע האָט זיך צעלאָזט אויף דער הויכער געמבע, אײַנגע־לייגט וועלטן מיט אַזאַ קוראַזש, אַז ס'איז אוממעגלעך געווען צו דערגיין, וואָס זי וויל, אייגנטלעך, אָבער ווי נאָר די ווײַבער פון די אַרומיקע הײַזער האָבן דערהערט דאָס קול פון אַ זייערס גלײַכן, זײַנען זיי בײַ זיך פעסטער געוואָרן, אַוועקגעשאַרט די מענער פון די טירן און זיך דערלויבט אויפצושפּאַרן אַ לאָדן און אַרויסרוקן אַ נאָז אין דרויסן אַרויס. צו ביסלעך איז מען נאָך דרייסטער געוואָרן און זיך בגנבה אַרויסגעכאַפּט אויף דער אָפּי־צינע. דאָס קליינוואַרג האָט זיך אויך גלײַך נאָכגעשאָטן און מיט זיי דער ראַבער קאָטער אין אַ פינצטערן מיאַווקען.

— „שאַט, שאַט, לאָמיר אויך הערן, וואָס מאַכט איר פאַר אַ גוואַלדן?" — אָט אַזוי איז מען באַפאַלן די יידענע, וואָס האָט אַלץ ניט אויפגעהערט צו געבן ווערטער. ס'איז געווען דבורה די גבאיטע, די צדקה־קלײַבערין פונעם געסל. זי איז געשטאַנען אין הוילן פּעניואַר. דאָס שטערן־טיכל פאַררוקט און

די הענט פאַרקאַטשעט אויפן בוזעם און געפּײַערט מיט פּעך־ און־ שוועבל אויף עטלעכע מענער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן בײַ די ווענט, טראָגנדיק אויף די פּלייצעס מעל־זעק, שוכוואַרג, מאַנטלען און אַנדערע מיליטער־קליידער.

— „גזלנים", יידן זאָלן אַזוינס טאָן? יידן, מ'ברענגט אונדז אויפן פײַער, אויפן מזבח, גוואַלד!"

— „שאַט, שאַט, פאַרדריפּעטע גבאיטע" — האָט איינער פון די באַפאַלענע ניט געקענט מער אויסהאַלטן און צוריק גע־ שאָסן: — „גענוג האָט מען זיך געבאָברעט אין אונדזערע קישקעס, כוליגאַנעס. נשקשה!"

דער ליאַרעם איז פּחדים־גרויס געוואָרן. די יאַטקעס, וואָס האָבן געפינצטערט אין מיטן געסל, האָבן אײַנגעשלונגען פאַרשיי־ דענע לײַט צווישן זייערע ליקלעך און אַרויסגעלאָזט אַ מוראדיק סקאַוווטשן פון הינט. קרעפּטיקע בחורים האָבן אַרויסמאַרשירט אויף די שטיינערנע טראָטואַרן, מיט צעוואָקסענע פּנימער און מאָגענדיקע הענט, פון ערגעץ־ווו דערבוועט ביקסן, נאַגאַנען און קרומע טשערקעסישע יאַטאַגאַנען, געפּאַכעט מיט זיי אין דער לופט, געפּרוווט יעדער רגע די שלעסער פון ביקסן און די פּאַד־ קאָוועס פון זעלנערישע טשיזמעס. נאָך זיי זײַנען אָנגעקומען דיק־בײַכיקע קאַלבאַסניקעס און חזירניקעס, מיטגעבראַכט טיפע טאָרבעס און געניטשעט דעם הפקר אין יעדער לאָך. דזוּעענדיק זיי, איז די יידן שיר דער מאַמעס מילך ניט אַנטרונען.

— „אַ שיינע מעשה, ערלים וועלן צעשלעפּן דעם גאַנצן מאַיאָנטעק, און דערנאָך וועלן יידן דאַרפן באַצאָלן מיט דער אייגענער הויט! זעט איר, וואָס ס'הייסט גלות?".

אין סאַמע מיט פון דער סומאַטאָכע האָט זיך ראַפּטאָם דורכגעטראָגן איינער אין אַ פּאָר ווײַסע מײַטקעס, מיט אַ סאָל־ דאַטיש רעקל אויף זיך. ער איז געלאָפן פאַרסאָפּעט און זיך אַלע מאָל ספּאָטיקעס אין די שנירלעך פון די צעשפּילעטע קאַמאַשן.

— „אַ, אַ, זיך פאַרשלאָפן" — האָט זיך דערהערט אַ שפּאָטיש געלעכטער הינטער אים. דער לויפנדיקער סאָלדאַט איז ווי אַ צעדולטער אַרויף אויף די טראָטואַרן, ניט געוווּסט ווו צו פאַר־

שווינדן, זיך געוואָלט אַריבערכאַפּן אַ זײַטיק פּלייטל, נאָר ער איז געשטרויכלט געוואָרן און אַ פאַל געטאָן אויף זיך: — „וואַליו, וואַליו" — האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ האַרץ־רײַסנדיק געשריי אין דער אַדמה אַרײַן.

— „יידן, וואָס הייבט מען אָן טאָן?" — האָט דבורה די גבאיטע די ערשטע זיך אָנגערופן — „מ'דאַרף אים פאַרכאַווירעוועןן ערגעץ. ס'שמעקט מיט סכנת־נפשות"...

— „וואָס מ'טוט? די וואָס האָט אים מזנה געווען, זאָל אים איצט מפרנס זײַן" — האָט אַ שמייכל געטאָן לשון־קודשדיק אברהם־פּעסעס, אַ נידעריטשקער שוסטערל, וואָס האָט זיך בנעימות־דיק געגלעט די וואָנסע, צופרידן פונעם אייגענעם חכמהלע — „זעט בעסער, ווי יידן ווערן נתעשר אין איין הרף־עין. מ'שלעפּט פון כל טוב" — און ער איז זיך שיר ניט צעגאַנגען פאַר קנאה, זעענדיק, ווי מ'האַלט אין איין שלעפּן פון צעכאַוז. אָבער אַליין אויך גיין נעמען אַ חלק האָט ער אי מורא געהאַט, אי ס'איז אים ניט אָנגעשטאַנען צו זײַן באַלעבאַטישקייט.

— „ווער ס'איז זיי מקנא" — האָט שפּרינצע די טוקערין אַרײַנגעוואָרפן אַ וואָרט — „זאָל פון בעסערס ניט וויסן. אָבער דאָס נפש דאָ דאַרף מען באַהאַלטן".

— „זאָל אים די מאַכליאַרקע, די בעקערין, אַזוי גוט זײַן און באַהאַלטן, צוליב איר טאָכטערס וועגן. געהערט אַזוינס?"

— נו, נו" — האָט די גבאיטע פאַרשטאָפּט דאָס מויל — „צו וואָס יענעם באַריידן אין אַזאַ צײַט. אָבער אויב מ'וועט דעם דאָ חלילה מאַכן די זאַך, קען, די שעה זאָל גאָרנישט געמאָלט זײַן, כלל־ישראל אַוועק מיטן פײַער. מ'זאָל גאָרניט געפּרווט ווערן, רבונו של עולם!"...

— „און איך זאָג ווידער מײַנס, די בעקערין קאָן אים דאָרט באַהאַלטן אויפן אויוון. ער איז דאָך דאָרט געפּאָפּן און פאַרלאָרן דעם פולק" — האָט דער שוסטער זיך נישט געלאָזט און געוואָלט אַיעדער זאָל פאַרשטיין זײַן מיין.

אָבער דער סאָלדאַט איז שוין לאַנג אויסגעווען די צײַט, פאַרשוונדן אונטער ד'רערד. פּלוצים האָט אַ פערד געטאָן

אַ פּירסקע און אַ הויכער שייגעץ איז אָנגעקומען רייטנדיק. ער האָט געהאַלטן אַ רעוואָלווער אין זײַן רעכטער האַנט, אַ סטורקאַטש און דער לינקער און מיט זײַן בלוטיק פאַרשמירטן פּנים אויסגעזען ווי אַ שווערע גליבע באַוועגלעכער נעפּל.

— „ווו איז דער פאַרבליבענער „מאָסקאַל" (סאָלדאַט)?" — האָט ער בייז און רציחיש געגלאָצט מיט די אויגן.

— „נישט געווען דאָ קיין מאָסקאַל" — האָבן די ווײַבער זיך געגעבן אין דער זײַט אַרײַן.

— „דאָ איז ער געווען, כ'האָב אַליין געהערט" — האָט דער שייגעץ זיך צעשריען.

— „זוך אַרום, אפשר וועסטו אים נאָך געפינען" — האָט דאָס שוסטערל הכנעהדיק זיך געטרייסלט ווי אַ ווײדעלע.

דער שייגעץ איז אַרויף מיטן פערד אויפן שטיין-טראָטואַר, עטלעכע מאָל באַלויכטן די פאַרשיידענע ווינקלען, דערנאָך צוגעפאָרן צו ריסל דער בעקערינס הויז און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

ריסל די בעקערין איז געווען די איינציקע יידענע, וואָס איז ניט אַרויס אין דרויסן זינט דער בהלה אָן; פאַרקערט, זי האָט אַפילו אויסגעלאָשן דאָס רויטע שיינדליקל פונעם ראָזע שייבעלע, וואָס האָט כסדר דאָרט געברענט ווי אַ יאָרצײַט-ליכט. די טיר איז געבליבן פאַרריגלט און קיינער האָט זיך ניט גערירט צו עפענען דעם קלאַפּער.

— „מאַך אויף, „פּאָטאַסקוכאַ" (זונה) — האָט דער שייגעץ ווידער אָנגעקלאַפּט נאָך שטאַרקער. די טיר האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעפּראַלט און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן ריסל דער בעקערינס טאָכטער אין אַ רויטן כאַלאַט מיט צעשויבערטע האָר אויפן בלאַסן, מיט בלאָע צייכנס פאַרלאָפענעם פּנים.

— „ווילסטו ברויט קויפן?" — האָט זי טרוקן און נערוועז אַ פרעג געטאָן.

דער שייגעץ האָט אַ צי געטאָן די וואָנסע. די רוסישע „פוראַזשקע" מיטן אָפּגעשאָסענם דעבעק האָט אַ ציטער געטאָן אויף זײַן טשובאַטן קאָפּ און ער האָט אַ ריר געטאָן די לייצעס פונעם פערד:

— „אַ גוטע נאַכט, „קראַסאַוויצע" (יפפיה)" — האָט ער אַ הויכקע געטאָן און אָפּגעצויגן אין דער פינצטערקייט אַרײַן.

אַז די טאָכטער האָט צוגעמאַכט די טיר, איז ריסל אַליין געשטאַנען הינטער איר, מיט שפּיזיקע גאַל־אויגן אַרויסגעקוקט, אַ געדיכטן שפּײַ געטאָן און געזאָגט:

— „טיאָמני־נאַראָד" (פינצטערער עולם). זייער שטיקל אַרבעט, „אָבער ס'האָט זיי ניט געגליקט".

זי האָט פאַמעלעך דערשלעפּט זיך צו אײַנגעקוטעטע ראָשטשינעס, ווי מ'גייט צו צו שלאָפנדיקע קינדערלעך, זיי אַ גלעט געטאָן איבער די געװירענע בײַכלעך, ווידער גוט אײַנגעדעקט און אַרײַנקוקנדיק אין דעם טיפן שוואַרצן אויוון אַרײַן, ווי אין אַ פינצטער יאַר, האָט זי אַ שווערן זיפץ געלאָזט, געווענדט צום קוימען:

— „אַז ער שרײַבט ניט פון בראַזיל, קיין אײַנגעטונקטע פען. צען יאָר אַז אַ מענטש איז אַוועק און געלאָזט אויסגיין ווי אַ ליכט. אַ טײַערער „געניידעם"... אַ טײַערער".

פון דעם צווייטן אַלקער האָט זיך דערהערט אַ סקריפּ פון בעט און דערנאָך דער טאָכטערס אַ פּרעטענזיע:

— „וואָס באַלאַמוטשעסטו דאָרט אין אויוון אַרײַן, וואָס? לייג זיך שוין אַוועק אַמאָל".

די אַלטע בעקערין האָט צונויפגעשטעלט די איבערגעבליבענע קלעצלעך פון שטוב און זיך אויף זיי צוגעשפּאַרט בײַ אַ מולטער. אירע אויגן האָבן זיך מיד אויסגעלאָשן, נאָר די ליפּן האָבן נאָך אין קריאת־שמע אַרײַן אײַנגעבראָקט די טענות צו דער גאָרער וועלט, וואָס האָט זיך איר געמערעשטשעט לעבעדיק אַרום זיך. און פון דער קריאת־שמע אַרויס האָט זיך איר צעוויקלט דער גאַנציאָרעוודיקער טאָג און זי האָט אים איבערגעקנאָטן און צעפּלאָכטן אויף איר שטייגער. געגומען אויסגיסן אים מיט איר פינצטער האַרץ פאַר די קונים, וואָס האָבן בײַ איר געדונגען ברויט און געוואַרט זי זאָל זיי עס אָפּוועגן מיט איר שטיין־געוויכט.

עמיצער האָט זי אויך כמו ווי געטרייסט:

— „וואָס־זשע ערגערט איר זיך אַזוי, ריסל לעבן? מ׳ווייסט ווער זיי זײַנען און ווער איר זײַט".

— „ווער איך בין" — און איר איז אַזש צוגעקומען אַ שטיק געזונט אויף דער רעכטער אמתן, אויס געזוכט פֿאַר די לײַטישע קויפערינס אַ בעסער ברויט און גענומען זיך אויסשטעלן: — „יעך בין אַליין פֿון „קראַינע", בין יעך, פֿון „פּדאָליע", ניט פֿון אַזאַ האָלאָדראַנסקע שטאָט, מ׳שטיינס געזאָגט, סעקוריווקער אָציבערן" — און דערבײַ האָבן זיך די באַוואָנסלטע ליפּן בײַ איר פֿאַרשנירט מיט אַ זיפֿץ. און נאָכדעם ווי ס׳לעצטע פֿאַרשפּעטיקטע מיידל איז אָנגעלאָפֿן נאָך אַ ברייטל, איז זי אַרויס פֿאַררוקן די לאָדן. נאָר דאָס קליינע שײַבעלע איז ווי שטענדיק געבליבן מיט־ רויטן שײַן.

אין דער צײַט האָבן זיך שוין יידן אַהיים געלאָזט פֿון מעריב דאַוונען. געוויינלעך איז דער ערשטער פֿאַר אַלע אויס־ געוואַקסן דאָס יאַדישליווע שוסטערל אברהם פּעסעס, געהוסט און געלאָפֿן אײַנגעבויגן אין דרײַען, ווי אַ צעטראָטענע פּאָדעשווע. דער בײַכיקער רימער זײַנוועל האָט גלײַך לעבן פֿענצטער פֿאַר־ צויגן דעם שווערן גאַרטל אויף זײַנע לענדן און זיך געשטעלט דרשענען (אָבער ווער הערט אים דען, דעם פּיסקאַטן דאַרן כרישטש?). דער ליטוואַק דער בעדער איז אויך געווען מיט זײַנע היקעוואַטע ווערטעלעך. ס׳וואָלט בעסער געפּאַסט, ער זאָל זיך גיין אין זײַנע חדרים, אין באָד אַרײַן דאַרטן, און זאָל פֿרײַטאָג פֿאַרנאַכט ניט פֿאַרשפּעטיקן מיטן שרײַען: אין שול אַרײַן, כּדי זי, ריסל, זאָל וויסן ווען אָנצוצינדן די ליכט און פֿאַררוקן דעם טשאָלנט. נאַ, ט׳האָסטו דיר אַזאַ אָנשיקעניש צו די צרות! ווי זיי האָבן דאָס ניט קיין חרפּה און קיין בושה, זיך אַוועקצושטעלן פֿאַרן פֿענצטער! מיט אַן אָקרעפּ וואָלט זי זיי אָפּגעפּאַרעט — ס׳איז נאָר אַ גליק, וואָס, ווי כּסדר אין דער צײַט, האָט אין טונקלקייט געטאָן אַ פּײַף דער קאַזאַרמע־טרומייטער און די סאָלדאַטן האָבן זיך געלאָזט ראַפּטאָם צו כאַפּן, ווער אַ קאָרן־ ברייטל, ווער אַ מאַלאַי, אָדער סתּם אַ פּלעצל. דערזעענדיק די לויפנדיקע זעלנער, איז דאָס קופּקעלע זיך צעקראָכן אַהיים און

זי האָט געקענט אַ מינוט כאַטש אַרויסשטעקן דעם קאָפּ צו דער פּריזבע אָנקאָרמענען איר ציג. די סאָלדאַטן זײַנען דערווײַל געזעסן בײַ איר אויף דער קושעטקע און געוואַרט, זי זאָל זיי דערלאַנגען עפּעס.

ווי נאָר זי איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זיך געיאָוועט אויף דער שוועל די טאָכטער, אַ ביסל צעשויבערט און פּאַרקוקט אין פּאַרנעפּלטע אויגן — און בײַ איר, בײַ ריסלען, האָט געשטאָכן דאָס מאַמישע האַרץ צו זען די טרייפענע שמייכלען אויף די פּויערישע ברודיקע פּנימער. נעכאַי־בי וואָלטן זיי זיך כאָטשבע געווען אָפּגעשאָבן די מאָרדעס, די באַוואַקסענע; נאָר אַז מ׳קלערט צוריק, איז אויף זיי אַ רחמנות. ס׳איז אַ ביטער פּעקל די דינסט. אַי, אַי, ווי מ׳ווערט פאַרשוואַרצט! און אַזוי קלערנדיק, האָט זי דאָס וויפילטע מאָל געטאַרקעט די סאָטע ציג, וואָס גאָט האָט איר באַשערט, אַ מין אָפּקומעניש אויף דער וועלט: אַז ניט ס׳מעלקט זיך און ניט ס׳וויל פּגרן, און מ׳דאַרף ממש מיט דער נאָז ראָיען אַרום דרינען. און אַז זי האָט זיך שוין אָפּגעטאָן אירס מיט דער ציג און אַרײַן אין שטוב אַרײַן, האָט איר ווידער אַ שטאָך געטאָן דאָס האַרץ — סטײַטש, ווו איז דאָס אַהינגעקומען איינער פון די סאָלדאַטן, וואָס איז ערשט דאָ געזעסן מיט די אַנדערע? און די טאָכטער אירע... ווי לאָזט מען דאָס פּויערים אַליין אין חדר? און וווהין איז זי דאָס אַוועק? נאָך וואָס זיך פּאַרמאַכט דאָרט אין איר אַלקער? אַי, אַי...

און זי האָט טיפער אַרײַנגערוקט דעם קאָפּ אין אויוון אַרײַן און שטיל געשעפּטשעט:

— „אַז אַ מאַן לאָזט פון זיך גאָרניט הערן. געלאָזט אַזאַ יונגע עגונה, בלוט און מילך, מײַנע ווייטאָגן אויף אים... יאָ, יאָ, אַ מצווה אים, אַ מצווה"...

דערווײַל זײַנען זיך פון די געסלעך צונויפגעלאָפן אָפּגע־ריסענע, אָפּגעשליסענע גאַסן־קינדער, אַרויפגעכאַפּט זיך אויף די פענצטער־געזימסן און אַרײַנגעקוקט אין רויטן שײַבעלע אַרײַן, ווו ס׳זײַנען געהאַנגען אויף אַ שנירל צוקערקעס, פּאַטשערקעס און בייגל און זייערע זשעדנע אייגעלעך האָבן געפינקלט דורך די

טאַוולעס, ווי גנבישע בריליאַנטן, און געשטאָכן ביז דער זיבעטער ריפּ. האָט זי געכאַפּט אַ בעזעם און זיך געלאָזט אויסגיסן איר פינצטער האַרץ אויף זייערע קעפּ. און אַז זי האָט זיך אומגע־קערט, האָט זי שוין ניט געפונען אויף די איבעריקע זעלנערוקעס, אַלע זײַנען ווי אין דער ערד אַרײַן.

און זי איז געבליבן אַליין צווישן די ראָשטשינעס און האָט געפילט, ווי די האָר אונטער דער פאַטשיילע הייבן זיך בײַ איר איינציקוויַז אויף און ווערן גרוי און פאַרקוילט. און אינדער־מיט האָט זי זיך געכאַפּט און געלאָפן באַקוקן אירע קינדערלעך, די מולטער מיט טייג — און אַזוי איז מיט אַמאָל פינצטער גע־וואָרן די איצטיקע נאַכט — אַזאַ נאַכט, אַזאַ נאַכט...

מיט שווערער מי האָט זי דערוואַרט דעם טאָג. אין שטעטל האָט געגליוועט אַ טויטע שטילקייט. עפּעס זײַנען אַלע טירן, ווי מ׳וואָלט זיך אָפּגערעדט, געווען פאַרהאַקט און ריסלען האָט אַזש גענומען אַ שרעק, ווײַל ווי אַ זאַך מאַכט זיך, מ׳איז דאָך ניט מער פון אַ מענטשן, טאָמער באַדאַרף מען חלילה עמיצן.

די לופט האָט געקנאַלט און געקראַכט, ווי אין אַ צעזשאַ־רעטן אויוון. יעדער קנאַק צום דול ווערן. אָט איז דורכגעלאָפן די גאַס אַ פרעמד יידל מיט פאַרהייבענע פּאָלעס און אַ ממזריש פּײַערל איז אים נאָכגעלאָפן. דער ייד האָט זיך אַרײַנגעקאַטשעט אין אַ קאַנאַווע און ווען ער האָט זיך ווידער אויפגעהויבן, איז די קאַפּאָטע בײַ אים געווען געלעכערט פּאָפּערעק. ערגעץ איז פּלוצים פון זיך אַליין אײַנגעפאַלן אַ ליימענע וואַנט. מ׳האָט געהערט שרײַען אָן אַ פאַרוואָס און פאַרווען. און דאָ האָט זיך די טאָכטער איר אָוועקגעלייגט און געמינעט און געקנייטשט זיך, עפּעס ניט ווי איר טבע איז.

— „וואָס איז מיט דיר, וואָס?"

דאָס האַרץ איז ממש אָפּגעשטאָרבן דער בעקערין פאַר זאָרגן און אַרויסשטעקן די נאָז אין גאַס האָט זי ניט געקענט, און ווען וואָלם זי דען געהאַט צו בעטן הילף, האַ? אַז מ׳זיצט צווישן גזלנים, ערגער ווי אין אַ וואַלד — און דערווײַל האָבן אַלץ שטאַרקער געציטערט די פענצטער. די שכנים האָבן זיך

געבאָברעט אויף די בוידימער אין די קעלערס, מ׳האָט אַוודאי באַהאַלטן די מאַיאָנטקעס זייערע מיט זייערע אוצרות.

זאָלן זיי זיך שלאָגן קאָפּ אין דער וואַנט. צו איר זײַנען זיי אַפילו ניט געקומען אַ וואָרט זאָגן. זיי האָבן מורא געהאַט „מוציא־לפּוציא״ זײַן, טאָמער וואָלט זי אויך אַ טשוואָק באַהאַלטן. אַי וואָס, מ׳שטיינס געזאָגט, זי האָט שוין צו באַהאַלטן, ס׳ביסעלע אָרעמקייט אירס? און צווייטנס, וואָלט זי אַזוי מורא געהאַט פאַרן מלאך־המוות, ווי זי האָט מורא, מ׳זאָל בײַ איר עפּעס רירן — מ׳שפּילט זיך עס מיט איר טאָכטער? יענע, אַז זי טוט אַ קוק אויף די ערלים, באַקומען זיי גלײַך די מיתה־משונה און ניט נאָר אַ „יענעראַל״, אַפילו דער שעף אַליין ווערט נאָך איר די כּפּרה— אַז אויסגעריסן זאָלן נאָר ווערן די וואָס באַריידן זי, גאָטעניו זיסער!

און זי האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגערוקט אויף הינטערווײַלעכץ פון דעם אָרט ווו זי איז געשטאַנען און אַ קראַץ געטאָן מיטן שפּיזל די פּאַטילניצע און דער צעיאָטערטער אויער אירער האָט געלוישט אַ שטיל כליפּען פון דעם טאָכטערס בעט. זי האָט זיך געוואָלט לאָזן העלפן דעם קינד אירן, אָבער די פיס זײַנען ניט פון אָרט. האָט זי ניט ווילנדיק געכאַפּט אַ קוק דורכן פענצטער אין גאַס אַרײַן און ס׳איז איר אַ ביסל גרינגער געוואָרן אויף דער נשמה, וואָס די טײַערע שכנים ליגן אין די לעכער און האָבן מורא דעם קאָפּ אַרויסצוווײַזן. זי וואָלט נאָר וועלן, ס׳זאָלן צוריק אַרײַן די פריִערדיקע סאָלדאַטן, ס׳איז מיט זיי גרינגער צווישן יידן, באמנות, זיי נעמען ניט אַזוי אַרויס די נשמה און מ׳קאָן בײַ זיי אַמאָל אויך פאַרדינען דאָס אויסקומעניש. הײַנט האָבן זיי ניט אַזאַ פּיסק ווי יידן. אַי, דער יידישער פּיסק! ער ליגט איר שוין גוט אין די ביינער.

— „טאָכטער־לעבן, זאָל איך דיר דערלאַנגען אַ טעפּעלע ציקאָריע?״ — האָט זי אַרײַנגעשריען דורך דער טיר.

זי האָט עפּעס אָן אַ פאַרוואָס ניט ליב געהאַט אַרײַנצוגיין אין יענעם צימער אַריין. ניט געקאָנט צוזען, ווי ס׳הענגט דאָרט זיין בילד, דעם גזלנס, דעם שיינעם געניידעם אירן, וואָס האָט

זיי אַזוי מיאוס באַהאַנדלט, און זײַן תפילין־זעקל, אויסגענייט מיט איר טאָכטערס גילדענע הענט, און דאָס בעט זײַנס, וואָס שטייט נאָך עד־היום אַזוי. און וואָס איז דאָ צו קלערן: ווייניק געזונט קאָסט עס אָפּ דער טאָכטער, צו זען אים אַזוי אויף דער וואַנט, אַ שטומע לאַליע און גאָרניט? אײ־אײַ, טאָכטער לעבן...

אָבער פּלוצים האָט אַ שרעקלעכער קוויטש איר צעשלאָגן די געדאַנקען:

— „מאַ—מע! העלף, מאַ—מ—ע! ס׳שפּאַרט אונטערן האַרץ. אַן אַקו—שער—קע, מ—אַ—מע!"

— „גאָט איז מיט דיר, קינד מײַנס, שאַ־שאַ, נאָר שטי־לער" — האָט די בעקערין פאַר גרויס ס׳באַלמוטעניש אַליין ניט געוווּסט, וואָס זי מורמלט — „ווייסט דאָך, מיר זיינען צווישן שונאים, אוי, קינדעניו, שאַ־שאַ"...

אָבער די שכנים האָבן שוין דערהערט דאָס קול, וואָס האָט אויפגעציטערט און געבראָכן די מוראדיקע שטילקייט. די צניעות־דיקע ווײַבעלעך האָבן פאַררויטלט אַראָפּגעלאָזט די קעפּלעך מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכעלע:

— „וואָס איז שייך, אַזאַ מזל. גראָד ווען די גאַנצע שטאָט ליגט פאַרשטעקט אין די לעכער. אויסגערעכנט, וואָס? פאַרשפּאָרן אַ לעקעך און בראַנפן, כע, כע. ס׳האָט צוגעשפּילט"...

פון ערגעץ־ווו האָט זיך צעקאָטשעט אַ שווערער וואָלקן־גול מיט האַרמאַטן־דונערן און ווען ער האָט גענידערט איבערן שטעטל, האָט ער אין זיך אָנגעזאַפּט דער קינפּעטאָרינס צווייטן געשריי און ווי אַ טרוקענער גרויל, אַ שמײַס געטאָן מיט אים איבער די לאַכנדיקע ליפּן און פאַרפּאַטשט דעם שמייכל אויפן פּנים. — — —

.1932

דער פּיטעשטער וואָלף

ווער קען ניט דאָס דאָרף נאָוואָסעלט און זײַן לידל, וואָס לצים האָבן צונויפגעשטעלט:

נאָוואָסעלט — איז דער עק פון דער וועלט.

דאָרט איז געבאָרן געוואָרן יאַקים טאַטאַר, אין אַ כאַטע ווי אַ מאָזאָליע אויף אַ בערגל, בײַ אַ זײַט פון סטאַוו, ווו חזירים פּליושקען זיך. און אַז יאַקים האָט אַ פּאָר יאָר אויף זיך אַרויפגעשלעפּט, האָט ער אויך אַרײַנגעכאַפּט אין זיך דעם פאָטערס באַפעל, אַז דאָס איז זײַן עובדה אויף דער וועלט: די חזירים צו שפּײַזן — און פון זיי געשפּײַזט צו ווערן. ער איז געוואָרן אַ טשובאַן, אַ פּאַסטעך, אַ חזיר-טרײַבער. אַ קליין גויעכל מיט אַ גרויסער קוטשמע. די קוטשמע האָט, וואָס אמת, אים ניט קיין חזיר פאַרזאָרגט, נאָר אַ זיך געפּעלט לעמעלע. הויזן האָט אים זײַן פאָטער פון איין פּאָר פאַרבליבענע תחתונים צוויי צוגעשניטן, און אַ סענקעוואַטן שטעקן האָט אים דער וועג אַ מציאה צוגעלאָזט. יאַקים איז אַ גליקס-קינד געווען.

אַ רירעוודיק שייגעצל מיט אַ פּאָר ביסטרע שוואַרצע אייגעלעך, ווי בײַ אַ ממזרל, און מיט אַ סקאָליעטשעטער ליפּ פון עפּעס אַ ניט גוט געצילטן שטיין — און דערפאַר טאַקע אַ ליפּ, וואָס קען אויספײַפן די שענסטע לידלעך און קען ניט נאָר צונויפרופן פייגל, שאָף, לאָשיקלעך און הינט מיט איין פּיפס, נאָר אויך וויינען איבערן ווינט, וואָס איז עלנד אין געמויזעכץ, און איבערן מאָרגן-שטערן, וואָס האָט צו פרי אויפגעהעלט, ווען אין טאָרבע איז נאָך קיין שטיק ברויט ניט פאַראַן.

אין דעם סטאַראָסטעס ביכער איז דאָס יאָר פון יאַקימס געבאָרן ווערן געגוי געמערקט, און ניט באָר דאָס יאָר, נאָר אויך דער טאָג און זײַן טאַטנס עסק און זײַן מאַמעס יחוס, פאַרצייכנט זײַן אייגענער און פאַמיליע־נאָמען און אַלע סימנים און פּישטשעווקעס, ביזן לעצטן דור — ווײַזט אויס, אַז דער סטאַראָסטע האָט דערמיט עפּעס אַ מײַן און אפשר אויך אַ רעכט דערויף. נאָר יאַקים ווייסט דערפון ניט, און ווי זאָל עס באמת זײַן קאָפּ משיג זײַן, וואָס אַ שטייגער האָט דער אַלטער שרײַבער, נאָך פון פּאָניעס גוואַרדיע, אַן אָפּגעדינטער און סקאָנטושעטער פויער, אַ פּיפּקע־רויכערער און שפּאָט־טרײַבער, וואָס האָט ער, אַבייטעך, אַרײַנגעלייגט אין דעם געבורט פון אים, יאַקימען? אַז בסך־הכל האָט זײַן פאָטער, וואַסיל טאַטאַר, ווען ער איז נאָך אַ שייגעץ געווען, געוווינט אין אַלדע רוחות און געהאַט אויסצושטיין דאָרט קעלטס און וואַרעמס פון דעם רוסישן גובערנאַטאָר, וואָס האָט אים געטריבן „דורכן סטראָי". ניט געוואָלט האָט דער גובערנאַטאָר, אַז דער בויאַן וואַסיל, ווי ער האָט אים גערופן, זאָל זיך באַזעצן אויף ערד און זאָל ווערן אַ טאַטע. פאַר אים, פאַר וואַסילן, האָט ער געפונען אַ בילכערע אויפגאַבע: ער האָט אים געוואָלט פאַר אַ שמײַסער, אַ קוטשער בײַ זיך. און לויט זײַן אײַנזען, איז אַ קוטשער ווי אַן אָגער: אַלץ בעסער, וואָס ווייניקער סימנים פון זייער מאַנסבילשקייט זיי פאַרמאָגן — און ער האָט אים געהייסן מאַכן די זאַך.

אָבער וואַסיל האָט געלייגט אַן אויג אויף קאַטערינע די קעכין און מיט איר איז ער אַוועק. געלאָפן איז ער אין דער בעסאַראַביע, ווו מ'האָט געשמועסט, אַז קאָלאָניסטן ווערן מיט גאָלד געוווּיגן — באַקומען אַ קרענק און מיט נסים זיך אויסגעבויט אַ קליינע כאַטע. אײַנגעביסן זיך מיט די ציין אין אַ מאָגער שטיקל ערד און אויף דער ערד געבראַכט צו דער וועלט יאַקימען, אַ שטיקל הילף אין דער נויט.

וואָס־זשע, אַ שטייגער, איז עס טאַקע אָנגעגאַנגען דעם סטאַראָסטע? צו וואָס האָט ער אים געציילט די יאָרן? אַז יאַקים אַליין האָט קיינמאָל ניט געוווּסט, ווי אַלט ער איז און אויך ניט

געוואָלט וויסן. גיכער האָט ער געקענט נאָכציילן, וויפיל הארבסטן עס האָט שוין אויף זיך דער אָנציינערדיקער הונט זייערער, וואָס גייט אַ וועג; וויפיל ס׳איז דאָס קאַשטאַנען־פלעקיק לאָשיקל און אין וועלכן חודש די קליינע חזירימלעך זײַנען. חזירים, אַז מ׳וויל זייער פלייש זאָל זײַן באַטעמט, דאַרף מען זיי באַצײַטנס באַשנײַדן, און דערויף האָט ער אַכטונג געגעבן.

יאַקים איז אַ פאַרחידושטער געוואָרן, ווען ער האָט אין אַ ליאַדע פרילינג באַמערקט, אַז ער קען פון דעם ביימעל, וואָס פריִער האָט ער ניט געגרייכט זײַן מיט אַפילו, איצט פראַנק־און־פרײַ באַצופּן די ווײַנשל־צווײַגן. אויך האָט ער זיך אויף אַ פערד גיכער אַרויפגעכאַפּט ווי אַנומלט, און אַז ער האָט אַ נעם געטאָן אַ קליין שעפעלע, האָט ער עס געטראָגן ווי אַ פעדערל. ער האָט דערפאַר דעם פרילינג געיעכצט גלײַך אין פנים אַרײַן ווי אַ גע־רירטער און אויך דער יעכץ איז געווען מאָדנע שטאַרק און פון אַ גאַר ברייטערער ברוסט — טײַך און וואַלד האָבן זיך אויף זײַן יעכץ אָפּגערופן — און דאָס האָט וואָס צו באַדײַטן.

פון וואַנען קוואַלט אין אים אַזאַ גבורה? ווער האָט עס אים באַשערט? וואָס האָט עס מיט יאָרן צו טאָן? ווער האָט אים געקענט זאָגן באַשייד? וועמען איז עס דען אָנגעגאַנגען?

יאַקים האָט זיך גליקלעך אַרומגעטראָגן מיט זײַן גבורה — ער האָט אָבער פון איר אויך געהאַט אויסצושטיין.

פאַרוואָס האָט אים איצט אַיעדער רויט קליידל, וווּ ס׳זאָל זיך נאָר ניט באַווײַזן, גערופן, געמאָנט, געטאָרעט? פאַרוואָס האָט ער איצט געמוזט וואַרפן שטיינער צו אוליאַנען, יעדעס מאָל, ווען זי האָט געטראָגן אַ קריגל וואַסער שעפן? פאַרוואָס האָט ער די ניכפּה באַקומען, ווען ער האָט דערזען איר נאַקעטן קני אין דעם קלאָרן טײַך־אָנבליק? און פאַרוואָס האָט ער איר כּלערליי שפּיצלעך אָפּגעטאָן, ווען זי איז געגאַנגען מיטן וועש פאַזע דעם וועג, וווּ ער האָט געפּאַשעט? און פאַרוואָס ניט אַן אַנדערע? פאַרוואָס האָט זי זיך געבייזערט אויף זײַן גלעט — און אויך ווען ער האָט זי ניט געגלעט? ווער קען עס טרעפן?

און ווִיפִיל פרייד, אויך אַזוי פִיל צער האָט אים זײַן וואַקסן גורם געווען. האָט ער דאָך אויף אַ טאַנץ־אָוונט געקענט אויס־קלאַפּן דעם העכסטן שטויב מיט זײַנע יוכטאָווע שטיוול און פאַרדרייען דעם קאָפּ דער בעסטער פליִעסקענדיקער מויד — אָבער דערפאַר האָט אים זײַן טאַנץ אויך אַרײַנגעבראַכט אַ סך סטוסאַקעס און אונטערגעהאַקטע זײַטן, ווײַל אויך אין אַנדערע פּאַדווי־רעס האָט אַ יאַקים צי אַ טימאָפיי דערפילט שטײַפע אָדערלעך צוקן אין דעם ווייכן אָרעם־פלייש און עס אויסגעלאָזט צו אים.

און געמוזט האָט ער תמיד שווימען אין סאַמע מיטן שטרודל, ווײַ ניט איין גוטער „כלאָפּעץ" (בחור) האָט זיך באַקענט מיטן דנאָ. און פאַרוואָס האָט ער געמוזט הייבן דעם שווערסטן שטיין און אים פון דעם העכסטן פעלז שיטן אין שיפּעט אַרײַן? יאַקים האָט ניט געוווּסט דעם סטײַטש. ער האָט נאָר געוווּסט, אַז ער מוז האָבן אַ העכערע „קאַטשולע" (פּעל־הוט), ווי־פריִער, און אַ ברייטערע „סאַראַטשקע" (העמדל) און אַ רויטלע־כערן שניפּס, כדי אוליאַנע זאָל צעפּיקעט ווערן.

אַזוי האָט אָפּט די גבורה יאַקימען ממש אונטערגעשניטן — זי האָט אים אויך אַנדערש ווירעמערט אונטערגעשניטן. מיט אַזאַ גבורה קוקט מען ניט, ווי ס'ליגט הפקר האָב און גוטס און מ'רירט עס ניט — יאַקים האָט אַ סך מאָל געטראָגן צו זיך האָלץ פון וואַלד, כאָטש דער סטאַראָסטע האָט דערויף, ווער ווייסט פאַרוואָס, געהאַט עפּעס צו זאָגן און שטענדיק געזאָגט פאַרקערט צו יאַקימס ווילן. ניט נאָר געזאָגט, נאָר אויך געהייסן אַרײַנשמײַסן.

מיט זיין גבורה האָט יאַקים אויך ניט געקאָנט גלאַט אַזוי, מיר ניט דיר ניט, אַראָפּלאָזן די הויזן און זיך לאָזן שיטן זאַלץ אויפן געזעס און פילן ווי דאַרע פּרוטקעלעך שנײַדן דערויף בלאָע בלוטשפּריצנדיקע צייכנס. יאַקים האָט זיך געווערט, אָבער אַקעגן דעם סטאַראָסטעס באַהעלפער איז ער געווען אָנמעכטיק. יאַקים האָט, פּונקט אַזוי ווי ער האָט ניט געוווּסט פאַרוואָס קומט אַ יאָר און גייט אַוועק, אויך ניט געוווּסט, פאַרוואָס שמייסט מען אים און פאַרוואָס לאָזט מען אים ניט שמײַסן — און פאַרוואָס

שלינגט ער עס אַראָפּ און גאָרניט. יאַקים איז געווען פון נאָ־
וואָסעלט און דאָרט איז אויף דעם קיין ענטפער נאָך ניטאָ.

חזירים פּאַשעט מען געוויינלעך אין פעלד, אויף דער לאָנקע,
מען פּאַשעט דאָרט אויך שאָף און לעמער. און אַ פעלד איז טאָג
ווי נאַכט פעלד. שטיל. קומט אַ ווינט, זשומט ער, טרייבט ער אָן
כמאַרעלעך אויפן הימל, ווייסע פלעקן, גראָע פלעקן. גיסן זיך
די פלעקן צונויף — ווערן זיי שוואַרצער, געדיכטער, מיט אַ רויטן
אָפּשיין. ווערט שוואַרצער — הייבט זיך אָן ברוגזן, בליצן. טועך
ביימער קרעכצן, חיות שרעקן זיך, ערד שפּאַלט דעם נאָפּל
איין — דערנאָך ווערט אַלץ פּאַרליאַפּעט. באָרוועסע פיס ווערן
אָנגעטונקען מיט בלאָטע. דאָס פּנים פון הימל ווערט צעדראַפּעט,
קרימט זיך, מאַכט אַ געטלעכן אָנשטעל, בלוטיקט, בלוטיקט. היי־
זער פון ווייטנס שאָקלען זיך, פאַלן איין, שווינדלען, גרונטן האָבן
דאָס העצקעניש — — דערנאָך איז ווידער זון.

אין דאָרף איז דערווייל פון סטאַראָסטעס הויף אַ רוסיש
פענדל אַרונטערגעפאַלן — אַ נײַ פענדל איז אויפגעהאַנגען גע־
וואָרן, אָבאָזן־חייל זיך דורכגעצויגן, דרײַ מאָל דער הונגער דורכ־
געגאַנגען; דערנאָך איז דאָס צווייטע פענדל אויך אַראָפּ און זיך
אויפגעהאַנגען אַ פאַרלאַטעטער טריקאָלאָר.

פון די אַלטע ביכער איז יאַקימס נאָמען אין נײַע אַריבער,
פון נײַע אין נאָך נײַערע, ער און זיין טאַטע און זײַן מאַמע און
זײַן גאַנצער יחוס. פון איינע אותיות אין די אַנדערע.

פון יאַרידים האָט מען דערווייל אָפּט שאָף און רינדער גע־
גרוזעוועט, ערגעץ וווהין געפירט, קצבים האָבן געקוילעט אויף
טרייפע אין די מאות — איז מען געקומען צו אים, צו יאַ־
קימען, אין פעלד אַרײַן, געקומען מיט עפּעס באַקנעפּלטע לײַט
און מען האָט אים זײַן סטאַדע באַקוקט, געבודקט, פאַרצייכנט,
אַלטע־קראַנקע מחרים געווען, ברודיקע מיט צרעתן געשטעמפּלט
און אָפּגעפירט. יאַקימען איז קשה געווען, וואָס האָט עפּעס דער
סטאַראָסטע דערויף אויך אַ דעה צו זאָגן, און ער האָט אים אין
טאַטנס־טאַטן אַרײַן מכבד געווען. זיך געקלעמט אין זײַנע פאַר־
פירטע שפּעלעך און נאָכגעשלעפּט אַ וועג אויף קידוש־השם.

דערפאַר איז ער אַזוי צעבויקערט געוואָרן, אַז ער האָט גענומען שפּײַען מיט רויטן. יעדער שפּײַ איז פון ווײַס רויט געוואָרן. דערנאָך האָט אַ פאַרשלעפּטע קרענק דאָס איבעריקע דערענדיקט און אים אַרויסגעזויגט פון די כּוחות.

דאָ איז יאַקימען דאָס ערשטע מאָל אַ קלאָץ־קשיא געבליבן: פאַרוואָס, אַז ער גייט איצט אַרײַן אין אַ קאַלטן פּרוט, פילט ער זיך ניט מיט אַלעמען, ווערט אים קאַלאַמוטנע? פאַרוואָס בײַ אַ בויג צו דער ערד ווערט אים דאָס אויג פאַרלאָפּן? און פאַרוואָס קען אַ ליאַדע „כלאָפּעץ" אים דאָסמאָל גרינגער אויסבויגן די לאָפּעטע ווי פריער און אים צולייגן? און פאַרוואָס נעמט זיך צו אים קיין עסן ניט ווי אַמאָל און די הויזן ווערן וואָס אַמאָל ברייטער אויף אים? יאַקים האָט צו זיך אַליין אַ פאַריבל געהאַט דערפאַר — און דערמיט איז ער גראָד אַרײַנגעוואַקסן אין צוואַנציקסטן יאָר זײַנעם.

און אויף דעם יאָר האָט מען שוין אַרויסגעקוקט און אין אַ פרימאָרגן האָט מען אים אַ נעם געטאָן פונעם פעלד, אים מיט אַ וואָגן אָנגעלייגטע יונגע שקאָצים אַוועקגעשיקט אין שטעטל אַרײַן, ווי חזירים חגא־צײַט צום אָפּקוילענען. בײַ דער זײַט האָט זיך געפונען אַ שקאַליק מיט ווײַס־גרינלעכער פליסיקייט. געטרונקען האָבן דערפון אַלע און געיעכצט, און אויך ער האָט אַזוי לאַנג געצויגן צו זיך פון דעם ביטערן טראָפּן, ביז ער האָט אַלץ אויסגעווערזעט און זיך צעיעכצט העכער פון אַלעמען. יעדער יעכץ, ווי אַ פאַרדומפּענער מרוק פון אַן אָקסן־קעל, און יעדער יעכץ פאַרשווענקט מיט אַ טרונק.

אין שטעטל איז געשטאַנען אַ יאַריד מיט פורגאָנעס. דאָרף צו דאָרף. די פערד פון די וועגעלעך אויסגעשפּאַנט, די דישלעס פאַרריסן אַרויף. וויינענדיקע אַלטע פויערטעס און כמורנע פויערים זײַנען געזעסן רעדלעכווײַז אויף דער ערד אָן די היטלען און זיך געטשמעליעט פון דער זון און די שקאָצים צונויפגעדרענגטע אין דער מיט, אָפּגעהיט פון עטלעכע סאָלדאַטן מיט אָנגעלאָדענע געווערן.

אַ יונגער סערזשאַנט מיט אַ צעפּלאָסנעם פּרישטשעוואַטן פּנים, מיט אַ פּאָר גרינע שטרענגע אויגן האָט זיך געדרייט צווישן די רעקרוטן און זיי פאַרפאָרן מיט אַ מאַשינקע אין די האָר אַרײַן. יאַקימס גלאַנציק־פּעטע פּאַטלע איז פאַרטראָגן געוואָרן מיטן ווינט און זיין אָפּגעשוירענער קאָפּ, גלײַך ווי אַ לעמל אויף אַ פּוסט פעלד אין אָסיען, האָט אויף זיך מאָדנע געטראָגן אַ סומנע געלע אָפּשטראַלונג. עס האָט אים אַ קאָרטש געטאָן אינעווייניק און ער האָט אַ פאַרפאָר געגעבן אַ דערבײַ־שטייענדיקן אויס דער האַנט אַראָפּ. דערפאַר האָט ער געקראָגן צוויי אויף צוריק — און ווער ווייסט, ווי ווײַט עס וואָלט אַוועק דאָס געשלעג, ווען די סאָלדאַטן מישן זיך ניט אַריין מיט זייער געווער און שלאָגן צו ביסלעך ניט אָפּ דעם ווילד־געוואָרענעם כּעס.

— „פּלאַטש, סינקאַ, פּלאַטש" (וויין, זון, וויין) — האָט זיך זײַן צעקנייטשטע מוטער צו אים צוגעשלעפּט און אַ פיר געטאָן מיט אויסגעטריפטע אויגן אויפן פרעמדן האַרמידער.

אָבער מען האָט זי אָפּגעטריבן. גראָד האָט מען די נאָוואָ־סעלטער געפירט צום אויסטאָן זיך און מוסטערן.

אַז מען האָט יאַקימען אַרײַנגעבראַכט אַ נאַקעטן ווי די מאַמע האָט אים געהאַט און אַראָפּגענומען די מאָס, באַטאַפּט די ביינער און אויסגעהערט די לונג, האָט דער בייזער דאָקטאָר אַ גלאָץ געטאָן און געמאַכט:

— „לײַדאַקעס, ווי לאָזט זיך אַ בריאה וואַקסן מיט אַזוינע לונגען? וואָס פאַר אַ סאָלדאַט קען שוין, מ'שטיינס געזאָגט, פון אַזוינס־אָ ווערן? ווי וועסטו אויסהאַלטן דערמ'ט אינעם מאַרש, האַ? ווייסט ניט, אַז פאַר מיליטער דאַרף מען זיך צוגרייטן אַ פּאָר אַייזערנע לונגען און אַ קאַלטע לעבער? ווי וועסטו אויס־האַלטן?"

— „נישקשה — האָט דער פּולקאָווניק אַפילו קיין קוק ניט געטאָן אויף אים, האָבנדיק פאַר זיך די געקעסטלטע בלאַנקען, וואָס ער האָט באַדאַרפט אויספילן — „דערויף זייַנען דאָ נאָכקוקער, ער וועט שוין אויסהאַלטן. דערלאַנגט אַ ווײַטערדיקן".

פון אַ זײַטיקער טיר איז ער אַרויסגעלאָפן און גלײַך גע־קראָגן אַן אַראָפּניק איבער זײַן באַפליישטן חלק. דאָס האָט דער דאָרפס־שעף אים געשטעמפּלט.

— „פון איצט אָן ביסטו מײַנער“ — האָט ער געוואָרנט — „זאָלסט זיך ניט דערוועגן טאָן אַ שפּאַן אָן מײַן וויסן, ביז מען וועט דיך אַ מאָן טאָן. ווהין געשיקט?“

— „קיין פּיטעשט“ — האָט פאַר אים דער סטאַראָסטע גע־ענטפערט — „אַזאַ מאַזוריק, אומזיסט עסן קריגן. און קוק אים אָן: ניט געקענט מער זאָדיק־פליישׁ אויף זיך אַרויפציען, אַזאַ זשע־רעבעץ!“

דער שעף האָט אים מכבד געווען מיט אַ צוגאָב־שמיץ און ער איז אַרויס אויפן הויף. אין אַ צײַט אַרום האָט מען אים חתונה געמאַכט, ער זאָל כאָטש לאָזן נאָך זיך עמעצן, טאָמער וועט ער פאַרלוירן מיטן געביין, און אַ טאָג פאַרן אַוועקגיין אין פאָלק אַרײַן האָט ער געקראָגן פון זײַן פּלוניתטע צו וויסן, אַז זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן. האָט ער איר אַ שטויס געטאָן אין דער זײַט גראָד, פון וואַנען ער האָט חושד געווען, אַז זײַן יורש וועט אַרויס, גענומען דאָס קעסטל אויף די פּלייצעס און אָן אַ זײַ־געזונט אַוועק. דאָס לעצטע מאָל פרײַ אַ הוכקע געטאָן און זיך געזעגנט מיטן דאָרף. אַ פאַררויכערטער לאָקאָמאָטיוו האָט דער־ווײַל אָנגעקאַטשעט אַ פּאָר וואַגאָנעס פול געפּאַקטע מיט רעקרוטן און שטיין געבליבן אַ ווײַלע אַרויפצונעמען אויך די נאָוואָסעלטער. אויף די דעכער זײַנען געלעגן סטערטעסווײַז יונגע שקאָצים, פאַרסאַזשעטע און צעשרויפטע. קאָנדוקטאָרן האָבן געפּײַפט און קאַפּראַלן האָבן זיך אַרומגעדרייט אויפן פּעראָן און געלאָזט זייערע בײַטשן קנאַלן איבערן וואַלד פון מענטשן־קעפּ. מחנות רעקרוטן האָבן זיך געשטופּט איינמאָל פאָרויס און אַ צווייט־מאָל צוריק די וואַגאָנעס זײַנען גענומען געוואָרן מיט שטורעם, באַלאַגערט געוואָרן ווי פון צעיושעטע כוואַליעס. אין אַ מינוט האָט מען אַוועקגעשווענקט דעם שעף מיט זײַן קאָמאַנדעווען, די קאָנדוק־טאָרן, די קאַפּראַלן. די טירן האָט מען אויפגעריסן, קעסטלעך און זעק געשלײַדערט אין דער לופט. צענדליקער הענט האָבן

זיך אָנגעהאַנגען אין די טרעפּלעך און מענגעס פּיס האָבן געשפּאַנט איבער זיי, איבער די צעבלוטיקטע פּנימער, אָפּגעלופּעטע בעז, צעקוועטשטע עלנבויגנס. פון הינטן האָבן, ווי בייזע הינטלעך, געשמיַיעט די פּירער, געשלאָגן מיט שטעקנס ווען ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. דער גוואַלד אין שלאַכט האָט רעווענדיק געפּינצטערט און געדראָט, און ווען דער צוג האָט גערירט, זיַינען איבערגעבליבן הונדערטער וויַיבער, שיקסעס, אַלטע פּויערים מיט אַ קלאָגעדיק געוויין, וואָס האָבן נאָכגעפּאָכט דער באַן מיט טיכעלעך אין דער צעצונדענער נאַכט אַריַין.

רויטע פֿיַיערלעך האָבן אָנגעהויבן ווינקען פון אַלע צעטומלטע האָריזאָנטן. אַ רויער ווינט האָט זיך אַליין פֿאַרבלאָזן, געדרייט ווי אַ הונט מיט זיַין עק און פון איבער אַ וויַיטער בריק, אונטער אַ טונקל־שווערן מערב, האָט איַיזערן געשראָקן אַ שאַרפער קאָנטור.

ערגעצוווּ האָט אַ קאָנדוקטאָר אַ געשריי געטאָן. עמיצער האָט געליאַרעמט צו די ליגנדיקע אויפן דאַך אַרונטערצובויגן די קעפּ. דערנאָך האָבן זיך גענומען פֿאַר די אויגן דורכוואַרפן איַיזן־שטאַנגעס, צעשאָטענע סלופּעס פֿאַרשלונגענע אין גיכקייט און אַ שאַרפער ווינט האָט גיַיציק געווירבלט דעם פֿאַרדומפּענעם גול, וואָס האָט געשוואַרצט איבערן קאָפּ און אויערן. אַ מוראדיקער געשריי איז אין אַ מטושטשדיקן געאַיל אַריַין, צעריסן געוואָרן פון די שווילנדיקע טראַסקעריַיען, און יאַקים, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף די טרעפּלעך בנס, האָט דערפֿילט אַ וואַרעמען טראָפּ, — אַ וואַרעמען טריף איבער זיַין האַלדז — וואָס איז אים אויסגעפֿאַלן איניינעם מיט אַ שטערן־פֿלי און אַ נאַכטוווּנק פון פֿאַרקאַטשעטן וויַיטן טיַיך, סליד ביַי סליד מיט סיווע בערג.

שפּעטער האָט זיך אָנגעטראָגן פון ערגעץ אַ סטאַציע — און ביַי אַ מוראדיקן סקאַווּטשען האָט מען פון דעם דאַך אַראָפּגעבראַכט אויף אַ טראָג־בעטל דעם ערשטן קרבן. די בריק האָט אָפּגעשניטן בײדע פּיס אַ יונגען רעקרוט. דאָס ערשטע מאָל אין זיַין לעבן איז יאַקימען אויסגעקומען צו זען פֿאַר זיך ניט באַ־

פּיסלטע קני און אַ רויטן קרייץ=וואָגן, און אויף זײַן האַלדז האָט ער אָנגעטאַפּט דעם טראָפּן בלוט, וואָס האָט האַלב שוין געהאַט אײַנגעטריקנט. ס'איז אים בילכער געוואָרן צו שטיין אויף אייגענע פעסט צוגעוואַקסענע טרעטערס, און ער האָט געפילט אין זײַן האַנט אַ שטאַרק אַרומגעכאַפּטע אײַזן=שטאַנג פון אַ פערט=קלאַסיקן וואַגאָן, אַ געטראָגענער מיט ווינט און וועג.

ס'האָט אָנגעהויבן צו טאָגן אויף אים אין פּיטעשט.

*

יאַקים איז אַרײַן אין שטאָט אַרײַן אַ אינפאַנטעריסט, פוסגייער, דער זיבעטער לויט דער ריי צום טיש גיין און צום בעטל באַקומען, דער פינפטער אין דער זעקסטער קאָמפּאַניע, וואָס הייבן ערשט פונעם נאָענטסטן טאָג אָן צו באַקומען זייערע פּאָרציעס — און הײַנט איז ער דערווײַל פרײַ געווען זיך אַליין מיט אַלעמען צו באַזאָרגן. אַז גאָט האָט באַשערט און מ'האָט זיי נאָכן אויסרופן פאַרטריבן, זיי זאָלן ניט באַלאַגערן די קאַזאַרמע און געשיקט ווי וואַלד=פייגל זיך זוכן שפּײַז, האָט ער אַ נעם געטאָן דאָס פּעקל אויפן פלעקל, אַ שיט געגעבן זיך אין דראָבנעם לויף נאָך די עטלעכע שקאָצים לאַנדסלײַט און מיט זיי אײַנײַנעם באַטראָכטן די פרעמדע שפּיציקע שטיינדלעך פון פּיטעשטער שאָסיי.

אַ ווײַס=העלע גאַס האָט אַקעגן זיי צעעפנט אירע ווײַטאָפּקריכנדיקע האָרנס, אויסגעשטעלט אויף די פלאַסטערס קוישן אויבס און פרוכטוואַרג. פון גלאַנציקע ריין=געוואַשענע וויטרינעס האָבן אַרויסגעגלעט געטריקנטע ריזן=פיש, לאַקסן, מאַרינירטע הערינג, בולקעס=ברויט, צוקערקעס, וווּרשט, פון צו זען און צו הערן — אַזש די אויגן זײַנען זיך צעלאָפן. ווײַטער האָבן געפוצטע גאַלאַנטעריי=קראָמען אַראָפּגעגידערט צו זיי, אָנגעטאָן אין טויזנטער שיך, אויסגעפּוצט אין צעווינטלטע מאַנטלען און פאַנסקע גאַרניטערס. פריצטעס אין דינע זומער=קליידער האָבן פאַרפולט די ראָגן מיט זון=פאַראַסאָלקעס. ווו האָבן זיך אַהער אָנגעפאָרן אַזוי פיל פריצטעס? פון גאָרער וועלט. און אין פאַרקן האָבן יום=טובדיקע שליאַכן געווימלט מיט לאַכנדיקע קינדער, פוסטע=

פּאַסניקעס, שפּריצנדיקע וואַסער־צינגלעך — און יעדער עק האָט געדרעוועט און געבילט און געיאָכמערט זיך, אויף טויב ווערן. אַ ציגײַנערשע חתונה, צי ווי מ'וואָלט אַ סטאַדע לעמער געפירט ניט־דערקוילעטע.

יאַקים האָט זיך געטאַלויטשעט נאָך דער חברה זײַנער, די הונגעריקע, פאַרשלאָפענע, וואָס האָבן אין דעם עולם־התוהו פאַרלאָרן זייער שקאַצישע ווילדקייט און געזוכט דעם צעטומלטן שפּאַן. פאַרבײַגייער האָבן זיי געטורקעט, אויסגעלאָזט צו זיי אַ ביטער הארץ, פּאָליציי האָט זיי אָנגעטריבן ווי וואָלכעשע אָקסן: אויס, אויס!

צוגעשטופּטע ביז די גרויסע גלאָז־פענצטער און צוגעפּלעטשט אַהין זייערע נעז, האָבן זיי זיך פלוצים דערזען מיט משונהדיקע פּנימער, שפּיציקע, צעבויגענע אברים און אַראָפּהענגענדיקע שמאַטעס, און זיי האָבן זיך צעלאַכט מיט יאַשטשערקעס, צעלאָ־פענע איבער די שפּיגלען, און געווישט מיט די זשמעניעס די פאַרסליונעטע מײַלער. נאָר משרתים פון קראָמען האָבן זיי פון דאַנען אויך געגעבן דעם וועג, ווי מ'שאַרט אַוועק זלידנע פליגן, און ניט געלאָזט באַטאַפּן די קוילעטשן און פּרוכטן. אין שטאָט צאָלט מען פאַר באַטאַפּן אַפילו — מ'וועגט יעדע פּרי אויף אַ וואָג און מ'פאַרפּײַסט אַ פרײַז אין הימל אַרײַן.

אָט אַזוי האָט מען זיי ביסלעכווײַז אַראָפּגעשווענקט פון די גאַסן, ווו זיי האָבן סײַ־ווי־סײַ ניט געהאַט וואָס צו טאָן און צו וואָס צו נעמען זיך און ווו ס'אַ סברא גאָר פאַרזאָגט די רעקרוטן, זייער פוס זאָל זיך דאָרט ניט זען, כדי ניט צו מאָזאָליען די אויגן, און מ'האָט זיי אַרויסגעשפּיגן אין דער ציגײַנערשער מאַהאַלאַ, דאָרט ווו אויף יעדער פלויט האָבן זיך געטריקנט העמד־לעך, וועש און פון יעדער כאַטע האָט אַרויסגעקוקט אַ צע־באָרשטענע מאַריאַנע און מיט צעפּרעסענע אויגן זיך געפרייט מיט זיי. אַזש יאַקימען האָט געגומען אונטערציטערן אַ פולקע און ער האָט געוואָרפן פאַרלאָרענע פויערשע בליקן אויף זײַנע תחתונים און פון זיי געפּרוווט צו דערגיין, וואָס פאַר אַ גדולה די ווײַבער דאָרט האָבן עס אין זיי דערזען.

די רעקרוטן האָט אָבער נישט געפּאַסט אין מיטן טאָג זיך אָוועקשטעלן האָבן צו טאָן מיט ווייבער. דאָס האָט מען געלאָזט אויף ביינאַכט. דערווייל איז מען פאַרנאַרט געוואָרן אין טיוואָלי, ווו מ׳האָט געזען אַ בער טאַנצן און אַ רוויכערדיק שיפל האָט געטרעשטשעט אויף אַ גרין שטיל וואַסער, באַהאַלטן אין וואַלד פּאָדערליק און עפּעס פּאַיאַצן האָבן זיך געבראָכן און אַריינגעבראָכן אין קאָזשעלקעס — קלעזמער האָבן געשפּילט און חנעוודיקע פּיירלעך זיינען אַריינגעזונקען אין פּאַפּירענע לאַמטערנעס — און ס׳האָט זיך אַזוי פריי געהירזשעט, אַזש די קישקעס האָבן זיך פאַרקרעמפּט.

ביינאַכט איז מען דערנאָך געקראָכן לענגאויס די פּלויטן, כאָטש פון די מאַריאַנעס איז שוין לאַנג דער סליאַד אויסגעטריקנט. נאָר אַ גראָבער קרעטשמער מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און אַ צען-גאָרנדיק פּנים האָט געבראָטן פליש אויף שפּיזלעך און מיט זיין בעלמע-אויג, ווו ס׳האָבן פלאַם-צינגלעך זיך אָנגעשלאָגן אין בלינדקייט, האָט ער צו זיי געשטאַרט און גערופן:

— „אַהערט, רעקרוטן, ממזרים, אַ רוח אין אייערע מוטערס אַריין! אַהערט, דאָ זאָלט איר קומען, האָט אייער קאָמענדאַנט באַפוילן. פאַרשטאַנען?"

און ס׳פליש האָט גאָרניט געהאַט וואָס שלעכט צו שמעקן, זיינען זיי אַלע צוגעלאָפן, אפשר טאַקע אומזיסט כאַפּן אַ ביסן, אַז מ׳שמועסט, דער קאָמענדאַנט האָט געהייסן.

— „אַליין נעמט מען ניט, מ׳כאַפּט איבער די לאַבעס" — האָט דער קרעטשמער אַרויסגעשריגן פון פייער. אַ פיינער קרעטשמער אויסגעזען צו זיין, וואָס איז נאָך גאָר אַ רוסנאַק אפשר אויך, רעדט, אַז מ׳זאָל פאַרשטיין, און צעפּלעכט עצהס. ס׳ערשטע האָט ער געהייסן זען, די אַלע פעקלעך, וואָס מ׳האָט, זאָל מען ביי אים אָפּלייגן און ווייל מ׳קען נאָך נעמען אַ פען אין דער האַנט, זאָל מען אַ שרייב טאָן אַ היים, ווער ס׳האָט אַ היים און איז ניט קיין הונט, קיין היימלאָזער פון הינטער אַ פּלויט, אַז וואָס מ׳דאַרף שיקן, און שיקן אין מיליטאַריש אַריין איז פון די ערשטע מצוות, זאָל מען אַזוי גוט זיין שיקן צו אים, צו פעטראַרקע

שענקער. ער נעמט דערפאַר קיין געלט ניט און ביי אים איז עס אַזוי גוט ווי ביי זיך אין דער קעשענע. ווייטער, ווער ס'האָט איצט אַ דריוונע גראָשן ביים פּופּיק, קען שוין כאַפּן אַ מאַלצייט, טאַקע פון די פליישן. פּעטראַרקע ווייסט קיין חכמהס ניט, געזעגן־געטאָן, און ווער ס'האָט ניט, איז אַ בטוח און וועט קריגן אויף אויסצוצאָלן. מ'דאַרף נאָר פּעטראַרקען אָנגעבן דעם נאָמען פון רעגימענט און קאָמפּאַניע. נישקשה, ער איז מיט אַלע בענדלעך דאָרט אויסגעקניפּט און געבונדן. זאָל זיך ווער ס'איז אַ פּרווו טאָן ניט צאָלן — חיות ניט זיכער. והראיה, אפשר וויל גאָר עמעצער שוין אויפן אָרט צוריקפאָרן אַהיים אויף אַ וואָך, אויף צוויי? וואָס, ס'זיינען דאָ בעלנים? מ'פרעגט נאָך, אַבי נאָר מזומנס מ'האָט. נישטאָ? נו, גייט זשע שלאָפן אין באָד אַריין. אַי, וועט מען שוויצן. דערווייל באַצאָלט פאַר נעכטיקן און לייגט זיך דאָרט אויס אויפן דיל. ס'איז אַ דיל, וואָס קען קלעקן פאַר נאָך אַ פּאָר צענדליק — און אין אַ נויט ליגט מען איינס אויפן צווייטן — איז נאָך ווארעמער אויך. קיין פּריצים איז מען ניט, חלילה. אָט אַזוי האָט ער זיי ליב.

יאַקים האָט מיט זיין פאַרהונגערטן שכל פאַרשטאַנען, אַז פלייש צו עסן — איז גאָט אַ טאַטע. מ'דאַרף זיך באַגיין. אַ שטיקל ברויט מיט אַ קנאָבל קען די נאַכט אויך פאַרדיינען. די עטלעכע דאַרע מטבעות ביי זיך אין סטאַן פאַרקניפּט, האָט ער ציטערדיק אויפגעבונדן אין אַ זייט און איבערגעציילט, ער זאָל ניט אָנקומען צו יענעמס חסד. נאָר דער שענקער האָט אים דאָך איינגעביסן, ער זאָל ביי אים באָרגן אַ קאַרטל, וואָס דער שענקער האָט מיט די אייגענע הענט אַהיים געשריבן בזה הלשון, אַז צרות זיינען אויפן פּוד און עסן אַ פּייג, נאָר איין פּעטראַרקע איז אַ מלאך פון הימל און צו אים זאָל מען שיקן. „כריסטאַ־ראַדי", אַ מזומנעם גראָשן, וועט עס ביישטיין אין אַ נויט.

דערנאָך האָט יאַקים מיט דער חברה אַריינגערוקט זיך אין דעם פינצטערן חדר, צעפּעקלט דעם היימ'ישן זאַק, אַרויסבאַקומען די עטלעכע „סאָראָקאָווקעס" בראַנפן, וואָס מ'האָט ממש פון די ציין אָפּגעריסן, ס'זאָל בלייבן אויף ביינאַכט, און מ'האָט זיך איצט

דערמיט אַלעמאָל געקוויקט מיט אַ זופּ און אַ שלוקערץ און ווידער אַ זופּ און ווידער אַ שלוקערץ — און אַ הוכקע דערצו, וואָס האָט, צו אַלדע רוחות, געוואָיעט איבערן קאָפּ מיטן שנײַדיקן פּײַף פון באַן — טו—או—או — —

פּלוצים זײַנען פון צווישן די ווענט, ווי אויס דער ערד אַפיר, אָנגעקומען די אַלע מאַריאַנעס, וואָס יאַקים וואָלט געשוואָרן, אַז ער האָט זיי געזען בײַטאָג אַזוי צניעותדיק זיצן אין זייער ציגײַנערשער מאַהאַלאַ. מ'איז אָנגעקומען מיט אויסגעבערעגטע קוקערס און געדרייט זיך אין שוואַרצע ספּאָדניצעס, גלײַך שאָטנס, און רק ס'איז זיי אויסגעקומען דאָרעמערט דער גאַנג.

אויסגעפּוצטע פּריצטעס, פון די „זאַטשעפּע־מיך־ניט“, האָבן זיי קיין לאַנגע יעלות ניט געמאַכט, ווען יאַקימס דלאָניע האָט געליימט זיך געקלעפּט צו זייערע לידקעס. זיי האָבן אים ניט אויפגעגעסן, נאָר, פּאַרקערט, אַ קיצל געגעבן און געמאַכט מיט אַ באַס־שטימע: — „נו, מוציק, ווײַז אַהער דאָס בײַטעלע“.

פּאַרברענט מעגן זיי ווערן, וואָס פּאַר אַ ווײַבער! אַ פול מויל מיט סליונע פון איין ריר. מיט אַזאַ ווײַב ווי הייבט מען גאָר אָן! אַזאַ ווײַב גלײַך ווי די פּריצטעס אויפן גאַס. משמעות, דאָס זײַנען זיי טאַקע אַזוי פיל אָנגעקומען צוליב די רעקרוטן. סטערוועס! יאַקים טאַטאַר האָט אַ טורקע געטאָן די חברים, וואָס זיי זאָגן דערצו, און געטשוכעט די אויגן, צי שלאָפט ער ניט.

נאָר די חברה האָט שוין געקלעפּט אַרום די ווײַבער, זיך מיט זיי געמאָסטן. ס'זײַנען געווען יענע ווײַבער, פון די פּאַבריטשנע, איינע קען צען פון זיך אָוועקשלײַדערן. הײַנט טרעפן זייערע הענט גלײַך אין די הויזן־קעשענעס. און בלײַבט בײַ זיי אַ פּירער אין זשמעניע, איז ווי מיט דער האַנט. באַלד קומט אונטער פּעטראַרקע און נעמט אים אַוועק — און מיט פּעטראַרקען ווער וועט זיך גיין שטעלן? הײַנט איז ער גאָר אַ לײַטישער מענטש, פּעטראַרקע. ער זאָגט: — „בײַ מיר לאָז איך ניט, מ'זאָל יענעם באַנעמען. ס'ניט אַזאַ אָרט. גיט אַהער די בײַטעלעך, ביז איר וועט צו זיך קומען און וועט זיי באַדאַרפן“. און בײַ אים בלײַבן

זיי טאָקע. נאָר ווי ס'זאָל ניט זײַן, האָט מען באַלד אַלע פּירערס אויסגענאַרט און צו קיין תּוך־זאַכן איז נאָך גאָרניט געקומען.

און איינע אַ מויד מיט אַן אָפּענעם בוזעם און אין אַ פּלאַ־מעניש האָט זיך גראָד אָנגעזעצט אויף אים, אויף יאַקימען, און ס'איז זי ניט געווען אַוועקצורײַסן. אמת, ס'האָט אויך קיינער ניט באַמיט זיך דאָס צו טאָן. וואָס האָט דען געאַרט, אַז זי האָט זיך געסילעט צווישן די הענט, ווי אַ זומער־פֿייגעלע אין אַ יולי־נאַכט אַרום לעמפּל? ס'איז איר געפֿעלן זײַן ממזרישע ליפּ. די ליפּ, האָט זי געטענהט, האָט מען אין נאָוואָסעלעט טאַקע בכיוון אירעט־וועגן אַזוי פֿײַן צעשפּאָלטן — און גיי האָב צו איר עפּעס. און אַז אירע הענט זײַנען אינצווישן געקראָכן און געזוכט זײַן קניפּל — איז נאָר מסתּמא, ווײַל זי האָט אים אַזוי־אַרום געקענט גיכער אַ קיצל טאָן.

— „אַי, אַ רוח דער וועלטס טאַטן אַרײַן" — האָט יאַקים אַ קראַץ געטאָן פֿון דער פּאַטילניצע דעם געדאַנק — „אַז זי איז יאָ אַזוינע, הערט ער אירע זײַדענע שאַלעמוינעס און איר גאַנצן רעמענענט מיט דער בלאַטע. וואָס מיר בלענדזעניש. אַ סוף זאָל זײַן" — און ער האָט זי אַ נעם געטאָן אַזוי, ס'זאָל קיין רייד ניט קענען זײַן מער וועגן אַרויסדרייען זיך.

נו, האָט זי גענומען עפּענען אַ פּיסק — דער אויבער־שטער זאָל אָפּהיטן! ער קוילעט איר די קאַפּאָטע! און אין גוטן ברעך, ווען יאַקים איז שוין געגאַנגען אויף „טויט אָדער רויט", האָט אים עמעצער געטאָן אַ פּאַק בײַם אונטערן און אים אַזוי אַ הייב געטאָן, ווי אַ לולב, ביזן סופּיט און באַלד אַראָפּגעלאָזט צום דיל מיט אַ באַפֿעל:

— „מיט דער צונג, מיט דער צונג פּוץ אויס, „פּאַטלאַגאַר" (לאָבוז), הערסט? אַ גלאַנץ זאָל ווערן".

און ער האָט פֿאַר זײַנע אויגן דערזען אַ פּאָר הויכע שוואַרצע אָפֿיצערישע שטיוול און עמעצער האָט אים געפֿירט מיט דער נאָז איבער פּאַרפּאַרכעטע כאַלעוועס:

— „אַזוי, קאָמוניסטן גאָר? רעקרוטן פֿירן פּראָפּאַגאַנדע? ער וועט בײַ מיר אָפּגיין מיט בלוט, פֿאַרזוכן, וואָס הייסט

מיליטאַריע. פאַרפוילן אין תּפֿיסה וועטאיר בײַ מיר! דרעפּט־צין (גלײַך שטיין)!".

די צעטומלטע רעקרוטן האָבן אַ ציטער געטאָן און זינדיק אָפּגעטרייסלט זיך פון די ווײַבערשע הינטערעק. געבליבן, ניט געפינענדיק דעם רעכטן שטעל, אויף אַ זײַטל. בײַ אייניקע האָבן פונקט איצט דערטאַפּט די פאַסיקע צײַט אַ פּאָר פּעשלעך קאָרטן און זיך אַרויסגעשאָטן פון די בוזעמס, און בײַ די אַנדערע האָבן די צעשפּילטע הויזן קוים געהאַלטן זיך אויף די לענדן.

— „סטרייאַיץ" (איר זאָלט לעבן) — האָט אַ פּלוטאָנערל אַ שאַר געטאָן זיך צום אָפיציר: — „אײַך געזאָגט, אַז קאָמוניסטן. זיי גלײַך אָנגעשמעקט".

— „נו, יאָלד" — האָט דער אָפיציר זיך ניט אײַנגעהאַלטן — „לאָז געמאַך. אַזוינע דראַפּאַטשעס? גיי שוין, גיי. קאָמוניסטן, ברודער, דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. דאָרט זײַנען שרײַפּעלעך אין קאָפּ. פאַרשטאַנען? נאָר אַהין וואָלסטו סײַ־ווי ניט געטויגט. ניט אַזאַ איינער וועט זיי כאַפּן, לא מיט אַ ספּאָדעק".

דער פּלוטאָנער האָט זיך באַגאָסן מיט אַ שווייס:

— „הייסט עס, לאָזן זיי לויפן?"

— „אָ, ניין, צו וואָס?" — האָט דער אָפיציר אויף זיי גע־וועגדט זײַן עלעקטריש לעמפּל — „כ'זוך מיר שוין לאַנג צווישן זיי אַן אָרדאָנאַנץ. מיר דוכט, איינער פון זיי, דער־אָ, איז גראָד צוגעפּאַסט" — און ער האָט אַ היק געטאָן אויף די פּאַרגליווערטע שקאָצים: — „האַ, הייסט עס קאָמוניסטן? זאָגט דעם אמת? גע־קומען אין „האַרמאַטאַ" (מיליטער) אַרײַן, בונטאָווטשיקעס? אײַך אומזיסט עסן געבן און איר וועט נאָך ערלעכע שטאָטישע ווײַבער טשעפּען? „לאַ קאָמאַנדואירע, דרעפּטץ! (אין דער קאָמענדאַנטור גייט, גלײַך שטיין)".

און מ'האָט זיי אָפּגעפירט. פּעטראַרקע האָט פון הינטן זיך נאָכגעשלעפּט און זיי אײַנגערוימט: — „העי, פוסטע זאַכן. אָפּקו־מען מיט קאַרצער. געדענקט, פאַרגעסט ניט מײַן קרעטשמע. „דאמנול לאָקאָטאָנענט פּאָטע גראַטאַר? (הער אָפיציר, אפשר עסן אַ געבראָטנס?)".

יאַקים האָט ווי אַ פאַרטשאַדעטער זיך געטאָן אַ כאַפּ אויף אין גרויסן פאַרטאָג און זיך געטראָפן אין שמאָלן קאַרצער־בוד־קעלע, ווו ער איז אײַנגעשלאָפן שטייענדיקערהייט. פון ווײַטן האָט געפײַפט דער האָרן אין קאַזאַרמע און געוועקט די סאָלדאַטן — און זיי האָט מען אַרויפגעשטעלט אויף דעם שטראָף־צעטל.

אין די קאַיאָרן האָט מען אָנגעהויבן די אינסטרוקציע. אין אַ גרויען נעפּל האָבן די לעפיש אָנגעטוענע סאָלדאַטן, ניט צוגע־ווײנטע נאָך צום הולך און צו די געשרייען, געוואַלעט זיך ווי סנאָפּעס און געטרײַ געקושט די צוגעפרוירענע ערד, דערנאָך געלאָפן אײנס איבערן צווייטן, אויף צעשיט צו ווערן, קלאַפּנדיק מיט די ברייטע „באַקאַנטשעס" (שיך) איין פוס אָן דעם אַנדערן, אָנגעשלאָגן זיך אין די געשפּענסטיקע רײַטער. קאַפּיטאַנען, וואָס האָבן קאָמאַנדעוועט פון דער הייך, און קאַפּראַלן מיט גוציקאַווע בײַטשעלעך אין די הענט האָבן אַרײַנגעקלאַפּט אין זיי די תורה מיט געציילטע האַרטע ווערטער:

אַ סאָלטינעל — הייסט אַ סאָלדאַט, וואָס איז אויף אַן אָנ־פאַרטרויטן פּאָסטן אַ באַשטימטע צײַט. ער טאָר ניט פאַרלאָזן זײַן שטעל אין קיין פאַל, טאָר ניט אַרויסגעבן דאָס געווער פון די הענט, אַפילו ניט זײַן מאַיעסטעט. ער טאָר ניט אײַנשלאָפן, עסן, רויכערן. ער שטעלט אָפּ יעדן פריוואַטן מיטן ערשטן רוף: סטאָי! (שטיי), ווען מ'דאַרף מיטן צווייטן: סטאָי! אָדער מיטן דריטן: שטיי, ווײַל איך פײַער. געהערט? אַז ווי צו אײַך, ווען איר וועט זיך באַשפּעטן. ווען איר וועט...

— „העי, פּראָשטולע (פּראָסטאַק)!" — און יאַקים, וואָס פון דער גאַנצער תורה האָבן זיך אים די אויגן געגומען זעצן, האָט געכאַפּט אַן אויפמונטערונגס־טשמעלע פון דער בײנערדיקער קאַ־פּראַלישער דלאָניע: — „אַזוי שטייט אַ „אָסטאַש ראַמין" (אַ רומע־נישער סאָלדאַט)? שטעק אַרויס די ברוסט. צי אַרײַן דעם בויך — דעם בויך. אַרויס... אַרײַן... אַ רוח אין דײַנע הונדערט מאַמעס אַרײַן. אַ פאַרפאַלענער ביסטו... דרעפּט־צין!"

— „נו, לאָז אים, לאָז אים. אים נעם איך. ער וועט זיך שוין בײַ מיר אויסדינען. זאָל ער מיר בעסער אָפּפּוצן די שטיוול.

ס'איז ניט פאַר זײַן קאָפּ די אינסטרוקציע. זעסט ניט? צן אָקס".

און יאַקים האָט גלײַך דערקענט דעם אָפּיציר, וואָס האָט פון פּעטראַרקעס שענק אים אין קאַרצער געשיקט.

— „וואָס, ס'ט'זאָגן „מיזעריע" (נויט)? נו, בײַ מיר וועסטו צו זיך קומען. שרײַב נאָר אַהיים, מ'זאָל דיר דײַנע פּעקלעך צו מיר שיקן. און דאַנק גאָט, וואָס איך נעם דיך נאָך דער אינ־סטרוקציע אין האַנט אַרײַן!"

אַלע סאָלדאַטן האָבן גענומען יאַקימען מקנא זײַן, וואָס ער פאַלט אַרײַן אין אַזאַ שמאַלץ־גרוב. און אים איז שוין די מילי־טאַריע ניט געלעגן אין קאָפּ. ער האָט זיך געפּוצט די שטיוול און אָפּגעצויגן דאָס צעקנייטשטע רעקל אַ קעגן אַ צעשערבעט שפּיגעלע, ער זאָל נושא־חן זײַן בײַם אָפּיצירס „קוקאָנע" (מאַדאַם). און האָט צו איר געטראָגן מאָלצײַטן און פּאָרציעס ברויט, וואָס ער האָט פון קיך זייערעטוועגן אַרויסגעגנבעט.

אַז מ'האָט גענומען אויסטיילן אָרדאָנאַנצן פאַר דעם רעגי־מענטס אָפּיצירן, האָט יאַקים צונויפגעלייגט זײַן בינטל, צעשענקט אייניקע קלייניקייטן די דאָרפס־לײַט און פײַפנדיק אַוועק צו זײַן נײַעם באַלעבאָס.

בײַם אָפּיציר איז קיין משפחה ניט געווען. און די „קוקאָנע", האָט זיך אַרויסגעשטעלט, איז זײַן אַלטע מוטער, אַ פאַרביסענע און קאַרגע, מיט מונטענישער גדלות אין די שוואַרצע רומענישע אויגן. און זי האָט געגעבן יאַקימען צו זען די באָבען אין חלום, ער האָט אַלץ ניט געקאָנט זי צופרידנשטעלן. ניט ער האָט גוט טעלער געוואַשן, ניט ער האָט געוווּסט ווי צום טיש צו דערלאַנ־גען, ניט ער האָט פאַרשטאַנען אײַנצוקויפן אויפן מאַרק און ניט ער האָט בכלל עפּעס וואָס פאַרשטאַנען. אַ דינער פאַר געלט, האָט זי געמיינט, איז גאָר עפּעס אַנדערש. דער־אָ אָבער האָט דאָס גענאַר פאַר איר. און זי האָט אָפּט אָנגעשטעלט דעם זון אירן, ער זאָל ווײַזן וואָס ער קען. דעם זון האָט מען צוויי מאָל ניט געדאַרפט בעטן. ער האָט אויף יאַקימען געהאַט זײַנעם

אַ פּאַרדראָס: סטײַטש, פאַרוואָס קומען פון נאָוואָסעלט אָן אַזױנע מאָגערע און זעלטענע פּעקלעך?

— „ווו זײַנען עס די פעטע בעסאַראַבער חריפותן? פּאַ־סטראָמעס? די מאות ניס, די ווײַסע, נאָך ניט געשיילטע? צו וואָס פאַרזעצט איר דאָרט, גויישע קעפּ, בײַ אײַך אַזױנע פוילע קאַוועגעס? ווייסן זיי דאָרט ניט, אַז פאַר אַן אָפּיציר איז עס קיין מאכל ניט? אײַער ערד דאָרט איז אַ שוואַרץ־זאַפטיקע, באַדאַרפט עפּעס בעסערס צושיקן, אַז מ'האָט דאָס זכות בײַ מיר צו דינען".

און די מוטער, עובר־בטל ווי זי איז געווען, האָט אַפילו דאָס ביטערע האַרץ אילס אויפן זון אויך צו יאַקימס קאָפּ אויסגעלאָזט:

— „באַדאַרפט האָבן מזל, אַ זון. זעסטו? קיין גוטן קאָפּ האָט ער ניט פאַרמאָגט, ניט געטויגט אַ קאַץ אַן עק, האָב איך אים געזאָגט: גיי דעם קייסער דין, וועסטו אַרײַן אין די פּעדערן. איצט, ווער איז צו אים גלײַך? בריקעט ער אויף דער מאַמען. מיר אַ בעסאַראַבער שלאַק אויסגעטראַכט, אַ שונא אין שטוב, אַ פּוליאַק. און אַליין גייט ער אין די רעסטאָראַנען. וואָס טויג מיר אַ ווילד־פרעמדן רוח עסן געבן? ניט געקענט אַן אייגענעם, אַ מונטענער האָספּאַדאַר פאַרן גלײַכן געלט האָבן? און וואָס האָסטו זיך געשטופּט אין די אויגן, אַז דו טויגסט ניט?"

און יאַקים האָט אין אַזױנע טעג ממש מיט די ציין גע־גריזעט די אַלטע מעשענע פאַנען, וואָס האָבן אײַנגעגעסן הונדערט־יאָריקן זשאַווער, געפּוצט די לאַנגע אָפּיצירישע כאָלעוועס, קאַרגנ־דיק פּאַסטע, געקראָכן דורך די נעגל און נאָר זײַן וויסט מזל האָט צוגעקוקט, ווי פון די ביימער פאַלן אין הויף אָפּ געלע בלעטער און מאַכן אָן אַ מיסט אויפן קאָפּ אויף זײַנעם, זיך ניט צו אָפּרייניקן. נאָר אין די נעכט האָט אים געפרייט, וואָס צו מאָרגנס וועט ער קערן מיט דער יונגעטשקער דינסט פּונעם צווייטן הויף די מיסטן און אפשר אויך קריכן מיט איר אין קעלער אַרײַן פאַררוקן די טעפּ—אין דעם קעלער, וואָס איז ווי פון לכתחילה באַ־

שאָפן געוואָרן פינצטער. אַ שאָד בלויז, וואָס אויך די הויפן זײַנען ניט קיין פינצטערע, ווי די גאָרע וועלט...

אָבער די הויפן זײַנען אויך צו ביסלעך פינצטער געוואָרן, און גראָד צו זײַן שאָדן. האַרבסטיקע קעלט האָט פון זיי אַרויסגעבלאָזן יעדן ליכט־פלעק. ווינטן האָבן געדראָזשעט איבער די רעגנדיקע פנימער פון די טעג און אין סומנע פענצטערל האָט אַרײַנגעזונגען אַ אומעטיק סאָלדאַטיש לידל דעם צער פון הונגעריקע קאַזאַרמע־האַרבסטן.

און דעמאָלט האָט מען אים דעם וועג געגעבן. נמאס געוואָרן דעם אָפיציר זײַנעם אים אומזיסט צו האָדעווען און ער האָט זיך אויסגעזוכט אַ נײַעם רעקרוט מיט פרישע קעסטלעך.

יאַקימען האָט מען אין קאַזאַרמע באַגעגנט, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט, שוין לאַנג פאַרצוקט שעפעלע, וואָס מ'ווייסט זיך דערמיט קיין עצה ניט צו געבן. מ'האָט פונקט געהאַלטן אין אָפּלאָזן די אויסגעדינטע קאָנטיגענטן. אין דעם הויף איז געווען אַ איבערקערעניש. פרײַגעלאָזטע זעלנער זײַנען אַרומגעגאַנגען אין הוילע אונטערהויזן פראַנק און פרײַ, ווי קיינמאָל גאָרניט, געוואָרפן צעווילדעוועטע ספּאָלאָשעטע אויגן אין אַלע ווינקלען און געזוכט עפּעס צוצוגנבענען אויף צושטײַער אַהיים. אַנדערע האָבן קופּעסווײַז זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד, געשניטן פאַרנעצטע אַרבוזעס און געגאָסן פון דער זיך פּלוצים באַוויזענער נײַער וועלט, געשלײַדערט שטיקער שאָלעכץ איינס אויפן צווייטן און אין די אַלץ וואַקסנדיקע פנימער האָט געברענט אַ מאָדנע פרייד, וואָס איז צערונען געוואָרן אין קורנאָסע גוואַלדן.

דער האָרן האָט געשפּילט די נאַכט־תּפילה אין אַ וואַרעמען, פּלאַטשיק ליגנדיק הימל אַרײַן און געווײנט איבער די גאַרבן תּבואה, וואָס האָבן פון די נאָענטע פעלדער און רעגימענטישע סטויגן אַרײַנגעשמעקט. און זעלנער באַוואַקסענע, אומרויִקע, מיט פאַרלאָרענע עטלעכע יאָר אויף אומזיסט, זײַנען געפאָרן פון דער ווײַטער שטאָט אַהיים צו פאַרכאַפּן נאָך דעם לעצטן שניט — אָדער ערשטן פראָסט.

יאַקימען האָט מען אין דעם ווירוואַר געטריבן פון קאָנצע־לאַריע צו קאָנצעלאַריע, ניט געוואָלט זען פאַר די אויגן. ער האָט ניט געפּאַסט צום רומל. ס'וואָלט זיך געגראַמט אים אויך אַהיים שיקן, אָבער דאָס איז צופיל חסד פאַר אים. ווי געשיקט זיך עס פּלוצים אַ סאָלדאַט אַזאַ טובה טאָן אומזיסט און אומנישט? אָבער דאָס וואָס ער האָט זיך געקלעפּט ווי אַ נאַסע שמאַטע, האָט אויך ניט געטויגט.

האָט מען אים סוף־כּל־סוף פאַרשיקט פון די אויגן צו היטן אַן אַרסענאַל אויס דער שטאָט. אין אַ קאַליבע האָבן זיך דאָרט געלייזיקט צוועלף סאָלדאַטן מיט אַ וואַך־קאַפּראַל. געשלאָפן זאַלבעדרייצנט אויף אַ בשותּפותדיקן מאַטראַץ, צוגעדעקט מיט צעלעכערטע שינעלן. געגעסן „טשאָרבע" (אַ מין זופּ) פון איין שיסל און געביטן זיך איעדער דריי שעה פון איין פּאָסט צום אַנדערן, אָדער געוואַלגערט זיך אין די וויאַנענדיקע פעלדער, געגנבעט קאַווענעס פון פרעמדע באַשטאַנעס, געשלעפּט אַרבוזעס און פאַרענדיקט אַ בלאָנדזשענדיקן סוף האַרבסט־טאָג אויף אַ זוניק זײַטל און געפּײַפּט אין דער ציגײַנערשער מאַהאַלאַ אַרײַן.

יאַקים האָט צווישן זיי פאַרגעסן אַפילו, ווי אַזוי ער איז אַרײַן אין ווינטער. די אָנגעקלעבערטע, מיט זעקלעך אונטערגעלאָפּענע אויגן האָבן זיך שוין פון לאַנג געזשמורעט, גלײַך בײַ אַ סאָווע, און ער האָט געשאָקלט מיטן צעקראַצטן קאַרק, אַ צעביסענער פון פלײ. פון איין ווינט ביזן צווייטן איז ער אָפּגעשטאַנען אויפן פּלאַץ און געוואַרט, אַז דער בײַנאַכטיקער צוג זאָל בײַטן דעם בײַטאָגעדיקן. נאָך דעם ווי דעם צוגס לעצטע פײַערדיקע וואַגאָנדלעך זײַנען אומגעקומען אין די פאַרשנייטע האָריזאָנטן, האָט ער שוין געוווּסט, אַז ס'קריכט אינגיכן אַרויס פון דער קאָליבע דער קאַפּראַל און פירט צו אים דעם צווייטן פּאַטרול, און ער מאַכט זיך בײַם איבערגעבן זײַן פּאָסטן תּמעוואַטע און שרײַט: „סטאָי, סטאָי".

דער קאַפּראַל נעמט אים אַרײַן אין קאָליבע און לאָזט דעם צווייטן אויף זײַן אָרט אין דרויסן און ער, יאַקים, זעט זיך אײַנע־ווייניק מיט די אַנדערע זעלנער, וואָס האָבן זײַן עסן אַוועק־

געלקחנט און אים געלאָזט אַ ביסל קאַלאַמוטנע וואַסער. נאָר ס'איז ניטאָ פאַר וועמען זיך צו קלאָגן, און אַזוי שעפּנדיק פון דעם פאַרקיפּערצטן שיסעלע קאַלטע פאַסאָליעס, שלאָפט ער איַין און אין שווילנדיקן מוח איז וואַך נאָר איין ספּרונזשינע, בײַם רוף פון קאַפּראַל צו טאָן אַ דרינזשע און אים אויפהייבן אויף די פיס.

אָבער אין איינער אַ נאַכט האָט ער דערפילט, אַז אויסצוהאַלטן דעם פראָסט דאַרף מען זײַן שטאַרקער פון אײַזן. דער שנײ איז אויך קיין הונט ניט געווען, האַרט צוגעפרוירן מיט אַ שאַרף־זילבערנער ליסקע. דער ווינט האָט מיטן שנײ אָנגעפילט די אויערן, געפלאָכטן צעפלעך אַרום צעוואַקסענעם בערדל און פון נאַסן אָטעם אונטער דער נאָז אויסגעלאָזט אַן אײַז. ער האָט געוויינט, דער ווינט, צווישן ווײַס־באַדעקטע קרוינען פון גלאַנציקע ליפּעס, געוואָיעט איבערן דראָט פון טעלעגראַף און אין זײַן וואָיען איז געקראָכן אַ שוואַרצע שרעק פון וועלף, פון שריפות, פון עלנד. אַן אומעט האָט געוויינט איבערן גוף ביז די פאַרקרעמפּטע פיס־שפּיצן — אַזוי עלנד, אָן אַ פאַרוואָס עלנד, ווי ס'האָט געשקראָבעט די ווערבע דעם גראָען חלל, ווי ס'האָט איצט אויסגעזען דאָס פאַרלאָזטע קאָליבעלע מיט אירע סאָלדאַטן, אָפּגעריסן פון דער וועלט — און ווי ס'האָט אין חלום אויסגעזען נאָוואָסעלטער וועלט אָפּגעריסן פון זיי.

בלויז ערגעץ־ווו האָט פון אָפּיציִרישן קאַזינאָ זיך געבראָכן אַ טאַץ אין אַ טאַץ און ווי געפּלעשלט אַ טרומייטערס בלאָזן — און פון אַ גרוב אַרויסקראָכן, פון אַ פינצטערן גרוב, אַ ממזריש פידעלע און נאָך איר איז נאָכגעגאַנגען אַ הוליאַק אַ וואָלעך מיט אַ סמיטשיק און געריבן... און געריבן...

יאַקים האָט אַרײַנגעקוקט דעם פראָסט אין די אויגן אַרײַן— און אין זײַן פאַררוקטער קוטשמע איבערן קינדיש אויסזעענדיקן קאָפּ איז ער געווען ענלעך צו אַ וועוורקל אין פעלד מיט אָפּגעפרוירענע וואָנסעלעך.

ער האָט געהערט פון די גאָרע ווײַטן דאָס שווערע איבערוואַרפן זיך פון צוג־רעדער איבער די געלײַזן און דאָס קרעכצן. דאָס מידע קרעכצן פון אַ שטרעק, וואָס עס ווערט צעריסן פון

אַ שפּרייטן־שלינגענדיקן לאָקאָמאָטיוו, און ער האָט געוווּנקען, געוווּנקען, ער זאָל גיכער אָנלויפן, דער מזיק, און אים אַרויס־ראַטעווען פון דער צייַט — און היימיש איז געוואָרן, היימלעך, וואָס אין דער גרויער צעבושעוועטער וועלט גייט נאָך אום אַ צוג און וועט זיך אויך דורכשלענגלען דורכן ווייַטן דאָרף זייַנעם און קען אים אַמאָל אויך נאָך אַהיים פירן.

ווייַל וואָס וואָלט ער געטאָן, ווען ס'איז פּלוצים אויס מיטן צוג? אַ שיינע חתונה! ווי וואָלט ער זיך אַהיים געשלעפּט, הע? ס'איז פאָלג מיך אַ גאַנג. נאָ—וואָ—סע—לט. יענע סיווע בערג־לעך, ערגעץ דאָרט־דאָרט... אָבער פּוסטע מעשיות. יאַקים וואָלט אַפילו צופוס זיך געלאָזט, אַפילו גלייַך ווי ער שטייט און גייט, ווען מ'לאָזט אים נאָר. אַ שפּייַ געטאָן אויפן גאַנצן פּאָסטן. מיט דער הוילער טאָרבע איבער דער וועלט—און דערשלאָגן זיך יאַקאָש.

אָבער ער האָט געטאָן אַ טרייסל אָפּ פון זיך די גליטשיקע מחשבות. ווי אָפּט האָט פון אַזוינע דמיונות אַ סאָלדאַט שלעכט אָפּגעשניטן? איינער אַזוי זיך אויף דער ביקס אָנגעשפּאַרט שלאָפנדיקערהייט און די שפּיז האָט אים צעגעהרגט; אַ צווייטן האָט מען דעם גאַנצן מין ביקס אַוועקגעגנבעט; איינעם האָט מען אַזוי געבונדן און ער האָט ניט אָנגעהויבן צו פילן אַפילו. און פאַר אַזאַ קאַטאָוועס ווערט מען אויסגעריסן. עך, ווי שווער אַזאַ פּעקל איז! אַן עק מיטן אַהיים פאָרן. מ'פוילט אַוועק אין תּפיסה. מ'דאַרף זיך האַלטן אין די הענט. האַלטן! אַפילו אויב ס'וועט אויסקומען נאָך אַ ווייס־איך־וויפיל אויסצושטיין. ביז ס'וועט זיי נמאס ווערן די שפּיל... ביז ער וועט זיי דערעסן — און מ'וועט אים געבן דעם וועג.

ס'איז אָבער עפּעס הייַנט לענגער ווי תּמיד. ער האָט דאָס וויפילטע מאָל שוין אַרומגערינגלט דעם אַרסענאַל. שוין אַמאָל דרייַסיק אָפּגעציילט אין די טויזנטער אַרייַן. ער פאַלט שוין פון די פיס און קאַלט, וואָס קאַלט הייסט. און דער צוג איז דאָך שוין אויך פון לאַנג אַריבער און דער פראָסט גנבעט זיך אַרייַן ביזן מאַרך און אין בויך דרייען זיך איבער די קישקעס. ס'וואָלטן שוין געמעגט קומען די לאָבוזן... כאָטש ס'ווערט אים כסדר לעפּקע,

ווען ער דאַרף זיך נעמען מיט זיי איבעררײַסן... די נשמה נעמט עס אים אַרויס... עך, אין מוטערס־מוטער אַרײַן! זיי דרייען אַלץ אויף צוריק דעם זייגער... „מאַשעניקעס" (שווינדלער). אַ טויט אין זייערע בײַכער... ער וועט זיי... ער וועט זיי... יע, וואָס וועט ער? צו ווערמען זיך גיין פאַרקלאָגן? ס'איז ביטער...

יאַקים האָט אַ צי געטאָן דעם רימען און העכער פאַררוקט דעם ביקס אויפן אַקסל. אַ דריי דורך געטאָן זיך צו זען, צי קריכט ניט דער קאַפּראַל, דער פּאַסקודניאַק, וואָס האָט כסדר דער רוח־ווייסט־וואָס אין זין און זוכט אים אַ פּיסל אונטער־צושטעלן.

ערגעץ האָט זיך טאַקע פון דער חשכות עלעהיי ווי געטאָן אַ וואָרף־דורך אַ שאָטן. ס'האָט, ווײַזט אויס, אַ צווײַגל זיך גע־רירט אין ווינט. אַ צווײַגל האָט אַ ציטער געטאָן אַקעגן בלאָ־פאַרפראָסטיקטן הימל. ערגעץ איז אַ שטערן אַ צעגליטער צוגע־פאַלן צו דער ערד.

— „ניט מײַנער, ניט מײַנער" — האָט יאַקים ציטערדיק פאַרקוועטשט דעם פײַער־פונק צווישן די אַראָפּגעלאָזטע אויגן, דעקלעך און אַ קלער געגעבן, — אַפילו גאָט וואַרפט זיך דאָרט מיט זײַנע שטערן. אַלע זײַנען איבעריקע. אין דער וועלט איז ניטאָ קיין אָרט פאַר אונדז. בלויז איין ווינקעלע, נאָוואָסעלט. עך־ווען ער וואָלט ניט אַוועק פון דאָרטן! אַזאַ וואַרעם היימיש ערדעלע וואַרט אויף אים"...

און ער האָט ווידער געמאַכט אַ הקפה אַרום אַרסענאַל. טריט, האָבן ווי אַ געדעמפּטער עכאָ געפּרעסט די לופט. ס'האָט נאָך אומע־טיקער געפּלעשלט זיך דעם טרומייטערס מעלאָדיע אין קאַזינאָ. און ווײַט־ווײַט האָט שטאָט זיך געלאָשן פון הוידלענדיקן ווינט, אָפּגעשווומען און צוגעשווומען, און איבערן סטאַוו, אויפן פּוסטן פעלד, האָט דאָס גלינצערנדיקע אײַז געקעסטלט פאַרוואָלקנטע לבנה־שײַן.

— „סטאָי (שטיי)!" — האָט זיך פּלוצים פון זײַן דערשראָקן מויל אַרויסגעכאַפּט אַ האַרץ־רײַסנדיק געשריי און פאַרפּאַטשט געוואָרן מיטן ווינט.

— „סטאָי" — האָט ער געצייֵלט דעם צווייטן געשריי און פּאָר גרויס צעטומלעניש ניט געוווּסט, וואָס דער זעלנערשער שולחן־ערוך הייסט אין אַזאַ פאַל טאָן. זייַנע צעבויגענע פינגער האָבן דערווייַל געליימט געקלעמט זיך צו דער קאָלבע פון געווער.

פון די בערגלעך שניי האָבן זיגזאַגיש, ווי אַ ממזריש פייַערל, געשווינדלט אַ פּאָר בייזע אויגן פון אַ הונגעריקן וואָלף, וואָס האָט זיך שטייַף אָנגערוקט, לויפנדיק מיט אַ צעעפנטן פּיסק און שלינג.

— „שטיי, ווייַל כ'פייַער" — און ער האָט שוין געשלאָסן דעם שלאָס. אָבער אויף די פאַרקרעמפטע הענט האָט עפּעס ווי גע־פּלאַצט און אָפּגעשפּרונגען, טיפע צייַנער האָבן זיך דערביסן ביזן פלייש און דער שאָס, וואָס האָט זיך פון דער רער אַרויסגע־כאַפּט, האָט בלויז געצירקלט שראַפּנעלעוודיק אין די וואָלקן־טראָגנדיקע הייכן און זיך געלאָשן אין ווינט.

רייַסנדיק די ביקס און די מלוכהשע קליידער זייַנע פון דעם וואָלפס באַק־ציינער, איז יאַקים אַלע מאָל אַרייַן מיט די הענט אין די שאַרפע, ווי זעג־שפּיצן, קייַער און אַ צעשטאָכענער זיך געכאַפּט אויף צוריק, געשריגן און געשטופּט די נאַסע האָריקע פעל פון זיך מיט אומבאַהאָלפענע אָפּגעפרוירענע הענט און אויס־געריננענע כּוחות. און דער וואָלף איז רעווענדיק און צערייצט געשפּרונגען צו זייַן האַלדז און געשנאַפּט מיט די צעפליגלטע נאָז־לעכער דאָס געשמאַקע בלוט, פון די אים אַזוי לאַנג פאַר־ווערטע ביסנס.

יאַקים האָט זיך לאַנג געראַנגלט. זייַן צעביסענער עלנבויגן האָט זיך געטריפט ווי אַ איבערגעבראָכענער פליגל פון אַ הענדל. זייַן מויל האָט געפינעט אין שרייַען. אַ קינדערשער שטראָם פון יעכצן, געבעטן און געוויינען האָט היסטעריש געקוואָלן פון דעם האַלדז, ווי זיך אָפּגעריסן פון אַ גרעבליע, פאַרפילט געוואָרן מיט שניי, מיט בולבעגדיקע בלוט־פליאַמעס, מיט שוים... אין ס'באַל־מוטעניש האָט ער זיך געצויגן אין חשבות צו דער ביקס און זי ניט דערטאַפּט — אַ שוואַרצע שרעק האָט זיך געלייגט אויפן האַרץ און ווי אַ שווערע פליטע דערדריקט, פאַראַליזירט און אין

דעם שרעק אַרײַן האָט געריסן זיך דער בריִענדיקער ווייטאָג פון צעביסן פלייש.

באַלד האָט שוין דער וואָלף גענומען באַלעקן זײַן פאַרגעצטע מאָרדע, שטיל עפּעס געקרעקט זיך אין זיך, מורליקעט, אַ דערשראָקענער פון טריט־געראויש אָפּגעשפּרונגען, אַ לאָז געטאָן זיך מיט אַ נאָך מער צעררייצטן הונגער אין שטאָט אַרײַן, ווו ס'האָבן אויף אים געוואַרט אַזוי פיל צוגעגרייטע, באַוועגלעכע מאָלצײַטן און אַזאַ אַפּעטיטלעכער גערוך פון מענטשן־פלייש.

ער האָט פינצטער און דראָענדיק אַ ברום געטאָן אין דער פאַרטאַליאַפּעטער נאַכט, זי אַ פאַרזוך געטאָן מיט זײַן צונג און דורכגעשלײַכט זיך דורך די שאָטנס פון דער באַלויכטענער אָפּיצירישער קאַזינאָ...

.1935

ב י ל ד ו נ ג.

דער טונקעלער כסלו=טאָג האָט זיך אַ פֿאַרקילטער אַרײַנגעכאַפּט דורכן פֿאַרפֿאַפּטן שײַבעלע אין חדר אַרײַן און זיך דאָרט געוואַרעמט בײַ דער הרובקע מיט מאיר „אוטשיטעל“ אינײנעם. ביידע האָבן זיי זיך געטוליעט צום גראָבן שמוישענעם פּעלץ, וואָס איז שוין פֿון לאַנג צעלעכערט און צעגעסן געווען פֿונעם מאָל, און ביידע האָבן זיי געטשמאָטשקעט אַ ביליקן שבביליגן ציגאַר.

וואָס דער טאָג איז זיך אַזוי אומעטיק פֿאַרגאַנגען אינעם קוימען און אין די שפּאַרעס פֿון די צעקאַלופּעטע ווענט פֿונעם איינציקן אַלקער מאירס, דאָס האָט קײנער ניט געוווסט, אָבער דאָס, וואָס מאיר האָט געטראַכט, איז קלאָר און דײַטלעך געווען און זיך אויסגעלאָזט בײַ אַ שטיקל ברויט. נאָר ווי ס'זאָל ניט זײַן, ביידנס געדאַנקען האָבן מיט דערמיט אַ סוף גענומען, וואָס מאיר האָט אַרויסגעצויגן די פּוסטן אויף זײַנע רעוומאַטישע פיס, אַ וואָרף געגעבן אַ איבערגעבליבענעם ביטול־בליק אויפֿן נאַסן ליידיקן טיש, אַ שלעפּ געטאָן אַ לאַמטערן אין איין האַנט, דעם דובאָוון שטעקן אין דער צווייטער און אַרויס אין גאַס אַרײַן, לאָזנדיק דעם טאָג אויסצאַנקען בײַ דער הרובקע.

אויף דער בין=השמשות=צײַט איז מאיר „אוטשיטעל“ קיין באַלעבאָס ניט געווען, זי איז פֿאַרקויפֿט געוואָרן צו אַ פּאָר שוסטער=יונגען, וואָס האָבן זיך געלערנט אויסשטעלן אַ בריוול און אַ ביסל גראַמאַטיקע. ווען ניט די צוויי פּאָטערס פֿון אָט די יונגען, וואָס איין גאָט ווייסט, פֿאַרוואָס און צו וואָס זיי האָבן

גראָד חשק געהאַט צו האָדעווען זייערע זין מיט גראַמאַטיקע און
בריוון=שטעלעריַי, וואָלט ער, מאיר, דער אַמאָליקער „שם דבר",
געווען לאַנג פאַרשטופּט אין אַ הקדש, אָדער ווער ווייסט ווו
אָנגעשפּאַרט, נאָר אַזוי זעט אים נאָך דער מנין בטלנים אין קלויז,
מ'קרעכצט איַינעם בייַ דער שייַן פונעם נר=תמיד און מ'קוקט
אַריַין אין אַ פאַרחלבטן עין=יעקב, וואָס ליגט כסדר אָפן פאַר
מאירס בעלעמער און אַ ליכט צעשמעלצט זיך אויף זייַן לעדערנעם
בונד. אָט פון דעם ספרס שוואַרצע יאָדערדיקע אותיותלעך
שעפּט, ווייַזט אויס, מאיר אַרויס די הפלא=ופלאדיקע מעשהלעך
פון קאַטערינעס צייַטן און דערציילט זיי מיט אַ איראָניש שמייכעלע
דעם פאַרגאַפּטן עולם. שפּעטלעך, אין חצות, גייט ער דערנאָך
אַהיים אין די אונטערשטע טעלעקע=געסלעך אַרייַן. אַן אימת=
מוותדיקע שטילקייט הענגט דעמאָלט איבער דער שוואַרצער,
סטעפּ=אָנגעשמעקטער נאַכט און בית=עולמדיקע סומנעקייט רינט
אַרויס פון די פאַרבלאָפטע שול=שייַבעלעך. און ווי כסדר, ווי
נאָך מיט יאָרן צוריק, רעשן זיך וויַיבער מיט זייערע געקעכצן
און ס'טאַליאַפּעט זיך אינעם צעלאָזטן שנייי יונגוואַרג, וואָס גייט
אמת שוין ניט פונעם חדר, נאָר פון „תרבות", צי גאָר פון דער
„שקאָלע" פון זייערער, און ווי כסדר, ווי נאָך מיט יאָרן צוריק,
זינגען די מייַסטערס מיט די געזעלן ניגונים פון יענע צייַטן,
„ווען ניקאָלאַי איז געווען יעפרייטער" — און צעשויבערטע מוידן
זיצן בייַ די פענצטער, סטריגעווען אויף מאַשינדלעך, אָדער שוויצן
איבער אַ גריזל צו אַ חתן.

און וואָס=זשע איז געשען אין דער צייַט? וואָס האָט זיך
געביטן? אַ קלייניקייט... טאַקע ממש אַ קלייניקייט... און דערפאַר—
איז אויפן אָרט, וואָס ער, מאיר, דער הויכער זייַדענער יונגער=
מאַנטשיק מיטן עטוואָס אונטערגעגלעטן בערדל און מיטן פליסענעם
קעלנערל אויפן שוואַרצן פראַקטוכענעם מאַנטל, איז געווען דער
גאָט, דער פרימאָ=שבפרימאָ „אוטשיטעל" (לערער) אין די מאַגנאַ=
טישע הייַזער, איז ער איצט פאַרשטופּט אינעם פינסטערן אַלקער
זייַנעם און אויף זייַן אָרט דרייט זיך אַרום... נו, ווער? האַ?
ווער, מ'שטייגס געזאָגט, איז ער דאָרט, דער פלאָקנשיסער?

ווי לאַנג איז דען פון דעמאָלט אָן? אינעם קליינעם יאַרשעוו האָבן דרײַ פאַרדריפּעטע מלמדים געקוועטשט די בענק פונעם בית־המדרש און געקנעלט מיטן חדר. און דאָ האָט פּלוצים אַ שיין בריטשקעלע אַראָפּגעבראַכט אַ פֿײַנעם געשטרעקטן יונגנ־מאַן מיט אַ קאַשנע אויפן האַלדז, מיט אַ פּאָר גאָלדענע ברילן אויף דער נאָז. די גלעקעלעך האָבן אַ דרינזשע געטאָן מיט מאָדנע צינגעלעך, דאָס בײַטשל אַ קנאַל און פון די פענצטער האָבן זיך פּלוצים באַוויזן מיידלשע קעפּ מיט אַזוינע בליקן, וואָס מ׳האָט עס ביז אַהער ניט געזען אין יאַרשעוו. און אין אַזוינע טראַכטן, אַזוינע פריזורן, וואָס ווער קאָן דאָס זײַן אַזאַ חכם און טרעפן פון וואַנען ס׳האָט זיך צו זיי גענומען? אָבער צו וואָס לאַנג ברײַען, ס׳האָט אויפגעלעבט, פּראָגרעסירט יאַרשעוו. פּסס, נאָך אַ מין פּראָגרעס! ער, מאיר, דער אַראָפּגעקומענער יונגערמאַן, האָט באַקומען שטונדן אין די בעסטע הײַזער. דאָס וואָרט שטונדן האָט זיך ווי אַ כּישוף געטראָגן איבערן שטעטל. וואָס מיר חדר, ווער מיר בית־מדרש, אויס מיט גויִשע „שקאָלעס", וואָס אַ פּאָר טרייפניאַקעס האָבן פון זיי געלעקט די פינגער. ווער ס׳האָט פּראָגרעסירט — דער האָט גענומען שטונדן.

אָבער שטונדן צו שטונדן זײַנען ניט גלײַך. פאַראַן אָפּגע־געקומענע מיוחסים, וואָס ווילן „בולבען" זייערע קינדער. זיי זײַנען ניט קראַנק צו כאַפּן אַ האַלבע, אַ פערטל שעה, בײַטאָג, פאַרטאָג, צי גאָר בין השמשות. רײַכע קינדער, באַלעבאַטישע קינדער, זיי האָבן געלערנט אויפדערנאַכט. אָנגעצונדן דעם בליך־לאָמפּ, אָנגעצויגן דעם גרויסן וואַנט־זייגער און אַוועקגעשטעלט אין זאַל אויפן טיש אַ פּרוכטאָוואַניק מיט אַלדאָס גוטס, האָט טאַטע־מאַמע זיך געשטעלט בײַ דער זײַט און געוואַרט, אַז דער לערער זאָל קומען. די קינדער האָבן דערווײַל געבלעטערט סמירנאָווס גראַמאַטיקע און ווערעשטשאַגינס „זאַדאַטשניק" (אויפ־גאַבע־בוך) און געאַרבעט אויף אַלע כּלים מיטן „טוויאָרדי־זנאַק" (אַ האַרט אות) און מיטן צד שכנגד, מיטן „מיאַכקי זנאַק" (אַ ווייך אות).

דרײַ מינוט נאָך זיבן, ניט פריִער און ניט שפּעטער, האָט זיך באַוויזן דער לערער, לאַנג געשערעוועט זיך אין קאָרידאָר,

געמוטשעט בײַם פֿאַרמאַכן דעם שירעם. די קינדער האָבן דערבײַ פּאַר אויפֿרעגונג ניט געקענט מער אײַנזיצן. די גרעסערע פֿרײַלין האָט געהאַלטן אין איין פּאָרען זיך מיט אַ שטיפֿעריש קרײַזל, וואָס קריכט אַרויס פֿון דער פֿריזור, און דער צעלאָזענער בן־יחיד האָט בגנבה געכאַפּט אַ געשמאַקן ביסן פֿונעם פּרוכטאָווניק, אים אַרײַנגערוקט אין מויל אַרײַן און ניט באַוויזן נאָך אַראָפּצושלינגען, ווי דער לערער האָט שוין אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. די מוטער מיט אַ רויט פּנים פֿון בושה האָט, וועלנדיק פֿאַרשטעלן דעם זונס חטא, זיך דרײַ מאָל פֿאַרהוסט, רופֿנדיק: „אַרײַן... „מאָזשנאָ" (מ׳מעג), ביטע"... און אַז ער, מאיר, איז שוין געשטאַנען אינעווייניק און זיך צעבויגן אויף אַלע זײַטן, האָט די מוטער אָנגעהויבן אויף רוסיש און גלײַך פֿאַרפֿאָרן מיטן „דאַטעלני פּאַדעזש" (אַ געווויסער קאַזוס), און דווקא אין דער זײַט אַרײַן, זיך קוים מיט צרות אַריבער־געכאַפּט אויפֿן בראָדערישן יידיש און לאַנג־לאַנג גערעדט טשיפּע־ליאַווע, ביז זי האָט אים אַרײַנגעשטופּט אַ פּאָר קנאַקעדיקע אַסיגנאַציעס שכר־לימוד נאָך מיט אַ וואָך פֿריִער פֿאַרן טערמין, און די שטונדע האָט זיך אָנגעהויבן. דאָס מיידל מיט די ערשט־געצוואָגענע האָר האָט געפֿלאַמט ווי אַ רויט שמחת־תּורה־עפּעלע אונטער אַ ליכטל, דער בן־יחיד האָט פֿון איר חוזק געמאַכט און געכאַפּט אַלע מאָל בגנבה אַ קוק אין ביכל אַרײַן. און ער, מאיר אַליין, איז געזעסן און זיך געקנעפּלט דאָס קורצע פּידזשאַקל, זיך געשפּילט מיט אַ גאָלדן קייטעלע אָדער געקוקט אויפֿן ווײַזער פֿונעם וואַנט־זייגער.

מיט דרײַ מינוטן פֿאַר אַכט, ניט פֿריִער און ניט שפּעטער, זײַנען הינטער די טירן ווידער אָנגעקומען די טאַטע־מאַמע, זיך ניט געקענט מוחל זײַן, פֿאַרוואָס דער לערער האָט אַפֿילו קיין גלעזל טיי נאָך ניט אויסגעטרונקען, און זיך אויסגעזעצט אַרום טיש, האָט מען גענומען פּלוידערן. די פֿרוי האָט געהאַקט „פּאָ רוסקי" און אַרויסגעקוקט אויף דער טאָכטערס הילף, און דער מאַן האָט זיך געגלעט די באָרד און בנעימותדיק אײַנגעטענהט וועגן אַלטע צײַטן, וועגן דרך־הטבע און וועגן יאַרמעליניצער יאַריד. און אַז ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט דעם פּאָדעם, האָט מען געכאַפּט

אַ בלאָנדזש און טאַקע אַ דאַמקע אויך (אין אַ שאַך איז ער, מאיר, שוין געווען גאָר אַ גרויסער מזיק) און זיך פאַרזעסן ביז פאַרטאָג.

ביז אין איין פרימאָרגן האָט ווידער אַ דרינזשע געטאָן אַ גלעקעלע, אַ קנאַל געטאָן אַ פיזשאַלע און ער, מאיר, האָט זיך באַגעגנט מיט עפעס אַ העך פאַרשטעקל, אַ יונג, ניט געמאָלקן קעלבעלע, אַ „אדוני המורה", וואָס האָט פונעם רמב"ם אפילו קיין שמעק ניט געטאָן און דעם „טוואָרדי זנאַק" אינגאַנצן מחרים געווען, נאָר גערעדט מיט דער שווערער אָ און געזאָגט: „באָרוך אַטאָ", און פאַרענדיקט תמיד מיט „שאָלום".

פון די הייזלעך האָבן זיך ווידער געעפנט די פענצטערלעך און מיידלשע קעפלעך האָבן געוווּנקט צו דעם בחורל, וואָס ניט ער האָט פאַרמאָגט אַ אונטערגעגלעט בערדל (ס'איז גאָר אַ סברא, אַז ער האָט בכלל ניט פאַרמאָגט קיין בערדל), ניט קיין פראַק־טוכענעם מאַנטל, פון ברילן אָפגעשמועסט, נאָר געהאַט אַ פעלע־רינע אויף זיך און אַ בלעכענעם מגן־דוד אין לאַץ. אוי, די מגן־דודלעך, ווי פיטשעריצעס נאָך אַ רעגן, אַזוי זיינען זיי גע־וואַקסן אויף די מיידלשע בוזעמס. קעפ האָבן זיך אָנגעזאָטלט אין ווייס־בלויע רעשטלעך, די שווערע „אָ" האָט געקנאַקט אין גאַס ווי דונערס אין אַ לויטערן פרימאָרגן. אויף גיך האָבן זיך פון מאירן אָפגעשפיליעט די שטונדן. ווער רעדט שוין היינט פון שטונדן, פון סמירנאָווס גראַמאַטיקע? פע. היינט רעדט מען פון „עברית בעברית" און דער עיקרשט פון „שלום".

— „אַז ער, מאיר, זאַסלאַוועס, הייבט אַפילו ניט אָן צו וויסן מיט וואָס מ'עסט דאָס?" — טענהן די ווייבער און די מענער, וואָס וואָלטן דווקא מיטן גאַנצן האַרצן געהאַלטן מיט אים, ווייל ס'איז פאָרט דאָ מיט וועמען אַ וואָרט אין מויל אַריינ־צונעמען (ניט ווי דאָס יונגע בחורל, וואָס קוקט גאָרניט אין דעם וועג אַריין און חברט זיך נאָר מיט די נקבות), האָבן אָבער פאַר־לאָרן דאָס לשון. זיי זיינען אין דער מינדערהייט און מ'ענט־פערט זיי גאָר קאָטעריש: „שלום און מישט אייך ניט, פאַר־שטאַנען?"

אַז ער, מאיר „אוטשיטעל", האָט דערפילט, אַז ס'האַלט שמאָל, האָט ער זיך פאַרנומען אין שול-געסל אַרײַן, דאָרט ווו ס'קוועטשן נאָך דרײַ אַלטע מלמדים די דאַרע בענק, פאַרוואָרפן דעם גאַנצן פּאַק מיט כרעסטאָמאַטיעס אויפן בוידעם אַרויף און זיך גענומען לערנען אָרעמע כלהס אַ ביסל יידיש שרײַבן, אָדער געשאָטן פּעך- און- שוועבל שבת בײַ אויסנעמעניש על ה' ועל משיחו, אויפן לערער און אויף די ווײַבער... אָפטמאָל האָט ער זיך נאָך אַרײַנגעכאַפּט צו אַ פריִערדיקן באַלעבאָס זײַנעם, ווען ער האָט אָנגעשמעקט, אַז די פּלוניתטע איז ניטאָ, און אויסגעזופּט דאָרט אַ גלעזל וואַרעמס, זיך צעשמועסט וועגן פּאָליטיק און וועגן די אַלטע גוטע צײַטן, וואָס וועלן נאָך מיטן אויבערשטנס הילף מסתמא אומקערן זיך, און פאַרפאָרן ביזן אלף הששי אַרײַן. אָבער קוים האָט ער דערשמעקט, אַז דאָס „ווײַבערשע געשלעכט" קומט אָן, האָט ער געכאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס און זיך אָפּגערוקט ווי אַן אָפּגעבריטער — און דאָך האָט ער מיט זײַן שאַרפן חוש-הריח שוין אַ פּאָר מאָל דערשנאַפּט פרישע ווינטן בלאָזן.

צוערשט האָט ער דערלעבט אַ נקמה אינעם לערער פאַרשטעקל מיט דער שווערער „אָ", מיט דער פּעלערינע און מיטן גאַנצן רעמענענט. אַזאַ מפּלה, אַז ער וועט שוין קיין תחית-המתים ניט אויפשטיין. און געווען איז עס אַזוי: ער איז געגאַנגען זיך אויסלײַען אַן אַלט ספרל בײַ זײַנעם אַ פריִערדיקן באַלעבאָס, און אפשר אויפמאָנען אַ פאַרעלטערטן חוב, ער קען זיך אַקוראַט ניט דערמאָנען, נאָר אין זאַל האָט ער זיך געטראָפן מיט דעם „אדוני המורה" און אַ צווייטן פאַרשוין אַ שפּאָגל-נײַעם מיט אַ צעשויבערטער פּאַטלע אויפן קאָפּ און אַ הולך, זאָל איין גאָט שומר ומציל זײַן. געקוקט האָט דאָס באַשעפעניש, מר שור, גלײַך און חוצפּהדיק יענעם אין ווײַטן האַלדז אַרײַן (ווײַזט אויס, אַ נײַער שלאַק, אַ לערער, — איז אין מאירס קאָפּ דורך ווי אַ בליץ און כמעט ווי געטראָפן), און אָט דער דאָזיקער פאַרשוין האָט גענומען דעם הער פאַרשטעקל אויף ז'כער און האָט אים אין מיטן קוואָקען, וואָס ער האָט געקוואָקעט, ווי אַ קוואָטשקעלע,

און אין מיטן שיטן ווי פון אַ לעכערדיקן זאַק מיט עברית, געטאָן אַ האַק איבער אין אַ זיגערישן שמייכל:

— „עברית? עברית? כאַ, כאַ, איווריט, איווריט, שאַלאָם"— און וואָרפנדיק אַ גזלנישן בליק פון אַ שוהט אויפן טריפנדיקן קעגנער, האָט ער זיך אויסגעדרייט און אַרויס פון זאַל.

און אָט דער „שאַלאָם" האָט שוין דאָס בחורל מיט דער פעלערינע פאַרטראָגן ערגעץ ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט און דער מר שור, דער שאַלאָמניק, ווי מאיר האָט אים אַ נאָמען געגעבן, האָט פאַרנומען זיין אָרט. האָט אָבער מאירס האַרץ אים נביאות געזאָגט, אַז אויך דאָס איז ניט אויף אייביק. און אַזוי איז טאַקע געווען.

איינמאָל, אין אַ פאַרמראַקעטן נאָוועמבער־טאָג, האָט מען אים פּלוצים אַ רוף־געטאָן צו זיינעם אַ פריערן באַלעבאָס. האָט דאָס אים פאַרחידושט; אָבער ער האָט אָפּגעווישט די ליפּן און זיך געפעדערט צום גאַנג. אמת, דאָס האַרץ האָט מאָדנע אים געטיאַכ־קעט: סטיטש, ווי קומט עס צו אים? — האָט ער זיך אַליין גע־פרעגט. ער, וואָס איז געווען ווי אַ טאַטער און ניט רחמנות געהאַט אויפן ווייב אויף זיינעם, וואָס האָט געפּוכנעט דריי מאָל אַ טאָג אויפן פּיסק און אים אָפּגעטאָן אויף טערקיש און צו לאַנג געלעבט, ער, וואָס האָט פאַרטריבן דעם איין־און־איינציקן זון זיינעם מיט די הוילע צען פינגער און זיך אַראָפּגענומען די האַנט פון האַרץ און שאַ, ניט ער וויל אים קענען, ניט ער וויל הערן וועגן אים. ווען מ'דערציילט, אַז ער וואַלגערט זיך אום אין אַלע תפיסות — וואָס האָט ער פּלוצים מיטאַמאָל דערפילט דעם כוח־הדם האַמערן אין די שלייפן?

ס'איז אָבער ניט געווען קיין צייט צו קלערן. האָט ער גין אַרויפגעוואָרפן אויף זיך די קאַפּאָטע, גענומען דעם שטעקן און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. און געטראָפן האָט ער טאַקע אויף דער אמתער חתונה. דער באַלעבאָס אַליין איז געלעגן מיט פאַר־ציק גראַד און געפּאָכט מיט דער נשמה, געוואָלט ווידוי זאָגן און ניט געווען ביי די קלאָרע געדאַנקען. האָט ער זיך געבעטן, ווי ביי גזלנים, גוואַלד אַ תהילים־זאָגער וויל ער, ממש דאָס חיות

צו דערהאַלטן. האָט אָבער די באַלעבאָסטע זיך געשטעלט אין דער לענג און אין דער ברייט און געהאַלטן פאַר אַ גרויסן בזיון, אַז אין הייַנטיקע צייַטן זאָל מען נעמען עפּעס אַ פאַרדריפּעט יידל און ער זאָל לייענען מיט דער אַלטער מעטאָדע. דער מר שור, דער לערער, האָט איר נאָכגעבאָמקעט, אָבער דעם שאַלאָמניק האָט דער חולה פאַר קיין געלט ניט געוואָלט צולאָזן צו זיך. איז מען געפאַלן אויף אַן עצה און מ׳האָט אויסגעגראָבן אים, מאירן, פאָרט אַמאָל אַן „אוטשיטעל״ געוועזן. זכות־אָבות האָט זיך אָפּ־גערופן.

האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, מאיר, און זיך גענומען אָן אַ ברירה צו די „למנצחס״. ס׳איז אים אָבער ניט געקראָכן אין קאָפּ אַרייַן. ער האָט געוואָלט דערגיין, ווו זייַנען עס די קינדער פונעם גוסס, ממש געחלשט צו וויסן. סטייַטש, אַ האַלבע שטאָט האָט שוין אָפּגעשלאָגן די שוועלן, ס׳שמעקט מיט סכּנת־נפשות — ווי־זשע קומט מען אויכעט ניט זען, וואָס אַ טאַטע טוט? פאַרוואָס שטייען זיי ניט בייַ אים צוקאָפּנס און שרייַען אים אָפּ? ס׳איז ניט פּוסטע. עפּעס מוז דאָך דערבייַ זייַן?

ערשט העט־שפּעט איז אים די זאַך קלאָר געוואָרן — און נאַ ט׳אָסטו דיר אַ נייַס. ניט אומזיסט האָט אים דאָס האַרץ עפּעס אויסגעלייגט. ס׳האָט זיך צונויפגעקליבן אַ גאַנצע כאַליאַסטרע יונגוואַרג און אַוועק מקבל־פּנים זייַן אַ בחור, וואָס קומט פון ווייַט. אַ פּעדאַגאָג איז ער. אַזאַ חולאַת! איז מען אים געגאַנגען צו פוס באַגעגענען. הייַנט פאָרט מען שוין ניט מיט בריטשקעלעך. פע! (אויף מיר דער בזיון — האָט מאיר אין זיך צעראָפּגעשלונגען). און העט־העט, שפּעט אין דער נאַכט, ווען ס׳האָט זיך שוין גע־פלאָנטערט דער פּסוק: אלהים, באו גויים בנחלתך — און מאיר האָט אין דער מיט געכאַפּט אַ געשמאַקן דרימל, האָט דאָס יונג־וואַרג זיך אַהיימגעקערט און זייערע קולות האָבן געשפּאָלטן הימלען. דער חולה האָט זיך נעבעך געוואָרפן ווי אַ לעבעדיק פישל אין אַ מאַקערטע. נאָר די קינדער האָבן זיך ווייניק־וואָס געמאַכט דערפון און געהאַלטן אין איין אַמפּערן זיך און דערציילן חריפותן פון דעם נייַעם בחור, וואָס רעדט יידיש ניט ערגער

פונעם וואַסער־פירער בײַ דער סיקא און האָט אַ געשליפן צינגל, וואָס קען פאַרשטעקן צען טוקעריגס אין באָד און אַליין איז ער אַ יאַט פון יאַטן־לאַנד.

האָט זיך געלאָזט דערנאָך מאיר קאַיאָר אַהיים, קוים גע־שלעפּט די פאַרסטאַרטשעטע פיס, און אויפן ניכטערן האַרץ האָט זיך בײַ אים צעשפּילט די רעכטע זאַווערוכע, אַ מין ווייטאָג, אַז ער האָט דערפילט, אַז ער עקט זיך ממש, אָט באַלד ציט ער זיך אויס אויף דער גאַס און הויכט אויס די נשמה. ס'איז אים אַזוי פאַרדראָסיק געוואָרן אויפן ווערעשטשאַגין, וואָס האָט געהאַט אַן אָפּענעם קאָפּ אויף זיך (ווו זעט מען דאָס דען הײַנט?) און אויפן רמב"ם, וואָס יעדעס וואָרט זײַנס איז אַ גאָלד געוויכט, טײַערער פון גאָלד — און אָט זיי, די אָפּגעריסענע נאַראָנים, די פּשוטע שיהע־פּיעניקעס האָבן דאָס אים אַזוי מבזה געמאַכט און זיי האָבן אים, מאירן, פאַרטריבן, אַ בחור מיט אַ פּעלערינע פאַריאָגט און דעם מר שור, דעם שאַלאָמניק, שוין אויך געגעבן דעם וועג. און צו וואָס? צו ווען? אַזש באַדאַרפט אויס־שרײַבן אַ וואַסער־פירער אין דער גובערניע? קאַרג דאָ אין שטעטל?

און ווי ער האָט זיך אַזוי צוגעשלעפּט צום הײַזל און גע־טאָן אַ קוועטש די קליאַמקע פון דער טיר, האָט ער געמיינט, אַז ס'האַרץ שפּיליעט זיך אים אָפּ צווישן יאָ און ניין, און ווען ער איז אַרײַן אין חדר אַרײַן, איז אים נאָך ערגער געוואָרן, דער־זעענדיק זײַן אייגענעם זון, אַ הויכן לאַפּעצאַן, מיט אַ פּאָר אָנגעשוואָלענע וואַרגעס, ווײַזט אויס פון הונגער, שטיין און דוכענען איבער אַ ברויט מיט אַ כוונה.

— „ס'קאָצל קומט, פון וואָס פאַר אַ מגפה האָט עס דיך אָנגעטראָגן?" — האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט ווי ווערטער פונעם מויל.

— „ווייס איך?" — איז דער זון בײַ זיך ניט אַראָפּגעפאַלן פון דער באַגעגעניש און גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן דעם טאַטן אין דער פּלייצע: — „אַ וויסטער רוח האָט מיך אַהער פאַר־טראָגן, טאַטע. כ'וויל מיך דאָ אויספּאַשען אַ פּאָר חדשים. פײַנע מוידן און נישקשה פון ווערגעלעצעס אויסגעוואַקסן הי אויף

גבירישע קעסט, אין סטובער אַרײַן. און דער עיקרשט, די רײַכע יידן אַליין... האַ׳ — און ער האָט אַ קנאַל געטאָן מיטן צינגל — „כ׳וועל מיט זיי שוין לערנען בלק. ס׳וועט זיי אַזש פאַרגיין אונטער די נעגל. נישקשה, „באַטקע״, כ׳וועל זיך מיט זיי אָפּרעכענען, אַ לאַנגן חשבון, פאַרן טאַטנס־טאַטנס־טאַטן״.

1932.

אינהאַלט

	זײַט
װינעריש	3
אַ קרעניצע	11
גװאַלד, איך לעב דאָך נאָך!	39
מאָ—בי—לי—זאַ—צי—ע!	62
װאָס די ערד נעמט צו	74
סיניאָר זשיימאַ, גדליה בעל־עגלהס אַ מוזיניקל	104
מאַסן־קװאַרטיר	125
ברעג־ייִדן	136
הור — ראַ! הור — ר— — —	156
דער פּיטעשטער װאָלף	167
בילדונג	193